STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04829

# MEDINAS YISROEL

K. Ivanov

*Permanent preservation of this book was made possible
by Norman & Leonore Rosenfeld
in memory of
Ray & Morris Rosenfeld*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ק. איוואַנאָוו
ז. שײניס

# מעדינאַס ייִסראָעל

## איר לאַגע און פּאָליטיק

ייִדיש: אַבראַשאַ לעווין

צווייטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע

OBSEQUIO DE LA
EDITORIAL "HEIMLAND"
BUENOS AIRES R. ARGENTINA

פאַרלאַג הײמלאַנד
בוענאָס-איירעס

בוענאָס אײַרעס
1960

דעם בוך ווידמענען מיר צום אנדענק פון אונדזערע פאר־שטארבענע כאַווירים און איבערזעצער: מ. וואַלאַנסקי, פ. קאַץ און ב. שניידער.

פאַרלאַג „הײמלאַנד"

אין דעם בוך ווערט באַהאַנדלט די איצטיקע לאַגע פון מעדינאַס יִסראָעל, דעראיקער אין ליכט פון דער אויסערן־פּאָליטיק פון דעם לאַנד. דער בוך דע־מאַסקירט די רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון די רעגירנ־דיקע קרײַזן פון דער דאָזיקער מעלוכע, אַ פּאָליטיק וואָס איז געווענדט קעגן די שכֵנישעסדיקע לענדער. אין בוך זענען גענומען געוואָרן אין אַכט די געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען אַפן נאָענטן און מיטעלען מיזרעך אין דעם פּעריאָד נאָכן דערשײַנען פון דער ערשטער אויפלאַגע.

עס איז אויסגעברייטערט געוואָרן דער מאַטעריאַל בענוגע דעם אינערלעכן לעבן פון מעדינאַס יִסראָעל, מער אויפמערקזאַמקייט איז געשענקט געוואָרן דעם קאַמף פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון יִסראָעל קעגן דער אַנטי־פאָלקישער פּאָליטיק פון דער יִסראָעל־רעגירונג.

אין דער איצטיקער אויפלאַגע זענען גענומען גע־וואָרן אין אַכט די באַמערקונגען און ווּנטשן וואָס זענען דערהאַלטן געוואָרן פון פיל כאַוועטישע לייענערס און אויך פון אויסלאַנד.

[redacted]

# פארווארט

## צו דער צווייטער אויפלאגע

די ערשטע אויפלאגע פון דעם בוך, וואס איז ארויס אין הארבסט 1958, האט באקומען א סך אפרופן סיי אין ראטן־פארבאנד סיי אין אויסלאנד. א חוץ די אפרופן, וואס זענען פארעפנטלעכט געווארן אין די צייטונגען, האבן די מעכאברים באקומען צאלרייכע בריוו מיט אייצעס, ווינטשן, פערזענלעכע קריטישע באמערקונגען, אויסבעסערונגען און אפילע מיט ביילאגעס פון א גאנצער ריי פארשונגען וועגן פארשידענע אספעקטן פון דער פראגע, וואס ווערט באהאנדלט אין בוך. די מעכאברים נוצן אויס די געלעגנהייט קעדיי אויסצודריקן זייער דאנק פאר די אויבנדערמאנטע בריוו און אייצעס, וואס זענען ווי ווייט מעגלעך גענומען געווארן אין באטראכט ביים צוגרייטן די צווייטע אויפלאגע פון דעם בוך. אין דער צווייטער אויפלאגע זענען אין קורצן באלויכטן אויך די געשעענישן פון דעם אלע אלעם לויפנדיקן אינטערנאציאנאלן לעבן אפן נאענטן און מיטעלן מיזרעך, אף וויפל זיי זענען געווען פארבונדן מיט יִסראעלס פאזיציע אין משך פון פארגאנגענעם יאר. אייניקע מאטעריאלן זענען באנייט אדער דערגאנצט געווארן מיט לעצטע דאטעס.

צום באדויערן האט מען ניט אלע ווינטשן געקענט צופרידנשטעלן. ס'איז א ספעק אויב ס'איז גאר צוועקמעסיק צו ענדערן די הויפט ריכטונג פון אן ארבעט, וואס באטראכט מעדינאס יִסראעל פון דעם שטאנדפונקט פון איר אויסערן פאליטיק און פון דער איצטיקער אינטערנאציאנאלער לאגע אפן מיזרעך. יענע לייענער, וואס אינטערעסירן זיך מיט יִסראעלס לאגע און פאליטיק אין א פיל ברייטערן פארנעם, קענען זיך ווענדן צו דער אינפארמאטיווער ליטעראטור וועגן די לענדער פון דעם נאענטן מיזרעך אדער צו ספעציעלע ווערק וועגן דעם איניען. אייניקע רעצענזענטן האבן געאייצעס צו ענדערן די סטרוקטור פון דער ארבעט: ארויסברענגען צוערשט די גאנצע געשיכטע פון דער פראגע און שפעטער באלויכטן די הייַנטיקע לאגע, די גאנצע טעאריע א. א. וו., לויטן שטייגער פון אנדערע ווערק פון אזא מין. פון אזעלכע מיינונגען פילט זיך א ביסל א גערוך פון פעדאנטיזם און אגעוו, דארף מען אויך ניט פארגעסן וואלטערס מיינונג, אז אלע זשאנרען פון דער ליטעראטור זענען גוט, אויסער נודנע.

מען קען ניט אויסבאהאלטן אז מיצאד די בורזשואזע נאציאנאליסטישע קרייזן פון יזראעל, האט דאס בוך ארויסגערופן שארפע פיינטלעכע אפרופן, וואס לייקענען אפ, אין אלגעמיין, אזוי צו זאגן פון אנהויב, דאס הייסט אן באגרינדונגען און אן באווייזן, אלע גרונט טעזיסן פונעם בוך.

און דער רעזולטאט איז א בוילעטער. מיר האבן פאר זיך א גאנצן שטוים בורזשואזע נאציאנאליסטישע ציימונגען פון יסאעל מיט די ראפי־נירטסטע זידל־רעצענזיעס. אגעוו, וואס דען האט מען געקענט דערוואַרטן? עס וואלט דאך בעעמעס געווען מאדנע צו באקומען גוטע אפרופן מיצאד די רעאקציאנערע ציעניסטן פון יזראעל וועגן א ביכל, וואס איז אנגעשריבן געווארן קעגן די יזראעלישע ציעניסטן אדער גאר צו באקומען אן אנערקע־נונג מיצאד בענגוריענס אידייען־כאווירים אין שייכעס מיטן דעמאסקירן בענגוריענס פאליטיק.

און דאך — אזא וואונדער! אין דעם שטארק רוישנדיקן שטראם פון די אנפאלן פון אונדזערע אפאנענטן פון טעל־אוויוו, האט זיך ניט געפונען קיין איין ערנסט ווארט וועגן דער שטעלונג פון יזראעלס נאציאנאליסטישע בור־זשואזע פארטייען אין באצוג צום קאלאניאליזם און צום קאמף קעגן אים מיצאד אלע מיזרעך־פעלקער. און די הויפט טעזע, וואס ווערט דערוויזן דורך אלע מאטעריאלן פון ביכל, באשטייט דאך דאווקע דערין, וואס אין דעם זיסטארישן קאמף, וועלכער וויקלט זיך אויס אפן מיזרעך, האבן די רעגירונגס־קרייזן פון יזראעל זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דעם קאלאניאליזם און זיי געפינען זיך אין איין לאגער מיט די קאלאניזאטארן.

פארוואס האבן די אפאנענטן אין יזראעל פארשוויגן אט די פראגע? דערויף קען, ווי עס שיינט, ענטפערן דער גאנצער אינהאלט פון דעם בוך. ווי קענען די יזראעלישע ציעניסטן האבן מוט ארויס־צוטרעטן קעגן די קאלאניזאטארן אדער קעגן די אימפעריאליסטן, ווען די נאענטסטע פריינט (און אויך באלעבאטים) פון אונדזערע אפאנענטן זענען דאך די פארביסנסטע קאלאניזאטארן און אימפעריאליסטן פון ניו־יארק, פאריז, אנטווערפן, לאנדאן אדער אמסטערדאם. אונדזערע טעל־אוויווער קריטיקערס זענען ניט אין שטאנד ארויסצוטרעטן קעגן די קאלאניזאטארן, אבער אויך ניט אויסצודריקן אפן זייער סאלידארישקייט מיט זיי... און גלאט שווייגן פאסט דאך אויך ניט. בלייבט איבער בלויז איינס — „איראניע", און דערמיט באנוצן זיך גאנץ גערן אונדזערע אפאנענטן, און זי, הייסט עס, מוז צו אש מאכן די מעכאברים פון בוך, וועלכע האבן געוואגט צו באריחן אזא „דעלי־קאטע" פראגע פאר די יזראעלישע רעגירונגס־קרייזן.

א מוסטער פון אזא מין ארט „איראניע" געפינען מיר, צום ביישפיל, אין אן ארטיקל פון דעם העד שורער אין דער רעגירונגס־ציימונג „דאוואר" פון 19־טן נאוועמבער 1958.

„דאס בוך (פון ק. איוואנאוו און ז. שיינים), — שרייבט שורער — באזוכט איבער די באקאנטע „פאריאגונגס־לעגענדע", לויט וועלכער די יידן האבן קלוימערשט פאריאגט די אראבער פון דער בעסטער ערד. עס איז ניטא קיין זייכער פון באווייזן, דאקומענטן, באריכטן וועגן דעם אז די אראבער

האָט מען ניט פֿאַריאָגט און אַז די ערד איז „גוט" געוואָרן נאָך דעם ווי די ייִדן האָבן זי באַאַרבעט, און אַז די אַראַבער האָבן פֿאַרבעסערט זייער ערד און די ווירטשאַפֿט אויסנוצנדיק די ייִדישע מעטאָדן. ווײַל דאָס בוך איז געצילט צו דערווײַזן די דיסקרימינאַציע קעגן די אַראַבער און ניט די באַדערפֿענישן פֿון די ייִדן און זייערע דערגרייכונגען.

אומזיסט וועלן מיר זוכן כאָטש איין וואָרט וועגן דעם אַנטלויפֿן פֿון די אַראַבער פֿון לאַנד. מען רעדט נאָר וועגן „פֿאַרטריבן 900.000 אַראַבער"...

אַלזאָ, דער פֿעלער פֿון אונדזער בוך באַשטייט דערין, וואָס אין אים זענען ניטאָ קיין באַווײַזן, אַז די אַראַבער האָט מען ניט פֿאַריאָגט פֿון מדינת ישׂראל. ס'איז צו שטוינען, ווײַל פֿון אַזעלכע דאָקומענטן פֿאַרמאָגן מיר טאַקע ניט קיין זייכער. ווײַזט אויס, אַז מיר האָבן שלעכט באַנומען די פּאָליטיק פֿון דער ישׂראל־רעגירונג און ביפֿראַט די פּאָליטיק פֿון דעם איצ־טיקן פּרעמיער־מיניסטער, בען גוריאָן? אָבער, האָבן מיר דען ניט שטודירט לאָגיק און מיר ווייסן דען ניט מיט וואָס מיר קענען פֿאַרדינען הער שורערס אָנערקענונג? די צײַטונג „דאַוואַר" איז דאָך בענגוריענס אָרגאַן און דער הער שורער איז דאָך איינער פֿון די נעוויאָים פֿון דעם אָרגאַן, אַ נאָווי, וואָס האָט אַגעוו באַקומען אין טעל־אָוויוו אַ גאַנץ שרײַענדיקע, כאָטש ניט קיין איבעריק אָנשטענדיקע באַרימטקייט. איז קעדיי צו דערווערבן הער שורערס סימפּאַטיע, לאָמיר בעסער ציטירן מער בענגוריאָנען און זײַנע מעקוירעווים. אַזוי וועלן מיר עס טאַקע טאָן: דער נאָענט מיזרעכדיקער פּאַריז, ווי מען רופֿט מיט שטאָלץ טעל־אָוויוו אין ישׂראל, איז אַן שום סאָפֿעק ווערט אַ „מעסע"! און קעדיי ניט צו באַליידיקן אויך אַנדערע אָפּאָנענטן וועלן מיר אין גאַנג פֿון אונדזערע באַשרײַבונגען, אָדער אין די באַמערקונגען צום טעקסט פֿון דער צווייטער אויפֿלאַגע, ענטפֿערן, לויט די מעגלעכקייטן, אויף זייערע קריטישע באַהויפּטונגען.

עס לוינט אָנצומערקן, אַז איינע פֿון די פֿירנדיקע ישׂראליִשע ציוני־סטישע צײַטונגען „האַבאָקער", פֿאַרעכנט ניט לעהיפֿעך צום הער שורער צו די פֿעלערן פֿון אונדזער באַשיידענער אַרבעט דעם מאַנגל פֿון דאָקומענטן. אין ג. צאַפּראַנים אַרטיקל, שרײַבט די צײַטונג, דעם 17־טן נאָוועמבער 1958:

„אַ קאָנצענטראַציע פֿון זייער אַ רײַכער אינפֿאָרמאַציע אין בוך, זאָגט אײדעם וועגן גרינטלעכע און גרויסע פֿאָרשונגען, וועלכע ווערן דורכגעפֿירט אין מאָסקווע. אָדער לויט איר באַפֿעל, וועגן דער זאַמלונג פֿון מאַטעריאַל אין ישׂראל און צו שטודירן אים אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַקטועלע פּאָליטישע באַדערפֿענישן פֿון דער סאָוועטישער פּאָליטיק אויפֿן נאָענטן מיזרעך און אין לאַנד גופֿע, אויף וויפֿל דאָס האָט אַ שײַכעס מיט ייִדן. מען מוז באַמערקן, אַז דאָס בוך איגנאָרירט ניט אויך די רעליגיעזע פֿראַגעס און אין דעם קאַפּיטל וועגן ירושלאַים ווערט געשענקט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פֿון דער שטאָט און אויך דער פֿראַגע וועגן די הייליקע ערטער. צאָלרײַכע ציטאַטן פֿון דער ישׂראליִשער און פֿון דער אויסלענדישער ליטעראַטור וועגן ישׂראל זאָגן אײדעם וועגן דעם, אַז אַ גרויסער פּערזאָנאַל פֿון פּאָליטישע און היסטאָרישע פֿאָרשערס באַשעפֿטיקט

זיך מיטן קליינעם ישׂראל, וואָס פאַרנעמט אין דער פּאָליטישער פאָרשונג, וועלכע ווערט דורכגעפירט אין ראַט־פאַרבאַנד, אַ פּלאַץ וואָס אַנטשפּרעכט ניט די געאָגראַפישע אויסמעסטונגען פון לאַנד. עס איז ניטאָ קיין איין צייטונג, פּלוגבלעטל, זשורנאַל, רעדע, וויקועד אָדער מעלדונג אין ישׂראל, פון דעם ערשטן טאָג פון אויפקום פון דער מדינה ביז היינט, וואָס זאָל ניט ווערן אויסגענוצט, קעדיי איבערצוצייגן די פולע פאַרשקלאַפונג פון ישׂראל צום מיזרעך". די צייטונג „האַבאַקער" האָט אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט די מעכאַברים פון דעם ביכל אין אַ גאַנצן כאַיל אויספאָרשערס. ס'איז בלויז אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס די צייטונג האָט אַזאַ באַגריף וועגן זשורנאַליסטיק, ווי יועגן האַנטווערקערשאַפט, וואָס באַנוגנט זיך בלויז מיט זאַמלען דורכן זשורנאַליכט די נייטיקע ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען. פאַר דעם צוועק עקזיסטירן דאָך היינט צו טאָג ניט ווייניק אינפאָרמאַציע־אַגענטורן, באַ וועלכע מען קען לייכט באַקומען אַן אויסצוג פון דער וועלט־פּרעסע וועגן יעטווידער פראַגע.

נעמענדיק אין אַכט דאָס, וואָס דאָס בוך איז איבערגעפולט מיט ציטאַטן פון ישׂראלישע דאָקומענטן, קומט דער מעכאַבער פון דעם אַרטיקל אין „האַבאָקער" קימאַט צו אַ פּאָליציייִשן אויספיר, אַז „דאָס פאַררופן זיך אויף אונדזערע קוועלן איבערצייגט נאָך אַן איבעריק מאָל, אַז מיר ווינען אין אַ גלעזערנעם הויז און יעדעס וואָרט וואָס מיר רעדן אַרויס און יעדער אָנגעשריבענער זאַץ קענען דינען ווי אַ מאַטעריאַל פאַר די, וואָס ווילן דאָס אויסנוצן פאַר זייערע צוועקן". איצט מעג „האַבאָקער" זיך פילן רויקער: בען־גוריאָנס רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, וואָס רעגולירט די באַציונגען פון די ישׂראלישע בירגער מיט די אויסלענדער און אויף ישׂראלס „גלעזערנעם הויז" זענען אַזוי איצט אַרום אויפגעהאַנגען פאַרטונקלונגס־פאָרהאַנגען.

אויב „האַבאָקער" זעט כאַלוימעס וועגן גאַנצע שטאַבן, וואָס באַשעפטיקן זיך אין מאָסקווע מיטן קליינעם ישׂראל, איז אָבער דער רעדאַקטאָר פון „האַצאָפע" באַשיידענער אין זיינע באַהויפּטונגען. זייענדיק אויפגעבראַכט אויף דער פאַרקריפּלונג „פון דער געשיכטע פון ציעניזם" און ניט ברענגענדיק קיין שום באַווייזן פאַרוואַנדלט דער אָפּאָנענט אונדזערער די צוויי מעכאַברים אין דריי, דאָך לייקנט ער ניט אויף די אין בוך געבראַכטע פאַקטן וועגן דער שעדלעכקייט פאַרן פאָלק פון ישׂראל פון דער פּאָליטיק פון די רעגירונגס־קרייזן פון דעם לאַנד, האָגאַם ער באַנוצט זיך מיט זידלערייען, וואָס דאָס, ווי עס איז באַקאַנט, האָט קיינמאָל ניט געדינט ווי אַ סימען פון גערעכטיקייט, אָדער ווי אַ וויסנשאַפטלעכער באַווייז אין אַ פּאָלעמיק.

מיר וועלן אויך ברענגען אַן אויסצוג פון אַ רעצענזיע פון בוך וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צייטונג פון דער ישׂראלישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי: „קאָל האָאָם" (די פאָלקס־שטימע). אין אַן אַרטיקל, מיטן טיטל „פאַר וואָס האָבן זיי זיך אויפגערעגט?" שרייבט די צייטונג פון 21־טן נאָוועמבער פון 1958 יאָר:

„דאָס בוך „מעדינאַס ישׂראל, איר לאַגע און פּאָליטיק", וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע, „האָט געשטעלט אויף די פיס" אַלע רעאַקציאָנערע קויכעס

פון יסראעל, האט זיי אויפגעטרייסלט און געבראכט צו צוטומלונג און מיט א פרישער קראפט זיי אריינגעשליידערט אין אן אנטי־סאוועטישע היסטעריע. אפן לאשן פון דער היסטעריע איז אן ערנסט און געמאסטן סאוועטיש בוך געווארן א „פאסקוויל" בא די צייטונגען פון דער בענגוריאנישער קאאליציע, פון „אל האמישמאר" ביז „כערוט".

ווארעם דאס בוך איז ניט געשריבן געווארן אפן סמאך פון די יעדיעס, וואס עס האבן געבראכט די סאכרים קיין וויין און ניט אפן גרונט פון די „באגלויבטע קוועלן". דאס בוך איז געשריבן געווארן אפן גרונט פון דער יסראעלישערווירקלעכקייט, אפן סמאך פון די אנאליזן פון רעדעס און ארטיקלען פון די אפיציעלע רעגירונגס־קרייזן פון אונדזער לאנד. דער גרעסטער טייל פון בוך באזירט זיך אף די דאקומענטן און באשרייבט יסראעלס לאגע און פאליטיק אפן גרונט פון קאנטראלירטע מאטעריאלן, וואס זענען דערשינען שווארץ אף ווייס דא, אין יסראעל.

דעריבער וועט, ווייזט אויס, ניט ווערן אויסגעדריקט קיין פראטעסט צו דער רעגירונג פון ראטן־פארבאנד, ווי עס האט געמאלדן „מאאריוו" פארופנדיק זיך אף קוועלן פון אויסערן־מיניסטעריום. ווארעם בענגוריאנס רעגירונג קאן ניט פראטעסטירן קעגן... בענגוריאנס מעלדונגען. קעגן מעלדונגען פון י. אלאן ש. פערעס, עשקאל, יארי, גאלדמאן, גורעוויטש און בעגין. דאס איז די סיבע, פאר וואס זיי וועלן ניט פראטעסטירן, אבער ס'איז אויך די סיבע פון זייער אויפרעגונג. ווייל אין בוך זענען געזאמלט געווארן קלארע פאקטן און זיי זענען צוגעטראגן געווארן דעם לייענער אין א קאנצענטרירטער פארעם, ווי א באשולדיקונגס־אקט קעגן דער רעאקציאנערער פאליטיק פון די יסראעלדיקע הערשערס, א פאליטיק, וואס האט פארוואנדלט יסראעל אין א געדונגענער שווערד, אין א באזע פון מיטהעלפער און פון אגרעסיע צו דינסט פון די סאנים פון פאלק און פון די מילכאמע־צינדער צו דינסט פון די קאלהאמינים אימפעריאליסטן.

זיי בייזערן זיך, מאכמעס דאס בוך האט צונויפגעזאמלט אלע פאקטן און האט באשאפן א פולקאם בילד. און אזעלכע מינים רעגירערס ציטערן דאך שטענדיק בלויז פאר איין זאך: די פאלקס־מאסן זאלן ניט געדענקען און זיי זאלן זיך אפילע ניט דערמאנען וועגן דעם, וואס מען האט זיי צוגעזאגט מיט א יאר צוויי צוריק, נעכטן, אייערנעכטן. זיי זאלן זיך ניט איבערציינגן דערין, אז דער גרויסער ליגן ציט זיך דורך אלץ ווי א רויטער פאדעם, ווי א פארזשאווערטער דראט. דערפאר האבן זיי זיך אזוי דערשראקן. זיי, וואס בויען זייע פאליטיק אף ליגנס, אף פארקריפלונגען און אף א קורצן זיקארן, האבן פלוצלינג דערזען פאר זיך א בוך, וואס קאנצענטרירט זייערע דערקלערונגען פון פריער און פון היינט (אף אזוי ווייט ווי דאס איז מעגלעך ארויסצוברענגען אין איין בוך). זיי האבן דערזען און זיך דערשראקן: ווייל לייענענדיק דאס בוך קענען די פאלקס־מאסן פארשטיין וואוהין, צום ראנד פון וועלכן אפגרונט שטופן זיי זייערע פירער. דעריבער זענען זיי געווארן אזוי אויפגערעגט".

און ווייטער, אנאליזירנדיק פארשידענע אויסצוגן, האשארעם און פעל־

שונגען פון די ציעניסטישע קריטיקערס פון דעם בוך און אפווארפנדיק די פרואוון צו שילדערן די מעכאברים ווי סוינע יזסראעל, מערקט אן „קאל האאם":

„דעם עמעס זאגנדיק, מאלן אויס די מעכאברים ניט נאר דאס בילד פון בענגוריאנס יזסראעל, נאר זיי אנטפלעקן זייער טיפע קענטניש וואס שייעך דער שאפונג גופע פון מעדינאס יזסראעל, און אויך זייער זארג פאר יזסראעלס צוקונפט. אויב אבער דער איניען ווערט אין יזסראעל פארגעשטעלט אנדערש, אין א „טונקעלער אפשטויסנדיקער שיין", מוז מען זוכן די שולד אין בענגוריאנס רעגירונג, אין איר פאליטיק, בא אירע באלעבאטים און מעשארסים".

ווענדנדיק זיך צו די רעאקציאנערע ציעניסטישע זשורנאליסטן, שרייבט די יזסראעל־ציטונג:

„מען קען דאך ניט אייביק זיך פארשטעלן פאר א צאדיק, ווען הינטערן רוקן הענגט די גאנצע צייט א פולער זאק מיט פארברעכנס! די סאוועטישע מעכאברים זענען ניט געווינט צו באפוצן מיעסקייטן, צו פארטיידיקן צע־פוילטקייט, צו בארעכטיקן פארברעכערס. זיי קענען נאר איינס — זאגן דעם עמעס. און ווער ווייסט בעסער פון די פארלוימדערס אליין, אז דאס בוך האט נאך ניט ארויסגעזאגט דעם גאנצן עמעס, די גאנצע זאך וועגן די העסלעכע מאכינאציעס זייערע קעגן די שכייניש פעלקער, צו דינסט פון דעם אימפע־ריאליזם, אלע זייערע פארברעכנס קעגן די נאציאנאלע אינטערעסן פון יזס־ראעלס פאלק, קעגן די וויטאלע אינטערעסן פון דעם ארבעטער־פאלק.

די אנטי־סאוועטישע היסטעריע איז א כראנישטע קרענק פון דער אנפירנ־דיקער יזסראעלישער רעאקציע. און זי איז געפערלעך קוידעם־קאל פאר יזסראעל, פאר איר לאגע און צוקונפט. זי פארסאמט אונדזער נאציאנאלן ארגאניזם מיט געפערלעכע טויט־מיקראבן פון דעם אפשטארבנדיקן אימפע־ריאליזם.

אונדז שיינט אז דער גלענצנדער ענטפער צו די יזסראעלישע רעאק־ציאנערן, אנגעשריבן אין טעל־אוויוו, איז נאך א באווייז, אז אין מעדינאס יזסראעל זענען פאראן קויכעס וואס שאצן אפ ניכטער, קלאר און אומבעראב־הענגיק דעם אנטיפאלקישן כאראקטער פון דער פאליטיק פון די רעגירונגס־קרייזן פון יזסראעל, און זעען דעם אויסוועג ווי אזוי ארויסצוקריכן פון דעם דורך זיי געשאפענעם פלאנטער.

## די מעכאברים

# האַקדאַמע

דער נאָענטער מיזרעך!

אַף דער געאָגראַפישער מאַפּע ווערט ער באַצייכנט דורך אַ געלן פלעק פון דעם אַראַבישן האַלבאינדזל, דורך אַ גרינעם שטעטל צווישן די טײַכן איפראַט און טיגרוס, דורך ברוינע געבערג פון לעוואַנט־לענדער, דורכן בלויען פאַס פון דעם סועץ־קאַנאַל און די העלע קאָנטורן פון די גרענעצן פון דער פאַראייניקטער אַראַבישער רעפּובליק. דאָ וווינען הויכטזאַכלעך אַראַבער.

אַפן ערשטן בליק קען זיך אויסדוכטן אַז דאָס איז פאַרהעלטניסמעסיק ניט קײַן גרויסע געגנט. פונדעסטוועגן קען בלויז דער אַראַבישער האַלבאינדזל אַרײַננעמען אַף זײַן טעריטאָריע אַלע מײַרעוו־אייראָפּעיִשע לענדער צוזאַמען. די אַראַבער באַוווינען ניט נאָר דעם נאָענטן מיזרעך, די אַראַבישע וועלט שפּרייט זיך אויס ווײַטער צום מיזרעך דורך גאַנץ צפון־אַפריקע, און די לענג פון די ברעגן פון אַטלאַנטישן יאַם ביזן פּערסישן אײַנגוס אין דעם אַראַבישן יאַם דערגרייכט ביז 5 טויזנט קילאָמעטער.

דאָ געפינען זיך איבער דרײַ צענדליק אַראַבישע מעלוכעס, שייכטומס, סולטאַנאַטן און פּראָטעקטאָראַטן, וואָס זייערע באַפעלקערונגען לעבן אין די פאַרשידנסטע באַדינגונגען, אַנהויבנדיק פון לענדער מיט אַ מער אָדער ווײַניקער אַנטוויקלטער, לויטן מיזרעך אינדוסטריע, און ענדיקנדיק מיט ריין לאַנדווירטשאַפטלעכע און פיִצובטלערישע געגנטן מיט הערשנדיקע פעאָדאַלע און אַפילע פאַר־פעאָדאַלע באַציונגען. אייניקע פון די לענדער ווי צום בײַשפּיל אַלזשיר, אַדען, קוּווייט און אַנד. זענען נאָר ביז הײַנט קאָלאָניעס אָדער האַלב־קאָלאָניעס.

די נאַטור פון דעם נאָענטן מיזרעך איז אייגנאַרטיק און ספּעציפיש שטרענג. אַ ברענענדיקע, קימאַט עקוואַטאָרישע זון, אַ ריינער הימל אָן וואָלקנס, באַוועגלעכע מידבער־זאַמדן און צעגליטע שטיינערנע בערג־פלאַכן. און צווישן זיי שאָטנדיקע וועלדער פון אַליוון־ביימער, ציטרוס־ביימער און פאַלמעס. רײַכע, און אויך פאַראָרעמטע — לויט די יאָרן — פעלדער פון ווייץ, גערשטן און באַוול. אַ ווילדע בונטע גרינקײַט אומעטום, ווו עס איז נאָר פאַראַן וואַסער, וואָס איז דער לעבנסקוואַל אַפן מיזרעך און אַ שליסל צום מיזרעך־הימל.

אַ שטילקײַט און אַ פאַרגליווערונג הערשן דאָ קימאַט שטענדיק, כוץ אין די פעריאָדן פון רעגנס, אָדער פון די טרוקענע ווינטן, וועלכע קומען אויף

פּלוצלינג, פאַרשטעלן דעם הימל מיט אַ זאַמדיקן שטויב, און פאַרדעקן די זון מיט אַ טרוקענעם געלבלעכן נעפּל.

דאָס לעבן פון די מענטשן אין די מעקוימעס איז זייער ווײַט פון אַ זאַרגלאָזער אידיליע. דוכט זיך, אַז אַף דער וועלט זענען פאַראַן ווייניק ערטער, וואָס זענען רײַכער פון דעם נאָענטן מיזרעך: פאַראַן דאָ נאַפט, נאַטירלעכער גאַז, מינעראַלן און מעטאַלן. מען שמועסט, אַז דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון אַזעלכע מיזרעך־אייראָפּעיִשע לענדער ווי ענגלאַנד, איז פיל אָפּהענגיק פון די ליפערונגען פון נאַפט פון דעם נאָענטן מיזרעך, וווּ עס געפינען זיך קאָנצענטרירט באַ די 70 פּראָצענט פון אַלע אויסגעפאָרשטע נאַפט־רעסורסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. דאָך זענען אין דער געגנט, וואָס ניט אַזאַ גרויסן בײַשטײַער צו דער וועלט־עקאָנאָמיק, נאָך געבליבן ביז איצט אַ סאַך שווערע קאָנסעקווענצן פון דער געוועזענער אימפּעריאַליסטישער מעמשאָלע. עס הערשן דאָ די פינצטערע נויט און אָרעמקײַט, שרעקלעכע קראַנקײַטן און אויך פאַר־היסטאָרישע אַרבעטס־מיטלען, פונקט ווי די מענטשן וואָלטן דאָ, לויטן ווילן פון אַ „בייזן מעכאַשעף”, צוריקגעשלײַדערט געוואָרן אַף טויזנטער יאָרן.

קאָלאָניאַליזם — דאָס איז דער נאָמען פון דעם „מעכאַשעף”. דער נאָענטער מיזרעך איז אַן אָרענע פאַר פּערמאַנענטע געיעגן פון די אויסערלעכע אימפּעריאַליסטישע קויכעס, וואָס קעמפן צווישן זיך פאַר אײַנפלוס־ספערעס, פאַר אַ „בײַלעק” אין דער עקספּלאָטאַציע פון די נאַטירלעכע רײַכטימער. טאַקע דאָ קומען פאַר אין דער לעצטער צײַט די שאַרפסטע צוזאַמענשטויסן צווישן די קויכעס פון שאָלעם און די קויכעס פון אַגרעסיע, צווישן די קויכעס פון פּראָגרעס און די קויכעס פון רעאַקציע, צווישן די נאַציאָנאַלע באַפרײַונגס באַוועגונגען פון פעלקער וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן צו אַן אַנטשיידענער שלאַכט פאַר זייער מעלוכישער אומאָפּהענגיקײַט און פרײַהייט און קאָלאָניאַלע גרויסמאַכטן, וועלכע שטרעבן אײַנצוהאַלטן זייערע וואַקלדיקע פּאָזיציעס.

דער נאָענטער מיזרעך איז אַ פאַרייניקונגס־פונקט פון דרײַ קאָנטינענטן. דאָ גייען דורך די יאַבאַשע, יאַם און לופט־וועגן, וואָס פאַרבינדן אייראָפּע מיט אַזיע און אַפריקע. שוין זינט לאַנגע צײַטן האָט דער דאָזיקער קרייץ־פונקט פון די וועלט וועגן געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקײַט פון יענע לײַט, וואָס בויען זייער וווילשטאַנד אַף דער עקספּלאָטאַציע פון די מיזרעך פעלקער. איבער דער טעריטאָריע פון דעם נאָענטן מיזרעך ציט זיך דער סועץ - קאַנאַל. דער באַוווּסטער געזעלשאַפטלעכער טוער פון אינדאָ־נעזיע אַלי סאַסטראָאַמידזשאָיאָ האָט דעם דאָזיקן וועג אַ נאָמען געגעבן „די הויפּט־אַרטעריע פון קאָלאָניאַליזם”.

איבער דער טעריטאָריע פון דעם סירישן טייל פון דער „אַאַר” און פון לעוואָנען ציען זיך מעכטיקע נאַפט־רערן, וואָס טרײַבן דעם נאַפט פון איראַק און סאַוד־אַראַביע צו די פּאָרטן פון דעם מיטללענדישן יאַם. לויטן סכום פון נאַפט, וואָס ווערט טראַנספּאָרטירט דורך זיי, זענען זיי קימאַט אַזוי וויכטיק ווי דער סועץ־קאַנאַל.

אין אַ סאַך הינזיכטן האָבן שוין די פעלקער געענדערט דעם פּאָליטישן קלימאַט פון דער געגנט. נאָך דעם צוזאַמענברוך פון דעם קאָלאָניאַלן רעזשים

אין אזיע, איז דער נאָענטער מיזרעד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בריק צווישן דער נייַער אזיע און דער שוואַרצער אפריקע, וועלכע איז נאָך פאַרבליבן אונטער אַ קאָלאָניאַלן יאָך. אָבער איצט צעפלאַקערט זיך אין אפריקע וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער דער קאַמף פאַר פרייַהייט, און אַנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע טוערס פון נאָענטן מיזרעד שטרייַכן מיט רעכט אונטער די בלוטקרוויוועשאַפט פון דעם באַפרייַונגס־קאַמף פון די אַראַבער מיט דער באַפרייַונגס־באַוועגונג פון די פעלקער פון אפריקע.

די קאָלאָניזאַטאָרן, די שקלאַפן־אייגנטימער פון דעם 20־טן יאָרהונדערט, שטרעבנדיק אייַנצוהאַלטן די צעפוילטע קאָלאָניאַלע אָרדענונג אין אפריקע, באַמיען זיך מיט אַלע מיטלען צו דערשטיקן די פרייַהייט און די אומאָפּהענגיקייַט פון די אַראַבער. זיי טרוימען ווידער אויפצושטעלן זייער אַמאָליקע הערשאַפט אין נאָענטן מיזרעד און פאַרוואַנדלען די געגנט אין אַ סטראַטעגישן פּלאַצדאַרם, וואָס זאָל זייַן געווענדעט סייַ קעגן די פעלקער פון אזיע און אַפריקע, סייַ קעגן די סאָציאַליסטישע מעלוכעס: דעם ראַטן־פאַרבאַנד און די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. דערמיט זענען פאַרבונדן די קעסיידערדיקע אַרייַנמישונגען פון די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס אין די אינערלעכע איניאַנים פון די מעלוכעס פון דעם נאָענטן מזרעד, קעדיי אָנצורייצן די פעלקער איינס קעגן דעם אַנדערן... דאָס זענען באַמיונגען, וואָס זענען גורעם די אָנגעשטרענגקייַט, וועלכע הערשט אין דער געגנט. אַ געוויסע ראָל אין דעם אַלעמען שפּילן די רעגירונגס־קרייַזן פון יִשׂראל.

אַ קליין לאַנד וואָס געפינט זיך אויף אַ שמאָלן פּאַס פון די מיזרעכדיקע ברעגן פון מיטללענדישן יאַם, יִשׂראל איז אַ קאַפּיטאַליסטישע מעלוכע, און לויט ווי עס האָט אָנגעמערקט דער כ׳ נ. ס. כרושטשאָוו אין אַ שמועס מיט אַן אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכן טוער, באַציען מיר זיך צו איר ווי צו אַלע אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס. יִשׂראל שטעלט ניט פאָר מיט זיך קיין אייַנהייַטלעכע גאַנצקייַט — דאָס איז אַ מעלוכע, וואָס איז צעטיילט אויף קלאַסן: קאַפּיטאַליסטן, גרויסע לאַטיפונדיסטן, אַרבעטער און פּויערים. אין איר לעבן שפּילן אַ געוויסע ראָל אַזעלכע שיכטן ווי די האַנטווערקער, די קליינע האַנדלס־בורזשואַזיע און אויך די אינטעליגענץ.

האָגאָם אין אַט דעם זינען צייכנט זיך יִשׂראל ניט אויס צווישן די אַנדערע קליינע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דאָך רופט אַרויס די מעדינע, שוין פון די ערשטע טעג פון איר אויפקום ד. ה. זינט עפּעס מער ווי מיט צען יאָר צוריק, אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייַט מיצאַד דער אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפטלעכקייַט, קוידעם קאָל אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער פּאָזיציע, וואָס זי פאַרנעמט אין נאָענטן און מיטלן מיזרעד. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די יִשׂראלישע מעלוכע געפינט זיך צווישן די אַראַבישע לענדער פון דעם נאָענטן מיזרעד, האָט זי זיך אין קעגנגעשטעלט די אַראַבער און זייער נאַציאָנאַלן באַפרייַונגס־קאַמף. האָגאָם געאָגראַפיש געפינט זיך יִשׂראל צווישן די לענדער פון פאָדער־אזיע, דאָך דערקלערן די יִשׂראלישע רעגירונגס־קרייַזן, אַז יִשׂראל איז אַ „פרעמדער קערפּער" און אַז ער איז דער „פאַרשפּרייטער פון דער מיִרעוודיקער ווירקונג"

אפֿן מיזרעך. נאַטירלעך, אַז אין אַן עפּאָכע ווען עס צעפֿאַלט זיך דער קאָלאָניאַלער סיסטעם פֿון אימפּעריאַליזם, מוז אַזאַ פּאָליטיק רופֿן די אויפֿמערקזאַמקייט מיצד יענע, וועמען עס זענען טײַער די אינטערעסן פֿון שלום, זיכערקייט און פֿרײַהייט פֿון די פֿעלקער.

אין אונדזער צײַט קען ניט בלײַבן אָן סימפּאַטיע מיצד די אָרנטלעכע און שלום ליבנדע מענטשן פֿון דער גאָרער וועלט, דער מעסיראַס נעפּעשדיקער קאַמף פֿון די אַראַבישע פֿעלקער פֿאַר זייער באַפֿרײַונג פֿון קאָלאָניאַליזם.

וויפֿל זיי האָבן זיך ניט באַמיט, איז דאָך אַפֿילו די קאָלאָניזאַטאָרן ניט געלונגען אויסצומעקן פֿון דעם זיקאָרן פֿון די פֿעלקער די באַווײַזן פֿון די וויכטיקע בײַטראָגן מיצד די אַראַבער פֿאַר דער וועלט־געשיכטע און פֿאַר די קולטורעלע אויצרעס פֿון דער מענטשהײַט. ווי עס איז באַוווּסט, זענען אין אַלטערטום די אַראַבישע לענדער געווען איינער פֿון די צענטערס פֿון דער וועלט־קולטור, אַ זאַמלפּונקט פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, דער וועג צווישן אייראָפּע און אינדיע. די אַראַבישע לענדער זענען באַרימט געווען אויף דער וועלט מיט דעם שטאַרקן דאַמעסקער שטאָל, מיט וווּנדערבאַרע טעפּיכער און מיט אַנדערע אויסאַרבעטונגען, אָבער נאָך מער מיט זייערע גרויסע וויסנשאַפֿטלער, פֿילאָזאָפֿן און בוי־מײַסטערס. אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע האָט אייראָפּע באַקומען פֿון די אַראַבער אַ קולטור־ירושה, וואָס נעמט אַרום די הויפּט־געביטן פֿון דער וויסנשאַפֿט: אַלגעברע, טריגאָנאָמעטריע, אַסטראָנאָמיע און מעדיצין. די אַראַבער האָבן געגעבן דער מענטשהײַט די אַריטמעטישע ציפֿערן, וועלכע ווערן באַנוצט קימאַט אין דער גאָרער וועלט. אַ סך פֿריער ווי די אייראָפּעער האָבן זיי געעפֿנט בײַ זיך הויך־שולן. די אָבסערוואַטאָריע, ביבליאָטעקן, שפּיטאָלן, פּאָסט־באַדינונג, וואָס זענען געשאַפֿן געוואָרן אין דער אַראַבישער וועלט, האָבן יאָרן לאַנג געדינט ווי אַ בײַשפּיל פֿאַר אַנדערע פֿעלקער. די אייגנאַרטיקע אַראַבישע מעלאָדיעס האָבן אַנטציקט די אַלע, וואָס האָבן זיי געהערט. די קאָמפּאָזיטאָרן ביזע, סען סאַנס, באָראָדין, רובינשטיין און רימסקי־קאָרסאַקאָוו האָבן ניט איין מאָל זיי אויסגענוצט אין זייערע שאַפֿונגען.

די אַראַבער, פּונקט ווי פֿיל אַנדערע פֿעלקער אויף דער וועלט, זענען דורכגעגאַנגען אַ שווערע און מאַרטירערישע געשיכטע. זיי האָבן געליטן פֿון אויסלענדישע אינוואַזיעס און פֿון די קרייץ־צוגן, זיי האָבן איבערגעטראָגן בעמעשעך פֿון הונדערטער יאָרן אַן אומבעראַכמאָנעסדיקן קאָלאָניאַלן יאָך, צוערשט אונטער די טערקן, און שפּעטער אַן ענגלישן און פֿראַנצויזישן. זיי האָבן געליטן פֿון אַן אַכזאָריעסדיקער עקספּלאָטאַציע מיצד די אַרײַנדרינגער אין דעם נאָענטן מיזרעך, גײַציקע נאָך אַשירעס, אויסלענדישע הענדלערישע און קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס. די באַוואָסערונג־קאָנסטרוקציעס און סיסטעמען פֿון דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהײַט זענען צעשטערט אָדער גאָר פֿאַרוואָרלאָזט געוואָרן אין די צײַטן פֿון קאָלאָניאַליזם. די פֿריער פֿרוכטיקע פֿעלדער זענען פֿאַרוואָנדלט געוואָרן אין אַ מידבער. אַ טיפֿער אָפּגרונט האָט זיך אויסגעשפּרייט צווישן דעם שרײַענדיקן, פּראָנכן לוקסוס פֿון געציילטע „קרײַזן", רײַכע אייגנטימער פֿון לעגענדאַרישע פּאַלאַצן, און דער שוידערלעכער נויט

פון דער דארפישער און שטאטישער ארעמקייט, וואס האט פארגעשטעלט מיט זיך די הויפט־מאסע פון דער אראבישער באפעלקערונג.

דער שטענדיקער אומאויפהערלעכער קאמף פון די אראבישע פעלקער פאר באפרייונג פלעגט דערשטיקט ווערן דורך אבזאריעשע מעטאדן. דער פארשער פון דער פראנצויזישער קאלאניאלער פאליטיק, מארסעל עגרעטא, דער מעכאבער פון בוך „די אלזשירער נאציע עקזיסטירט", וואס איז דערשינען אין פאריז אין 1957, שרייבט אז אין 1871, ווען עס איז אויסגעבראכן אן אויפשטאנד קעגן די קאלאניזאטארן, האט דער אלזשירער גובערנאטאר, אדמיראל גיידאן, באקומען פון טיערן, דעם טאליען פון דער פאריזער קאמונע, א באפעל וואס האט פארארדנט: „האנדלען אין אלזשיר פונקט אזוי ווי אין באצוג צו דער קאמונע". אזוי ארום איז דער גורל פון די פאריזער פראלעטאריער און פון די קאלאניאלע אלזשירער שקלאפן געווען א געמיינזאמער, און די סאנים פון די און פון יענע זענען געווען זייערע געמיינזאמע סאנים.

אבער די שווערסטע ליידן זענען אויסגעפאלן אף די פעלקער פון נאענטן מיזרעד זינט מען האט דארט אנטדעקט נאפט. אין אונדזער צייט, אין דער צייט פון עקספלאזיע־און פון דיזעל־מאטארן איז נאפט דער באקוועמסטער און דער קאלאריעס־רייכסטער ברען־שטאף, אן וועלכן עס איז אוממעגלעך די ארבעט פון דעם אויטאמאביל־טראנספארט, פון לופט־און יאם־פלאט און אויך אין א גרויסער מאס פון דער גאנצער אינדוסטריע. נאפט איז דער רוי־שטאף פאר הונדערטער טייער קאסטנדיקע כעמישע פראדוקטן, אנהייבנדיק פון מעדיקאמענטן און ענדיקנדיק מיט די קוואליטאטיווסטע סינטעטישע סמאלעס און פיברעס.

ווען עס איז אין דעם נאענטן מיזרעד אנטדעקט געווארן נאפט, זענען די קאפיטאליסטישע רויב־פייגל באפאלן די אראבישע לענדער מיט א צענפאכיקער ענערגיע, זיי האבן זי פארוואנדלט אין שקלאפן מערק און אייגעפירט דארט אזא מין עקספלאטאציע, וואס איז אפילע אין דעם אוראלטן רוים ניט געווען באקאנט. דער צוזאמענפאל פון די לאנג אפגעלעבטע אוראלטע ווירטשאפטלעכע פארמען מיט די עקלהאפטסטע דערשיינונגען פון אימפעריאליזם פלעגט פארוואנדלען דאס לעבן פון די אראבער אין א גהענעם און זיי פארארטיילן צו א לאנגזאמער אויסשטארבונג. דער איראקער וויסנשאפטסמאן, דזשאפאר כאיאט, דער מעכאבער פון א בוך וועגן איראק, דערשינען אין ביירוט אין 1950, באשרייבט אף דעם ווייטערדיקן אויפן די רעזולטאטן פון דער קאלאניאלער העשאפט, וואס דאס לאנד, וואס איז זייער רייך אין נאפט־קוואלן, האט איבערגעלעבט.

„די אויסלענדישע הערשאפט האט געהאט א זייער שווערע ווירקונג אף אלע אספעקטן פון לעבן פון דעם לאנד. יאר איין, יאר אויס האט איראק געליטן פון פלאגן. דאס לאנד פלעגט פארוויסט ווערן פון עפידעמיעס פון כאלערע, פעסט און אויך אנדערע קראנקייטן. אפט מאל פלעגט דאס לאנד איבערטראגן הונגער.".

אין מאנאט יולי 1958 האט אן אמעריקאנער זשורנאל „ניוסוויק" געשריבן, אז „קנאפע 90 פראצענט פון דער איראקער באפעלקערונג, ליידנדיק

פון קאלערליי קראנקייטן, פירט א הונגער עקזיסטענץ אונטער דער מאכט פון די שייכן פון שוואטים. מען וואלגערט זיך אין ליימענע הייזקעס און גאר ווינציק באקומען זיי אף זייער כיילעק פון די 200 מיליאן איינקונפטן, וואס דאס לאנד האט יערלעך פון נאפט."

גלייכצייטיק האט דער פראנצויזישער פארשער פ. גורו, וועלכן מען קען בעשום אופן ניט כוישעד זיין אין סימפאטיע צו די אראבישע פעלקער, געשריבן אין זיין בוך „אזיע":

„ווען די האכנאסעס, וואס איראק באקומט פון אירע נאפט־קוואלן, וועלכע זענען היינט צוטאג די הויפט רעסורסן פון לאנד, וואלטן פארנוצט געווארן פאר קינסטלעכער באוואסערונג, וואלטן די מעגלעכקייטן פאר דער אנטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאפט צענפאכיק פארגרעסערט געווארן, און דערמיט וואלט פארזיכערט געווארן דער אויפבלי פון דער באפעלקערונג פון לאנד".

מיטן זיג פון דער רעוואלוציע פון מאנאט יולי 1958 און מיטן אראפשליידערן דעם רעאקציאנער קאלאניזאטארישן רעזשים פון קעניג פייסאל און פון נורי סאיד, איז אויפגעגאנגען איבער איראק די זון פון נאציאנאלער אומאפהענגיקייט און פרייהייט. דאס איראקער פאלק האט זיך ענטוזיאסטיש גענומען צו דער שווערער ארבעט פון בויען אן אומאפהענגיקע מעלוכע און פון דערהייבן די נאציאנאלע עקאנאמיק און קולטור פון לאנד. די אויפגעגאנגענע זון האט נאך בוילעטער באלויכטן די קאשמארע פאלגן פון קאלאניאליזם. עס איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז אין מאמענט פון דער רעוואלוציע האט די צאל אנאלפאבעטן אין לאנד איבערגעשטיגן 90 פראצענט אין שטאט און 99 פראצענט אין דארף. מאלאריע, טובערקולאז, בילארציעאז, טראכאמע, בויך־טיפוס און אנדערע אנשטעקנדיקע קראנקייטן און קינדער־קרענק פלעגן אוועקנעמען הונדערטער טויזנטער מענטשלעכע לעבנס. א מיטארבעטער פון דער באשפייזונגס־און לאנדווירטשאפטלעכער ארגאניזאציע פון דער „און", דער פראפעסאר הוגעל, האט דורכגעפירט א פארשונג וואס האט באוויזן, אז 80 פראצענט פון דער באפעלקערונג פון איראק ליידט פון אפשוואכונג פון ארגאניזם. און לויט אפיציעלע דאטן איז דער דורכשניטלעכער מענטשלעכער לעבן־דויער אין פאר־רעוואלוציאנערן איראק געווען בלויז פון 28־30 יאר.

מען קען זיך לייכט פארשטעלן, וואס פאר א אנשטרענגונגען מוזן געמאכט ווערן דורך דעם איראקער פאלק און דורך די אנדערע באפרייטע מיזרעדלענדער, קעדיי צו ענדערן די לאגע און קעדיי גוייווער צו זיין די אלע דערמיט פארבונדענע שוועריקייטן, וואס זענען צענפאך פארגרעסערט געווארן דורך דעם פארביסענעם ווידערשטאנד פון די אימפעריאליסטישע און רעאקציאנערע קויכעס.

די גרעסטע מערהייט פון די פעלקער פון אזיע, אפריקע און אויך פון לאטיין־אמעריקע, זענען דורכגעגאנגען מער אדער ווייניקער דעם זעלבן וועג, וואס די אראבער. פארכאפנדיק די רייכטימער וואס האבן געהערט צו די אראבער, האבן די קאלאניזאטארן באנוצט די זעלבע מיטלען פון פארגוואל־

טיקונג, אונטערקויף, מארד א. א. וואס זיי האבן באנוצט אין אינדיע אדער באם אריינדרינגען פון די אמעריקאנער אין דער נאפט געגנט פון טשאקאבארעאל אין לאטיין־אמעריקע, אדער אין די צייטן פון פארשקלאפן די שווארצע אפריקע, ווו עס פלעגן פארניכטעט ווערן גאנצע שוואטים און פעלקער.

איצט, צום גליק, קומט שוין א סאף צו יענעם טייל פון דער אלוועלטלעכער געשיכטע, וואס האט זיך אויסגעצייכנט מיט דער גרויזאמער, שענדלעכער קאלאניאלער פארניכטונגס־עקספלאטאציע מיצאד א הייפל גרויסע אימפעריאליסטישע מעלוכעס איבער ניין צענטל פון דער גאנצער וועלט־באפעלקערונג. אונטער דער ווירקונג פון דער גרויסער אקטאבער רעוואלוציע, און ווי א פועל־יוצע פון די אינערלעכע געזעצמעסיקייטן פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, האבן זיך אנגעפאנגען צו רירן די פארדרימלטע טיטאנישע קוכעס פון די מיזרעך־לענדער מיט זייער ריזיקער איבער אנדערטהאלבן־מיליארדיקער באפעלקערונג. דארט, ווו מיט 15־20 יאר צוריק האבן אומצעטיילבאר געוועלטיקט די קאלאניזאטארן, וועלכע האבן געשיינט צו זיין אלמעכטיק, זענען געבילדעט געווארן זעלבסטשטענדיקע נאציאנאלע מעלוכעס. די גרויסע כינע, צאפן־קארעע, צאפן־וויעטנאם, באפרייענדיק זיך פון דעם קאלאניאלן און סאציאלן יאך, זענען אוועק צום וועג פון סאציאליזם. אנדערע לענדער, ווי צום ביישפיל אינדיע, אינדאנעזיע, די פאריייניקטע אראבישע רעפובליק, בירמא, ציילאן, אפגאניסטאן, האבן אויך דערגרייכט זייער מעלוכישע זעלבשטענדיקייט. זיי האבן אויסגעפוילט, אז פון זייערע טעריטאריעס זאלן ארויסגעפירט ווערן די אויסלענדישע ארמייען, אז עס זאל אנגערקענט ווערן אלוועלטלעך און געזעצלעך זייער סוווערעניטעט, זיי האבן ניט דערלאזט אז די אימפעריאליסטישע מעלוכעס זאלן זיי אריינציען אין אגרעסיווע מיליטערישע בלאקן, און זיי פירן דורך א ריזיקע ארבעט קעדיי אויפצוהייבן זייער

נאציאנאלע עקאנאמיק. נאך דער צווייטער וועלט־מילכאמע האבן זיך באפרייט פון קאלאניאלן יאך מער ווי 1300 מיליאן נעפאשעס, וואס שטעלט מיט זיך פאר א העלפט פון דער באפעלקערונג פון ערד־קיילעך.

דאס צעפאלן זיך פון דער קאלאניאלער סיסטעם פון אימפעריאליזם ווערט פארגעזעצט. דער קאמף פון די מיזרעך־פעלקער קעגן אימפעריאליזם נעמט אן אן אלץ מער פארביסענעם כאראקטער, ער גייט אריבער צו דער סטאדיע, ווען אף דער באזע פון דער דערגרייכטער פאליטישער אומאפהענגיקייט, ווערט אוועקגעשטעלט און אויך פאקטיש געלייזט די פראגע וועגן דער ליקווידאציע פון דער פינאנציעלער און עקאנאמישער פארשקלאפונג, וואס איז פארבליבן בעיערושע פון די קאלאניאלע צייטן.

באגלייך מיט דעם, און נאכן פאריאגן די קאלאניזאטארן, ווען עס זענען שוין פונדאמענטאל געלייזט די אלגעמיינע נאציאנאלע פראבלעמען, זוכן די פעלקער אן ענטפער אף די סאציאלע פראגעס וואס ווערן ארויסגערוקט דורכן לעבן. קוידעם קאל זענען דאס די לייזונג פון דער אגרארער פראגע און די פראבלעמען פון קאמף צווישן ארבעט מיטן קאפיטאל. אין די רייען פון דער נאציאנאל־באפרייונגס באוועגונג אנטשטייען געזעלשאפטלעכע פראצעסן,

וועלכע געבוירן אומפאַרמײַדלעך פאַרשידענע מיינונגען וועגן די אופאַנים פון דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון זייערע מעלוכעס.

פאַרויסזאָגנדיק דעם אומפאַרמײַדלעכן קראַך פון דעם קאָלאָניאַליזם, האָט וו. א. לענין געשריבן אין 1922: „דער מאָרגנדיקער טאָג אין דער וועלט־געשיכטע, וועט זײַן אַזאַ טאָג, ווען עס וועלן ענדגילטיק אויפוואַכן די פון דעם אימפּעריאַליזם פאַרשקלאַפטע פעלקער און ווען עס וועט זיך אָנפאַנגען דער אַנטשלאָסענער, דויערהאַפטיקער און שווערער קאַמף פאַר זייער באַפרײַונג"!

מיר זענען די מיטמענטשן פון אָט דעם „אַנטשלאָסענעם דויערהאַפטיקן און שווערן קאַמף" פון די קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע פעלקער פאַר זייער ענדגילטיקער באַפרײַונג, וואָס שפּרייט זיך אויס איבעראַל אַפן מיזרעך. דער קאַמף קומט פאָר אין די באַדינגונגען פון אַ אַלץ מער טיפן אַלגעמיינעם קאַפּיטאַליסטישן קריזיס, בײַ אַ פּערמאַנענטן בלי פון די ניצכוינעס פון דער וועלט סיסטעם פון סאָציאַליזם, וועלכע האָבן די בעסטע האַשפּאָע אַפן גאַנצן גאַנג פון דעם נאַציאָנאַלן באַפרײַונגס־קאַמף פון די מיזרעך פעלקער.

איצט ווערט געלייזט אין וועלט־מאַסשטאַב ניט נאָר טעאָרעטיש, נאָר אויך פּראַקטיש, די גרויסע פּראַגע וועגן דער באַפרײַונג פון די מיזרעך־פעלקער פון זייערע דויערעסדיקע פענטעס.

די מיזרעך־פעלקער גייען צו זייער פרײַהייט ניט מיט ברייטע גלאַטע בולוואַרן, נאָר מיט שיווע וועגן באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, מיט פאַר־צווײַגטע וועגן און שמאָלע סטעזשקעס, אַף וועלכע זיי טרעפן זיך אָן מיט סור־פּריזן, אָפּגרונטן און שטערונגען. זיי גייען אָבער, און ניט אָפּנייגנדיק זיך, שלאָגן זיי זיך דורך צו זייער ליכטיקער צוקונפט. עס איז שוין אָנגעקומען דער טאָג וואָס איז פאָרויסגעזאָגט געוועזן פון לענינען, דער טאָג פון דעם זיגרײַכן קאַמף פון אַן ענדגילטיקער באַפרײַונג פון די אונטערדריקטע פעלקער פון די קאָלאָניעס, און עס איז ניטאָ אַזאַ קויעך, וועלכער זאָל אימשטאַנד זײַן צוריק־ברענגען אַף דער ערד די נאַכט פון קאָלאָניאַליזם.

---

# דאָס אַנטשטיין פון מעדינאַס יִסראָעל

די יִסראָעל־מעדינע געפינט זיך אַף אַ שמאָלן פּאַס פון מיזרעכדיקן ברעג פון מיטללענדישן יאַם און גרענעצט זיך מיט דער פאַרייניקטער אַראַ־בישער רעפּובליק, מיט יאַרדאַניע און לעוואַנען. לויט דער גרייס פון איר טעריטאָריע איז יִסראָעל (20,7 טויזנט קוו. קילאָמעטער) צוויי מאָל קלענער פון דער שווייץ. אָנהייב 1959 יאָר האָט די באַפעלקערונג פון יִסראָעל געציילט 2031 טויזנט נעפאָשעס, צווישן זיי 221 טויזנט אַראַבער. עס וועט ניט איבעריק זײַן אָנצומערקן, אַז די פאַרייניקטע אַראַבישע רעפּובליק ציילט אַ באַפעלקערונג (כוץ טיימען) פון 28 מיליאָן נעפאָשעס. די איראַקער רעפּובליק פון 6,9 מיליאָן, סאַוד־אַראַביע פון 7 מיליאָן, סודאַן פון 8,9 מיליאָן, לעוואַנען פון 1,4 מיליאָן און יאַרדאַניע פון 1,4 מיליאָן נעפאָשעס.

יִשראל איז איינע פון די יונגע מלוכות אפן נאענטן מיזרעך. זי איז געשאפן געווארן מיט 10 יאר צוריק אף א טייל פון דער פאלעסטינער טעריטאריע וואס איז ביז מאי פון 1948 געווען אונטער א מאנדאט (קאלאניאלער אנפירונג) פון ענגלאנד. דער באשלוס וועגן שאפן די יִשראלישע מלוכע און וועגן אירע גרענעצן איז אנגענומען געווארן אף דער גענעראל פארזאמלונג פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער, ענדע נאוועמבער 1947.

די הויפט שטאט פון יִשראל, טעל־אוויוו, צוזאמען מיט יאפע, איז לויט דער צאל פון דער באפעלקערונג (363 טויזנט נעפאשעס), מער ווייניקער אזוי גרויס ווי די שטאט יאראסלאוו. די צווייטע, לויט איר גרויס, שטאט חייפע פארמאגט 158 טויזנט איינוווינער, און דער טייל פון יערושאלאיִם, וועלכער געפינט זיך אונטער דעם יִשראלישן קאנטראל, באוווינען 146 טויזנט נעפאשעס. אלע איבעריקע וווינפונקטן פון לאנד באשטייען פון קליינע שטעט און שטעטלעך.

מעדינאס יִשראל איז געשאפן געווארן אף דער פאלעסטינער טעריטאריע, וואס איז ביזן סאף פון דער ערשטער וועלט־מילכאמע געווען א טייל פון דער אטאמאנער אימפעריע, און שפעטער, ביזן 1948 יאר, האט זי זיך געפונען אונטער דער ענגלישער מאנדאט־אנפירונג.

ביז דער צווייטער וועלט־מילכאמע האבן קימאט אלע טעריטאריעס פון דעם נאענטן מיזרעך, אויסער סאוד־אראביע, און טיימען, זיך געפונען אין דער לאגע פון קאלאניעס אדער האלב־קאלאניעס. עמעס איז, אז פון צייט צו צייט פלעגן אין די לענדער פונעם נאענטן מיזרעך אויסברעכן אין דעם פעריאד צווישן דיביידע וועלט־מילכאמעס, רעוואלוציעס, ארבעטער־און פויערים־אויפשטאנדן, פארטיזאנישע ארויסטריטן און מילכאמעס, מיטן ציל זיך צו באפרייען פון קאלאניזאטארישן יאך. סיריע, עגיפטן, איראק, סאוד־אראביע און טיימען זענען שטענדיק געווען אין די ערשטע רייען פון דעם קאמף, וואס האט אונטערגעגראבן די הערשאפט פון די קאלאניזאטארן.

אין דעם גאנג פון דער צווייטער וועלט־מילכאמע האט דער מעכטיקער אויפשטייג פון דער נאציאנאלער באפרייאונגס־באוועגונג ארויסגעשטופט אפן פאדערשטן פלאן די צייטיק געווארענע פראגע וועגן דער ליקווידאציע געגנט פון דער קאלאניאלער סיסטעם אין אט דער זאנע. ס'איז קיין ספק, אז דאווקע די אראבישע פעלקער זענען געווען יענער קויעך, וואס האט געפירט דעם קאמף און וועלכער האט דערגרייכט די באפרייאונג פון קימאט דעם גאנצן נאענטן מיזרעך פון אונטער דעם קאלאניאלן רעזשים.

נאך אין מאנאט מערץ 1943, נאך א סעריע דראמאטישע געשעענישן, זענען די פראנצויזישע קאלאניזאטארן געצוווּנגען געווען שאלעם צו מאכן מיטן פאקט פון דער בילדונג פון נאציאנאלע רעגירונגען אין סיריע און לעוואנען. אין 1946 זענען אונטער דער ווירקונג פון די שאלעם ליבנדיקע קויכעס און לויטן באשלוס פון „און" די פראנצויזישע באיאלעס געצוווּנגען געווען צו פארלאזן די טעריטאריע פון די לענדער. אין דער זעלבער צייט האט זיך אין עגיפטן אנטוויקלט א שטורמישע פאלקס־באוועגונג וואס האט געפא־

דערט דאָס אַרויספירן דאָס ענגלישע מיליטער און אָפּצושאַפן דעם קאָלאָניזאַטאָרישן ענגליש־עגיפּטישן אָפּמאַך פון 1936. די ענגלישע באַמיונגען אַרויפצוצווינגען אַף עגיפּטן אַ נייעם ניט קיין גלייכבאַרעכטיקטן אָפּמאַך, וועלכער וואָלט פּאַקטיש פּאַרפּעסטיקט די האַלב־קאָלאָניאַלע אָפּהענגיקייט פונעם לאַנד לעגאַבע ענגלאַנד, האָט זיך פּאַרענדיקט דערמיט, וואָס סידקיפּאַשאַס רעגירונג, וועלכע איז אַליין געגאַנגען מיט די ענגלענדער אַף אַ קאָמפּראָמיס, איז געצוווּנגען געווען זיך אָנצוזאָגן אין דעמיסיע, סאָף 1946. נאָך דעם האָט עגיפּטן צוגעשטעלט צו דער „און" אַ פאָדערונג וועגן דער אַלגעמיינער און טייקעפּדיקער עוואַקואַציע פון ענגלישן מיליטער פון עגיפּטן, ווי אויך וועגן דער ליקווידאַציע פון דער עקזיסטירנדיקער רעגירונגס־סיסטעם אין סודאַן.

דער עמיראַט טראַנסיאָרדאַניע, וואָס איז געווען אונטער דער ענגלישער מאַנדאַטאָרישער אָנפירונג, איז אין 1946 פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַן אומאָפּהענגיקע מעלוכע, אונטערן נאָמען „ראַשעמיטיש קעניגרייך טראַנסיאָרדאַניע". עמעס איז, אַז די ענגלענדער איז געלונגען אַרויפצוצווינגען אַפן לאַנד אַ ניט קיין גלייכבאַרעכטיקטן אָפּמאַך, לויט וועלכן דאָס ענגלישע מיליטער איז אַף ווייטער פּאַרבליבן אַף דער טעריטאָריע פון דעם לאַנד, און די אינערלעכע און אויסערלעכע איניאָנים פון דער מעלוכע זענען פּאַרבליבן אונטער דעם ניט באַגרענעצטן קאָנטראָל פון ענגלאַנד.

דאָס שליסן אַזאַ ניט קיין גלייכבאַרעכטיקטן אָפּמאַך איז באַגעגנט געוואָרן מיצאַד דער באַפעלקערונג פון טראַנסיאָרדאַניע מיט אַ צאָרנדיקן אויפברויז, באַגלייט מיט מאַסן־דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסטן. דער ווייטערדיקער פּעריאָד האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ וואַקסנדיקער פּאָלקס־באַוועגונג פּאַר אָפּשאַפן דעם אָפּמאַך, און ווי אַ קאָנסעקווענץ דערפון איז ער אין 1955 טאַקע אָפּגעשאַפט געוואָרן.

די כוואַליע פון דער אַראַבישער באַפרייונגס־באַוועגונג האָט זיך הויך אויפגעהויבן אויך אין אַנדערע אַראַבישע לענדער: ווי איראַק און סודאַן, אין די לענדער וואָס געפינען זיך אין מיזרעך זייט פון עגיפּטן. אויך האָט זיך אַנטוויקלט מיט אַ שטאַרקן קויעך די באַפרייונגס־באַוועגונג אַף דער טעריטאָריע פון פּאַלעסטינע, וווּ אין קאַמף קעגן דעם ענגלישן קאָלאָניאַלן רעזשים, האָבן אין מעשעך פון אַ לאַנג־דויערנדיקן פּעריאָד געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אויך די אַראַבער. נאָך דער צווייטער וועלט מילכאָמע האָבן זיך אין דעם קאַמף נאָך מיט אַ גרעסערער קראַפט איינגעשלאָסן די יידישע אַרבעטער־מאַסן. אַזוי אַרום איז נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע אַרויפגעשווומען אַף דעם טאָג־אָרדענונג פון אינטערנאַציאָנאַלן לעבן די פּאַלעסטינער פּראַגע, וואָס האָט זיך פּאַרוואַנדלט, צוליב אַ גאַנצער ריי געשעענישן, אין אַ גאָר קאָמפּליצירטער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָבלעם.

אין דעם קאַמף, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט, איז אויפגעקומען ווי אַ צענטראַלער פּונקט די פּאָדערונג אָפּצושאַפן דעם ענגלישן מאַנדאַט אַף פּאַלעסטינע און געבן דעם לאַנד אומאָפּהענגיקייט. די פּאַלעסטינער פּראַגע האָט אויפגעברויזט די אַראַבער, מאַכמעדאַנער און יידן אויך אויסער די גרענעצן פון

פּאַלעסטינע. ס׳איז באַוווּסט, אַז פּאַלעסטינע רעכנט זיך ווי אַ הייליק לאַנד פאַר דרײַ וועלט־רעליגיעס: מוסולמענער, קריסטן און ייִדן. דעריבער האָבן אַף דער לייזונג פון דער פּאַלעסטינער פראַגע געווירקט ניט נאָר דער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־קאַמף פון די אײַנוווינער פון יענעם לאַנד, נאָר אויך אין אַ געוויסער מאָס די רעליגיעזע אינטערעסן פון מענטשן, וואָס באַוווינען אַנדערע לענדער.

אַ געוויסע באַדײַטונג האָט באַקומען דער פאַרשידנאַרטיקער נאַציאָנאַלער צונויפשטעל פון דער באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע. אין אָנפאַנג 1947 האָבן אַף דער פּאַלעסטינער טעריטאָריע געוווינט אַ מיליאָן 237 טויזנט אַראַבער (67 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג) און 608 טויזנט ייִדן (33 פּראָצענט).

קעדיי בעסער צו פאַרשטיין די באַזונדערקײַטן פון דער לאַגע מוז מען זיך ווענדן צו דער געשיכטע פון פּאַלעסטינע.

אין די אַלטע צײַטן, ביזן 2־טן יאָרהונדערט פון אונדזער ערע, האָט עקזיסטירט אין פּאַלעסטינע אַ ייִדישע מלוכה וואָס איר באַפעלקערונג איז נאָך אַ ריי ניט־געלונגענע אויפשטאַנדן, באַזעצט געוואָרן דורך דער רוימישער מאַכט אין פאַרשידענע לענדער פון פאָדער־אַזיע, אַפריקע און מיטעלער־אייראָפּע. אין פּאַלעסטינע איז פאַרבליבן אַ גאַנץ קליינע צאָל ייִדן, וועלכע האָבן געלעבט זײַט בײַ זײַט מיט די אַראַבער. לויט די דאַטן פון דעם פראַנצויזישן געלערנטן פ. גורו, האָבן אין 1882 אין פּאַלעסטינע געוווינט בלויז 24 טויזנט ייִדן, סאָף 19־טן און אין אָנפאַנג פון 20־סטן יאָרהונדערט האָבן אהין איבערגעוואַנדערט נאָך עטלעכע צענדליק טויזנט ייִדן.

אין 1917 האָט די ענגלישע רעגירונג פּראָקלאַמירט די „באַלפור־דעקלאַראַציע", לויט וועלכער זי האָט זיך פאַרפליכטעט צו שאַפן אין פּאַלעסטינע אַ „ייִדישע נאַציאָנאַלע היים". מיט אַ טעריטאָריע האָט ענגלאַנד, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איבערגעלאָזט אין פּאַלעסטינע אירע אָקופּאַציע־אַרמייען און האָט געפּועלט אַף דער קאָנפערענץ אין סאַן רעמאָ (אין 1920) און שפּעטער אויך אין דער פעלקער־ליגע אַ מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע, און פאַרוואַנדלענדיק דאָס לאַנד אין אירער אַ פאַקטישער קאָלאָניע. באַם פאַרוואַלטן מיט פּאַלעסטינע האָט ענגלאַנד געשטרעבט זיך אָנצושפּאַרן אַף דער פּאַלעסטינער ציוניסטישער בורזשואַזיע. די קאָלאָניאַלע מאַכט האָט געגעבן די פאַרמעגלעכע ייִדן אַ ריי פּאָליטישע פּריווילעגיעס געצילט קעגן די אַראַבער, דערבײַ האָט דער עקזעקוטיוו פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע באַקומען אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס.

שפּעטער זענען די דאָזיקע פונקציעס איבערגעגאַנגען צו דער ייִדישער אַגענץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַפן סמך פון דעם מאַנדאַט פון דער פעלקער־ליגע וועלכער איז אָנפאַרטרויט געוואָרן צו גרויס־בריטאַניע אין יאָר 1922.

קאָקעטירנדיק אין זייער פּאָליטיק סײַ מיט די ייִדן, סײַ מיט די אַראַבער, האָבן די ענגלישע קאָלאָניאַלע מאַכט־אָרגאַנען געהאַלטן אַ קורס אַף צו פאַרגרעסערן די ייִדישע נאַציאָנאַלע מינדערהײַט, וואָס איז פון 84 טויזנט

נעפאַשעם אין 1922 אויסגעוואַקסן אין 1937 ביז 460 טויזנט. קעדיי בעסער צו באַגרייפן די שפּעטערדיקע געשעענישן מוז מען אָנמערקן אַז אין יענע צייַטן איז די יידישע אימיגראַציע אין פּאַלעסטינע געווען פאַרבונדן מיט אַ גאַנצער רייַ מאַסמיטלען, וועלכע זענען געווען געווענדט קעגן די אינטערעסן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. באַזונדערס האָט באַקומען אַ גרויסע באַדייַטונג די פּאָליטיק פון פאַרטרייַבן די אַראַבישע פּויערים פון דער ערד וואָס זיי האָבן באַאַרבעט, דורך אָפּקויפן זי דורך די יידישע קאָלאָניסטישע פאָנדן. דערבייַ פלעגט מען אָפטמאָל באַנוצן דעם טערעץ, אַז אין די צייַטן פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע האָבן די אַלע ערדן געהערט צו טערקישע פּאַשאַס און שייכן.

לויט אָפיציעלע דאַטעס האָט אין יאָר 1916 געהערט צו יידישע אימיגראַנטן אין פּאַלעסטינע 241 טויזנט דונאַם ערד (אַ דונאַם איז 1,10 העקטאַר) אין 1927 יאָר — 903 טויזנט דונאַם, אין 1936 יאָר 1394 טויזנט דונאַם און אין 1947 יאָר 1850 דונאַם בעסטע ערד.

דאָס צונעמען די ערד בייַ די אַראַבישע פּויערים האָט געמוזט דערפירן צו אַ פאַרשאַרפונג פון די באַציונגען צווישן די אַראַבער און די יידן, וואָס האָבן אין מעשעך פון לאַנגע דורות, ביז אָנקומען פון די ענגלישע קאָלאָניזאַטאָרן, געלעבט צווישן זיך גאַנץ פרייַנטלעך אויפן גאַנצן נאָענטן מיזרעך, אייַנשליסלעך אויך אין פּאַלעסטינע.

פּראַקטיצירנדיק די אייביקע קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פון „צעטיילן און הערשן" האָבן די ענגלישע קאָלאָניזאַטאָרן ניט געמיעסט זיך מיט אויפוועקן אַנטי־יידישע שטימונגען צווישן די אַראַבער און גלייַכצייַטיק אַ סינע פון די יידן צו די אַראַבער. אין מעשעך פון די גרויסע אַראַבישע אויפשטאַנדן אין די יאָרן 1929 און 1936 זענען ספּעציעל אָרגאַניזירט געוואָרן צוזאַמענשטויסן צווישן יידן און אַראַבער, מיטן ציל צו האַמעווען די אַנטוויקלונג פון דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַפרייַונגס־באַוועגונג, און קעדיי אָפּצונאַרן די אויפמערקזאַמקייַט פון די אַראַבער און ווענדן זי אין דער ריכטונג פון אַ בירגער־קריג מיט די יידן.

ווען נאָך דער ענדע פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע איז אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן דעם ווייַטערדיקן גורל פון פּאַלעסטינע, זענען אויף דער סצענע אויפגעטראָטן כיי אין פּאַלעסטינע גופע, סיי אויסער איר, קויכעס, וועלכע זענען אויף דעם אָדער אַנדערן אופן פאַראינטערעסירט געווען אין דער לייזונג פון דער פּאַלעסטינער פראַגע.

די אַראַבישע אָרגאַניזאַציעס אין פּאַלעסטינע ווי אויך די אַראַבישע לענדער האָבן ענערגיש געפאָדערט אָפּצושאַפן דעם ענגלישן מאַנדאַט אויף פּאַלעסטינע און אַרויסצופירן דאָס ענגלישע קאָלאָניאַלע מיליטער. זיי האָבן געהאַלטן אַז עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ פאַראייניקטע זעלבסטשטענדיקע פּאַלעסטינער מעלוכע, וווּ עס זאָלן גאַראַנטירט זייַן ציווילע און פּאָליטישע רעכט פאַר אַלע אייַנוווינער, סיי אַראַבער און סיי יידן. זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער צעטיילונג פון פּאַלעסטינע און דער שאַפונג פון אַ באַזונדערער יידישער מעלוכע. די אַראַבער האָבן זיך קעגנגעשטעלט די פּלענער פון אַ ווייַטערדיקער ברייטער אימיגראַציע פון יידן קיין פּאַלעסטינע, מאָטיווירנדיק

עס פון דעם שטאנדפונקט פון אינטערנאציאנאלע פאליטישע אספעקטן, ווי אויך צוליב דער שטרעבונג ניט צו דערלאזן דאס וויטערדיקע צונעמען די ערד בא די אראבער דורך די ציוניסטישע איבערוואנדערערס.

בא דער לייזונג פון דער פאלעסטינער פראגע זענען די יידישע ארגאניזאציעס ארויסגעטראטן מיט פארשידענע פלאטפארמעס. די ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין פאלעסטינע האבן אנגעהאלטן א נאציאנאליסטישע פאזיציע און זענען געווען פיינטלעך געשטימט צו די אראבער. צוויי ארגאניזאציעס: „די ליגע פאר א יידיש־אראבישער צוזאמענארבעט און דערנענטערונג" און די קאמוניסטישע פארטיי אין פאלעסטינע זענען ארויסגעטראטן פאר אן ענגער צוזאמענארבעט פון די יידן מיט די אראבער און פאר דער שאפונג אין פאלעסטינע פון א בינאציאנאלער יידיש־אראבישער מעלוכע, אף דער באזע פון א פולשטענדיקער גלייכקייט פון יידן און אראבער, פאר א פולשטענדיקע אומאפהענגיקייט און פאר דער אויסארבעטונג פון אן עכט דעמאקראטישער קאנסטיטוציע פארן לאנד. די שטעלונג פון די אינטערנאציאנאלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס איז געווען אויסגעדריקט אין דער רעזאלוציע פון דעם ציוניסטישן קאנגרעס, וואס איז פארגעקומען אין דעצעמבער 1946 אין דער שטאט באזל (שווייץ) און וועלכער האט געפאדערט צו פארוואנדלען גאנץ פאלעסטינע נאר אין א יידישער מעלוכע און איבערצוגעבן דעם גאנצן קאנטראל איבער דער אימיגראציע פון די יידן קיין פאלעסטינע צו דער יידישער אגענץ.

די קאמפליצירטע אינערלעכע לאגע אין פאלעסטינע האט זיך נאך מער פארפלאנטערט צוליב דעם פארשארפטן קאמף צווישן די אויסערלעכע אימפעריאליסטישע קויכעס, וועלכע האבן געזוכט אין יענער געגנט זייערע אייגענע פראפיטן.

פאר ענגלאנד, וועמענס קאלאניאלע אימפעריע האט שוין אין דעם גאנג פון דער צווייטער וועלט־מילכאמע באקומען טיפע שפאלטן, האט פאלעסטינע געקראגן א גאר וויכטיקע באדייטונג בא דער געשאפענער לאגע, ווען דאס פראנצויזישע מיליטער איז ארויסגעפירט געווארן פון סיריע און פון לעוואנען און עס איז אויפגעקומען א רעאלע פערספעקטיוו פון ארויספירן דאס ענגלישע מיליטער פון עגיפטן און פון איראק.

די ענגלישע רעגירונגס־קרייזן האבן באטראכט פאלעסטינע און טראנסיארדאניע ווי זייער פעסטונג אפן נאענטן מיזרעך, ווי א קאמאנדע־פאזיציע אין צענטער פון דער אראבישער וועלט, מיט דער אויסרעכענונג, אז אויב זיי וועלן עס איינהאלטן, וועלן זיי דאן, פונקט ווי פריער, באקומען אונטער זייער קאנטראל די שכייניש אראבישע לענדער מיט זייער נאפט אשירעס. דאס געוועלטיקן איבער פאלעסטינע, צוליב איר גינסטיקער סטראטעגישער לאגע, וואלט פארזיכערט פאר ענגלאנד, ווי א קאלאניאלע גרויסמאכט, די יאם־און לופט־קאמוניקאציעס מיט אינדיע און מיט אלע אנדערע קאלאניעס אין אזיע און אין אפריקע. די ענגלישע הערשאפט אין פאלעסטינע וואלט געלאזט אין די הענט פון ענגלאנד א גאר היפשן אפשניט פון די ברעגן פון דעם מיזרעך־טייל פון מיטללענדישן יאם, וואס האט געהאט א זייער גרויסן

ווערט פאַרן טראַנספּאָרט פון איראַקער נאַפט און פאַרן באַשיצן דעם קריגס־פּלאַץ מיט ברענשטאָף. מיט אַט דער אויסזיכט האָט ענגלאַנד געשטרעבט אײַנצוהאַלטן די מאַנדאַט־אײַנפירונג אין פּאַלעסטינע, זאָל עס זײַן אַפילע אין אַ געענדערטער פאָרעם.

אין 1946 האָבן די ענגלענדער אויסגעאַרבעט אַ דרוק עס זאָל געשאַפן ווערן אַ „דרײַאייקע" ענגליש־ייִדיש־אַראַבישע פאַרוואַלטונג אין פּאַלעסטינע, וועלכע וואָלט באַדינט די פּאַקטישע ענגלישע הערשאַפט דאָרט. נאָך דעם ווי עס איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן דער פּלאַן, איז די פראַגע איבערגעגעבן געוואָרן צו דער „אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס". „מיר גייען צו דער „און" ניט קעדיי זיך אָפּצוזאָגן פון דעם מאַנדאַט" — האָט דערקלערט אָנפאַנג 1947 דער ענגלישער קאָלאָניע־מיניסטער — „מיר ווענדן זיך צו דער „און" קעדיי צו שטעלן די פראַגע און בעטן אַן אייצע וועגן דעם אויפן ווי אַזוי דורכצופירן דעם מאַנדאַט, אויב ער קען ניט פאַרגעזעצט ווערן אין זײַן איצטיקער פאָרעם".

די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן פון זייער זײַט אויך אַרויסגעוויזן אַ גאָר אַקטיווע פאַראינטערעסירונג מיט דער פּאַלעסטינער פראַגע, וואָס דאָס האָט זיך אויך דערקלערט קוידעם קאָל מיט מאַטעריעלע סיבעס. צו יענער צײַט האָבן די גרויסע נאַפט־מאָנאָפּאָליעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן באַוויזן צו פאַרכאַפּן אַ גרויסן טייל פון די נאַפט־רעסורסן אין נאָענטן מיזרעך, און זיי זענען געווען פאַראינטערעסירט אײַנצופלאַנצן אין יענער געגנט די העגעמאָניע פון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל. מען האָט אָנגעמערקט אַז דורך פּאַלעסטינע וועט מען דורכפירן אַ נאַפט־קאַנאַל און מען וועט דאָרט אויסבויען פאַבריקן פון נאַפט־ראַפינירונג.

די נאָרד אַמעריקאַנער רעגירונגס־קרײַזן האָבן געשטרעבט צו שאַפן אָפּן נאָענטן מיזרעך ביכלאַל, און אין פּאַלעסטינע ביפראַט אירע לופט־און יאַם־באַזעס, וואָס זאָלן זײַן געצילט קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד און גלײַכצײַטיק דינען ווי אָנשפּאַר־פּונקטן צו פאַרזיכערן די הערשאַפט פון די אַמעריקאַנער אין דער געגנט. זוכנדיק צו באַקומען אַן עקאָנאָמישע און מיליטערישע הערשאַפט אין די לענדער פון דעם נאָענטן מיזרעך, האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן אָנגעווענדעט זייער הויפּט־דרוק אַף דער שאַפונג פון אַ ציוניסטישער מעלוכע אין פּאַלעסטינע. מיט דעם דערקלערט זיך קוידעם קאָל די ענערגישע שטיצע מיצאַד דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, הער טרומאַן, לעטוויוועס די אַמעריקאַנער ציוניסטן און זייער שטרעבונג צו שאַפן אין פּאַלעסטינע אַזאַ מעלוכע, אַפילע צום שאָדן פון די קעגנזײַטיקע באַציונגען צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און די אַראַבישע לענדער, וווּ עס האָבן זיך געפונען די נאַפט־גרובן. מיט אַזאַ מין האַנדלונג און אונטער אַ געוויסן אײַנפלוס פון די ציוניסטישע פינאַנציעלע קרײַזן, האָט די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן געזוכט אויך דעם ציל צו געווינען די שטימען פון די ייִדישע ווײַלער בײַ די וואַלן צום קאָנגרעס און שפּעטער אויך בײַ די פּרעזידענט־וואַלן.

די אין 1947 פאַררופענע סעסיע פון דער גענעראַל פאַרזאַמלונג פון

דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, האָט נאָך אַ שטורמישער דיסקוסיע וועגן דער פּאַלעסטינער פראַגע אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן דער בילדונג פון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פון דער „און", צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשטייערס פון עלף לענדער, וועלכע זאָל אויספאָרשן די לאַגע אין פּאַ-לעסטינע און אויסאַרבעטן רעקאָמענדאַציעס.

קעדיי ניט צו דערלאָזן אַז דער ראַטנפאַרבאַנד זאָל זיך באַטייליקן אין דער קאָמיסיע, זענען אין איר ניט איינגעשלאָסן געוואָרן, לויט דער פאָדערונג פון די מערעוודיקע גרויסמאַכטן, אויך די פאַרשטייער פון די פאַר. שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך.

די „און"-קאָמיסיע וועלכע האָט באַזוכט פּאַלעסטינע האָט ניט געקענט צושטעלן איינשטימיקע אויספירן. די מערהייט (קאַנאַדע, גוואַטעמאַלאַ, האָ-לאַנד, פּערו, שווייץ, אורוגוויי, טשעכאָסלאָוואַקיע) האָט פאָרגעשלאָגן די צעטיילונג פון פּאַלעסטינע אַף צוויי זעלבסטשטענדיקע מעלוכעס: אַ ייִדישע און אַן אַראַבישע. די מינדערהייט (אינדיע, יוגאָסלאַוויע און איראַן) האָט פאָרגעשלאָגן צו שאַפן אַן איינציקע מעלוכע מיט אַ פעדעראַלער סטרוקטור.

די סאָוועטישע דעלעגאַציע, פאָדערנדיק די אָפּשאַפונג פון ענגלישן מאַנדאַט איבער פּאַלעסטינע און דאָס טייקעפדיקע אַרויספירן דאָס ענגלישע מיליטער פון יענער טעריטאָריע, האָט פאָרגעשלאָגן צו שאַפן אַן אומאָפּהענ-גיקע פאַראייניקטע דעמאָקראַטישע אַראַביש-ייִדישע מעלוכע, אַף דער באַזע פון גלייכע רעכט פאַר דער אַראַבישער און ייִדישער באַפעלקערונג. העיוים דער פאָרשלאַג האָט ניט געהאַט קיין גענוגנדיקע שטיצע. אויך ניט מיצאַד די ייִדישע און אַראַבישע פאַרשטייערס האָט די „און" סאָף נאָוועמבער פון 1947 יאָר אָנגענומען דעם פאָרשלאַג וועגן דער בילדונג אַף דער פּאַלעסטינער טעריטאָריע פון צוויי זעלבסטשטענדיקע מעלוכעס: אַן אַראַבישע מיט אַ שעטעך פון 11,1 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער און אַ ייִדישע מיט אַ שעטעך פון 14 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער.

אויך איז באַשטימט געוואָרן, אַז די שטאָט יערושאַלאַיִם, וווּ עס געפינען זיך די „הייליקע ערטער", פאַרבונדענע מיט דער געשיכטע פון די דריי וועלט-עמונעס, מוז ווערן אינטערנאַציאָנאַליזירט און זיין אונטער אַ ספּעצ-יעלן רעזשים.

גלייך נאָכן באַשלוס פון דער גענעראַל פאַרזאַמלונג וועגן דער ביל-דונג פון די צוויי נייע מעלוכעס און וועגן זייערע גרענעצן האָבן זיך אין פּאַלעסטינע אָנגעהויבן באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן, צו וועלכע עס האָבן דערפירט די הינטער-קוליסן אינטריגעס פון ענגלאַנד, וואָס האָט געריצט די אַלע אָפּהענגיקע פון איר אַראַבישע לענדער אָנצוהייבן אַ באַוואָפנטן קאַמף אין פּאַלעסטינע, און אויך דורך דער טעטיקייט פון די ייִדישע טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס „אירגון צוואַ לעומי" און די גרופּע „שטערן", וואָס האָבן געשטרעבט צו דערגרייכן אַז גאַנץ פּאַלעסטינע זאָל איבערגעגעבן ווערן צו ייִדן.

דאָס אַלץ האָט געגעבן פאַר די קאָלאָניזאַטאָרן אַ געוואונטשענעם טערעץ אוועקצושטעלן די פראַגע וועגן אָנהאַלטן אין פּאַלעסטינע זייער קאָלאָניאַלן

רעזשים. אין מיטן מאנאט אפריל 1948, ווען אין שײַכעס מיט דער אנגעשטרענגטער לאגע אין פאלעסטינע איז צונויפגערופן געווארן א ספעציעלע סעסיע פון דער גענעראל פארזאמלונג פון דער „און", האבן די פאריייניקטע שטאטן, לויט א פריערדיקן שטילן אפמאך מיט ענגלאנד, וואס האט זיך בוילעט געווארפן אין די אויגן, ארויסגערוקט א פארשלאג וועגן אײַנפירן אן אפאטראפסעס איבער פאלעסטינע. פאקטיש וואלט עס באדײַט דאס ארויפצווינגען אף פאלעסטינע א פרישן יאך, און דאס מאל פון א „קאלעקטיוון קאלאניאליזם" פון אמעריקאנער בעשוטפעס מיט די ענגלענדער. קעגן אזא פלאן איז אנטשלאסן ארויסגעטראטן דער ראטנפארבאנד און אויך פיל אנדערע לענדער. א דאנק דעם איז ניט אנגענומען געווארן דער אמעריקאניש־ענגלישער פלאן וועגן אפאטראפסעס איבער פאלעסטינע. דעם 14־טן מאי 1948 איז ענגלאנד געצוווּנגען געווען זיך אפצוזאגן פון מאנדאט איבער פאלעסטינע.

דעם זעלבן טאג איז אין דער שטאט טעל־אוויוו פראקלאמירט געווארן מעדינאס יִסראעל. אפן מאסט פון דער געבײַדע פון דער יִסראעל־רעגירונג און אויך איבער דער הויפט קווארטיר פון דער יִדישער אגענץ פאר פאלעסטינע אין וואשינגטאן, איז ארויפגעצויגן געווארן די נײַע בלויע פאן מיט צוויי ווײַסע פאסן און מיט א מאגן־דאוויד. ווי עס האבן באשריבן מענטשן, וועלכע זענען בײַגעווען, האט מען געטאנצט אין די גאסן פון טעל־אוויוו, וואשינגטאן, ניו־יארק און אין אנדערע שטעט, מען האט געזונגען דעם ציעניסטישן הימן, געטאנצט די פאלעסטינער הורא, געווונטשן זיך מאזל־טאוו און געפאכעט מיט קליינע יִסראעל־פענדלעך. דאך האט אזא יאנטעוודיקע שטימונג ניט אומעטום געהערשט.

אף דער טעריטאריע, וועלכע איז לויטן באשלוס פון דער „און" באשטימט געווען פאר יִסראעל, האבן אין מײַ 1948 געוווינט 45 פראצענט אראבער. האגאם אין דער „און" האט מען מיט הייליקע שוווּעס פארזיכערט, אז עס וועלן אפגעהיט ווערן די רעכטן פון ביידע נאציאנאליטעטן אין פאלעסטינע, האט אין דער פראקטיק דער איניען אויסגעזען גאר אנדערש. די נאציאנאלע ווידערשפרוכן, וועלכע האבן זיך פארשארפט אין פאלעסטינע, האבן זיך נאך מער פארגרעסערט און אנגעזעענע ציעניסטישע טוערים האבן געפאדערט אז גאנץ פאלעסטינע זאל פארוואנדלט ווערן אין א יִדישער מעלוכע. אפיציעלע יִסראעלישע פערזענלעכקײַטן האבן דערקלערט, אז די מעלוכע איז ניט געשאפן געווארן בלויז פאר דעם קליינעם הײַפעלע יִדן, וואס געפינען זיך אין דעם מאמענט אין לאנד, נײַערט אז דער הויפט ציל איז צו קאנצענטרירן אלע יִדן פון דער גאנצער וועלט אין יִסראעל.

אזא פראגראם האט קיין שום גוטס ניט געקענט צוזאגן פאר די אראבער. זיי האבן אין דעם געזען אן אטענטאט אף דער ערד, וואס זיי האבן באארבעט אין פאלעסטינע אין מעשעך פון יארהונדערטער.

דאס צוריקווײַזן דעם פלאן וועגן שאפן א בינאציאנאלע אראביש־יִדישע מעלוכע אין פאלעסטינע האט אונטערגעצונדן די שוין אן דעם אויך צעהיצטע לײַדנשאפטן. אבער די הויפטזאך איז געווען דאס, וואס די אַרײַנמישונג פון די אויסערלעכע אימפעריאליסטישע קויכעס, וועלכע האבן ארויסגערופן אט

די אַלע געשעענישן פון הינטער די קוליסן, האָט געפירט דעם איניען ניט צו פאַרמילדערן און ליקווידירן אָט די אַלע קעגנזאַצן, נאָר דאַווקע צו זייער וויַיטערדיקער פאַרשאַרפונג און צו אַ באַוואָפנטן בירגער־קאַמף.

טייקעף נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער נייַער מעלוכע האָט זיך אָנגעהויבן אַ מילכאָמע צווישן די אַראַבישע לענדער — וואָס האָבן ניט אָנערקענט די מעלוכע — און יִשׂראל. די מיליטערישע אָפּעראַציעס האָט אָנגעפירט דער יאַרדאַנישער „אַראַבישער לעגיאָן" וואָס איז געווען אונטער דער אָנפירונג פון דעם ענגלישן גענעראַל גלאַב.

ווי עס האָבן ריכטיק אָנגעוויזן די פירערס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין יִשׂראל, איז די מילכאָמע אין פּאַלעסטינע ניט געווען קיין מילכאָמע צווישן די אַראַבער און די יִידן, נאָר אַ מילכאָמע פּראָוואָצירט דורך די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן, וועלכע האָבן געזוכט אייַנצוהאַלטן זייערע פּאָזיציעס אין דעם טייל וועלט. נאָך איידער די יִשׂראל־מעלוכע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, פלעגט דאָס ענגלישע מיליטער אין פּאַלעסטינע אַקטיוו מיטווירקן אין דעם צעפלאַקערן די צוזאַמענשטויסן צווישן דער אַראַבישער און דער יִידישער באַפעלקערונג.

אַ גאָר ניט קליינע ראָל האָט געשפּילט דערביי דער יאַרדאַנישער קעניג אַבדולאַ, וואָס האָט געהאַט די קאַוואָנע צו פאַרייניקן פּאַלעסטינע צו יאַרדאַניע און צו פאַרפעסטיקן זייַן דינאַסטיע. ד'ערפאַר פלעגט ער זייער גערן אויספירן די אָנווייַזונגען פון די ענגלענדער, וועלכע האָבן געשטרעבט צוליב זייערע אייגענע סטראַטעגישע אינטערעסן, צוריק אייַנצושטעלן אַף וועלכן עס זאָל ניט זייַן אויפן זייער הערשאַפט אין פּאַלעסטינע. די כאַשימיטישע רעגירונג פון איראַק, זייַענדיק אָפּהענגיק פון די ענגלענדער, פלעגט שטיצן אַבדולאַן און אים מיטהעלפן דורכצופירן די ענגלישע פּלענער.

פאַרשטייט זיך, אַז אַבדולאַ איז פאַר די ענגלענדער געווען אַ נוצלעכע פיגור. ער האָט דאָך די ענגלענדער געגעבן אומבאַגרענעצטע רעכט צו באַלעבאַטעווען אין טראַנסיאַרדאַניע, און דערפאַר האָט ער באַקומען פון טשוירטשלען דעם טיטל עמיר, און פון דעם לאַבאָריסט בעווין האָט אַבדולאַ אין 1946 באַקומען די קעניגלעכע קרוין פון טראַנסיאַרדאַניע. אַבדולאַס באַציונג צו ענגלאַנד איז אָפן אויסגעדריקט געוואָרן אין זייַנע אונטערטעניקע מעמוארן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ביירוט אין 1946.

„אַראַבער! מען מוז שטענדיק גרייט זייַן מיטצוגיין מיט ענגלאַנד, ווייַל זיך קעגנשטעלן איז האָפענונגסלאָז. אַפילו גרויסע נאַציעס האָבן געליטן דערביי אַ דורכפאַל. קעדיי צו געווינען ענגלאַנדס אויפמערקזאַמקייַט, מוז מען עס פאַרדינען. ענגלאַנד פירט ניט קיין פרייַנטשאַפט ניט מיט קיין ליגנערס, ניט מיט קיין פּאַכדאַנים און ניט מיט קיין לײדיקגייערס. ענגלאַנד שעצט דעם שטאַרקן און האָט ליב אים צו האָבן אַף איר זייַט. „זייַט שטאַרק, פּאָזיטיוו און געטרייַ צו ענגלאַנד, וועט ענגלאַנד זייַן מיט אייַך און זי וועט אייַך שענקען איר צוטרוי".

די האַנדלונגען פון די אַזוי שטאַרק גלאָריפיצירטע פון אַבדולאַן ענגלישע אימפּעריאַליסטן אין פּאַלעסטינע האָבן געהאַט אַ דאָפּלטן ציל די יאָרן

1948—1949. די ענגלישע אימפעריאליסטן האבן געוואלט, אז ווי וויַט מעגלעך, אויסצופויעלן עס זאל אפגעשאפט ווערן דער באשלוס פון דער „און", וועגן נעבן פאלעסטינע אומאפהענגיקייט, און איינצופירן אף אזא אדער אנדער אופן אן אפאטראפסעם איבער דעם לאנד, מיטן טערעץ צו „פארזיכערן די רו" — זעלבסטפארשטענדלעך, מיט דער הילף פון ענגלישע קאלאניאלע באגנעטן. אין פאל פון א דורכפאל פון דעם פלאן איינצושטעלן אן אפאטראפסעם, האבן די ענגלענדער געשטרעבט ניט צו דערלאזן, עס זאל געשאפן ווערן אן אומאפהענגיקע אראבישע מעלוכע אף דער פאלעסטינער טעריטאריע ווי דאס איז געווען פארויסגעזען אין דעם באשלוס פון דער „און", און אויסצופויעלן א פאראייניקונג פון דער פאר די אראבער באשטימטער טעריטאריע מיט דעם טראנסיארדאנישן קעניגרייַך פון אבדולא, וואס איז געווען אין וואסאלישער אונטערטעניקייט בא ענגלאנד. ביז גאר כאראקטעריסטיש איז דער פאקט, וואס ווען אין סעפטעמבער 1948 איז אין פאלעסטינע געבילדעט געווארן אן אראבישע רעגירונג מיטן אראבישן פינאנסיסט אכמעד־הילמי־פאשא בערֹאש, איז דאס איינציקע אראבישע לאנד, וואס האט ניט אנערקענט די דאזיקע רעגירונג געווען טראנסיארדאניע.

די שטרעבונג צו פארוואנדלען די אראבישע באפעלקערונג פון פאלעסטינע אין קעניג אבדולאס אונטערטאנען, דאס הייסט פאקטיש ווידער צו ברענגען צו האלב קאלאניאלער אפהענגיקייט פון ענגלאנד, איז געווען אויך בוילעט אין די פלענער צו „רעגולירן" די פאלעסטינער פראגע, וואס זענען אין יענע צייַטן צוגעשטעלט געווארן צו דער „און", ווי צום בייַשפיל, אין דעם אזוי גערופענעם „בערנאדאט־פלאן".

פון דעם אלעמען איז קלאר, אז דאס געבורט פון מעדינאס יִסראעל איז פארגעקומען בא א זייער אנגעשטרענגטער און קאמפליצירטער אינטערנאציאנאלער לאגע, און איז באגלייט געווען מיט א פאראקשנטן אינערלעכן און אויסערלעכן קאמף, וואס האט געמוזט ארויסרופן, — ווי עס האבן געשריבן אויך אייניקע אנגעזעענע פארשטייערס פון די יִדישע קרייַזן אין די פאראייניקטע שטאאטן — אלארמירנדיקע ווארענונגען בא די אנפירערס פון יִסראעל. די גאנצע ארומיקע לאגע האט איידעם געזאגט, וועגן דער נויטווענדיקייט צו פירן א פארזיכטיקע און אן אומאפהענגיקע פאליטיק מיט דער אויסרעכענונג איינצושטעלן סאף קאל סאף א קעגנזייַטיקע פארשטענדעניש און דעם צוטרוי וואס שייַעד די אראבישע לענדער. די ווייַטערדיקע געשעענישן האבן אבער באוויזן, אז די הערשנדיקע קלאסן פון יִסראעל האבן ארויסגייענדיק פון דעם אולטרא־שאוויניסטישן שטאנדפונקט פון די רעאקציאנערע ציעניסטישע קרייַזן, גאר אנדערש פארשטאנען די לאגע און די פערספעקטיוון פאר דער נייַער מעלוכע.

די קריגס־אפעראציעס אין פאלעסטינע (1948—1949) האבן זיך אנטוויקלט מיט פאזענדערלעכע דערפאלגן און מיט אינטערוואלן, וואס זענען נייטיק געווען פאר ביידע קעמפנדיקע צדדים, קעדיי דורכצופירן מיליטערישע איבערגרופירונגען. אין סאכאקל האבן זיי דערפירט דערצו, אז די יִסראעלישע ארמיי האט באזעצט א היפשן טייל פון פאלעסטינע, וואס לויטן באשלוס

פון דער „אוּן“, איבערגעלאָזט געווען פאַר דער אַראַבישער מעלוכע. אויסער די 14 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער וואָס זענען באַשטימט געווען דורך דער „אוּן“, האָט יִסראָעל פאַרנומען 6,7 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער.

אין דעם גאַנג פון די קריגס־אָפּעראַציעס האָט די יִסראָעל־אַרמיי מאַסנווײַז אַרויסגעיאָגט די אַראַבישע באַפעלקערונג פון דער טעריטאָריע וועלכע זי האָט פאַרנומען. דער גרעסטער טייל פון די אַראַבישע פּליטים, אַן ערעך 900 טויזנט נעפּאָשעס איז אַנטלאָפן אין די שכייניש אַראַבישע לענדער, אָן שום מיטלען פאַר עקזיסטענץ. די פּליטים געפינען זיך נאָך הײַנט צו טאָג אין אַ פּײַנלעכער לאַגע.

האָגאָם די קריגס־אָפּעראַציעס אין פּאַלעסטינע (1948—1949) האָבן געבראַכט פאַר דער יִסראָעלישער אַרמיי, אייניקע דערפאָלגן, וועגן וועלכע די יִסראָעלישע ציִעניסטן האָבן צעפּויקט איבער דער גאָרער וועלט, זענען זיי אָבער געווען נעפּלדיקע, ווען מען זאָל זיי באַטראַכטן ערנסט און אָביעקטיוו. די ריכטונג וואָס עס האָבן אָנגענומען די רעגירונגס־קרײַזן פון יִסראָעל בענגייע די אַראַבער איז געווען גאָר ניט קיין ווײַטזעעוודיקע. מען קען זאָגן אַז נאָך ביז איצט געפינט זיך יִסראָעל אונטערן אומגליקלעכן שטערן פון די אילוזאָרישע קריגס־ניצכוינעס, אין דעם ערשטן יאָר פון איר עקזיסטענץ ווי אַ מעלוכע. אַפילע גרויסע מעלוכעס מיט פיל פעסטערע היסטאָרישע וואָרצלען זײַנען ניט אײַנגעגאַנגען אַף אַזעלכע אַמפּוטאַציעס אין באַצוג צו זייערע שכיינים, אויב זיי האָבן נאָר געהאַט בעדייע צו לעבן מיט זיי בעשאָלעם, ווי דאָס האָט געטאָן יִסראָעל אין יאָר 1949. דאָס האָט קײַן שום גוטס ניט פאַרויסגעזאָגט פאַר יִסראָעל, וואָס קען בעשום אויפן ניט אַרויסשפּרינגען פון דעם יאָם אַראַבישע מעלוכעס וואָס רינגלען איר אַרום.

די מיליטערישע דורכפאַלן פון די אַראַבער וועלכע האָבן מוטיק געקעמפט, זענען פאַרבונדן מיט היסטאָריש פאַרגייִקע סיבעס און די ציִעניסטן וואָלטן ניט באַדאַרפט שטאָלצירן דערמיט, וואָס דער דאָזיקער פאַקט דערגייט ניט צום באַוווּסטזײַן פון די אָנפירער פון מעדינאָס יִסראָעל.

דער יאָרדאַנישער קעניג אַבדולאַ איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן דעם מיליטערישן קאָנפליקט מיט יִסראָעל, אָבער גלײַך נאָך דעם, ווי זײַן מיליטער האָט פאַרנומען אַ טייל פון פּאַלעסטינע, האָט ער אָנגעהויבן צו פירן הינטער די קוליסן אונטערהאַנדלונגען מיט יִסראָעל און גאָר איינגיכן איז ער פאַקטיש אַרויסגעטראָטן פון דער מילכאָמע. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז נאָך איידער עס איז געשאַפן געוואָרן די מעדינע יִסראָעל, האָבן זיך געפירט אונטערהאַנדלונגען צווישן די יִסראָעלישע לידערס מיטן קעניג אַבדולאַ וועגן דעם אויפן ווי צעטיילן פּאַלעסטינע. עס איז אויך קעדיי אָנצומערקן אַז די יִסראָעלישע אַרמיי האָט קימאַט ניט געשטעלט קײַן ווידערשטאַנד דער יאָרדאַנישער אַרמיי, ווען זי איז אַריבער די יאָרדאַניש־פּאַלעסטינער גרענעץ. און די יִסראָעלישע פאַרשטייער אין דער „אוּן“ האָבן אין יענע כאַדאָשים אַרויסגעוויזן אַ נייגונג אײַנצושטימען אַז דער אַראַבישער טייל פּאַלעסטינע זאָל איבערגעגעבן ווערן צו טראַנסיאָרדאַניע. די יִסראָעלישע רעגירונגס־קרײַזן זענען דערבײַ געווען מיט דער מיינונג, אַז דאָס איבערגעבן דעם אַראַבישן

טייל פּאַלעסטינע צו טראַנסיאָרדאַניע איז אין „העסקעם מיט די אינטערעסן" פֿון יִסראָעל, ווײַל „מיט אַבדולאַן איז ניט שווער זיך צו פֿאַרשטענדיקן", און עס איז נאָך ניט געווען קלאָר ווי אַזוי עס וועט אויסזען די אויטאָנאָמע אַראַבישע מעלוכע אין פּאַלעסטינע.

ניט קײַן קליינע צאָל פֿון די מיליטערישע דורכפֿאַלן פֿון די אַראַבער האָט געשפּילט אויך דער פֿאַקט, וואָס בעראָש פֿון דער עגיפּטישער מעלוכע איז געשטאַנען דער קעניג פֿאַרוק, וואָס האָט פֿאַקטיש גאָר ניט געשטרעבט צו דער שאַפֿונג פֿון אַן אַראַבישער מעלוכע אין פּאַלעסטינע. פֿאַרוק, אַ שיקער און אַן אויסגעלאַסענער, אַ זאַמלער פֿון שענטלעך פֿון שוועבעלעך, פּאָרנאָגראַפֿישע בילדער און גאָלדענע מעדאַלן, האָט גאָר ניט אויסבאַהאַלטן זײַן פֿאַראַכטונג צום עגיפּטישן פֿאָלק, און ער האָט גערעכנט, אַז דער זיכערסטער אָנשפּאַר פֿאַר זײַן טראָן איז די אָנוועזנהײַט פֿון ענגלישן מיליטער אױף דער עגיפּטישער טעריטאָריע. שפּעטער, אין די טעג פֿון דער יולי־רעוואָלוציע אין 1952, ווען עס איז אַראָפּגעשלײַדערט געוואָרן דער צעפֿוילטער דורך און דורך קעניגלעכער רעזשים אין עגיפּטן, האָט דער קעניג פֿאַרוק זיך געווענדעט צו די ענגלענדער מיט אַ רוף זיי זאָלן באַמבאַרדירן קאַירע, וואָרנענדיק דערבײַ, אַז אין קעגנפֿאַל וועט ענגלאַנד פֿאַרלירן די לעצטע רעשטלעך פֿון איר הערשאַפֿט אױפֿן נאָענטן מיזרעך.

אין דריטן אַראַבישן לאַנד וואָס האָט זיך באַטייליקט אין פּאַלעסטינער מילכאָמע סיריע, איז די פּאָזיציע פֿון די דעמאָקראַטיש־פּאַטריאָטישע קויכעס געווען נאָך ניט קײַן גענוגנדיקע, זיי זאָלן קאָנען דעצידירנדיק ווירקן אױף דער אַלגעמיינער סיטואַציע.

די שאַרפֿע ווידערשפּרוכן אין דעם אַראַבישן בלאָק האָבן ניט דערלאָזט אײַנצושטעלן אַ קאָאָרדינירטע טעטיקײַט און בילדן אַן אײנהײַטלעכע עפֿעקטיווע אָנפֿירערשאַפֿט, צו דעם אַלעמען מוז מען אויך צוגעבן די עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקײַט פֿון די אַראַבישע מעלוכעס, וועלכע האָבן זיך ערשט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו באַפֿרײַען פֿון די קייטן פֿון קאָלאָניאַליזם.

האָט דען געמעגט יִסראָעל רעכענען, אַז די אַראַבישע לענדער וועלן אויך אױף ווײַטער אין משך פֿון לאַנגע צײַטן זיך געפֿינען אין אַזאַ לאַגע? זיכער אַז ניט, אויב מען זאָל קוקן פֿון דעם שטאַנדפּונקט ניט פֿון נעכטיקן, נאָר פֿון דעם מאָרגנדיקן טאָג. די נעוויִים פֿון הײַנטיקן יִסראָעל זענען ניט געווען אין שטאַנד צו געפֿינען אַ ריכטיקע לייזונג, וואָס זאָל פֿאַרזיכערן אַן אויסגאַנג פֿון דער געשאַפֿענער שווערער לאַגע. זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן, אויסדריקנדיק זיך מילד, אײַנגאַנצן בלינד.

אין די מאָנאַטן פֿעברואַר־יולי 1949, זענען אױפֿן גריכישן האָלב־אינדזל ראָדאָס געשלאָסן געוואָרן שטילשטאַנד־אָפּמאַכן צווישן יִסראָעל און די אַראַבישע מעלוכעס יאָרדאַניע און עגיפּטן. שפּעטער זענען אויך געשלאָסן געוואָרן אָפּמאַכן פֿון יִסראָעל מיט סיריע און לעוואַנען. לויט די אָפּמאַכן, ווערן צווישן די טעריטאָריעס פֿון די אַראַמישע לענדער און דער טעריטאָריע, וואָס געפֿינט זיך אונטער יִסראָעלישן קאָנטראָל, אײַנגעשטעלט דעמיליטאַריזירטע זאָנעס פֿון ביידע זײַטן פֿון דער צײַטווײַליקער גרענעץ. עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַן

„און"־קאמיסיע וואס זאל קאנטראלירן דאס אויספירן די פארפליכטונגען, וואס זענען אנגענומען געווארן לויט די אפמאכן.

## די באציונגען צווישן ישראל און די אראבער נאך דעם קריגס-קאמפיין פון די יארן 1948־1949

די מיליטערישע אקציעס פון די יארן 1948־1949 האבן דערפירט ביידע קעמפנדיקע צדדים צו א שטארקער אויסשעפונג. ישראל און אויך די שכנישע אראבישע מלוכות האבן זיך גענויטיקט אין צייט אף צו פארהיילן די באקומענע וווּנדן. די אפשוואכונג פון ביידע צדדים האבן אויסגענוצט די אויסערלעכע קויכעס כדי צו פארשטארקן די אפהענגיקייט פון די לענדער פון די אימפעריאליסטישע גרויסמאכטן.

מיט פארביטערונג און כּעס האבן די אראבער אויפגענומען די ידיעות וועגן די שטילשטאנד־קאנדיציעס. איינע פון די אראבישע צייטונגען אין לבנון האט געשריבן אין יענע טעג, אז „ווען ישראל זאל אפילע פארנעמען מיט דער אויסלענדישער הילף אלע טעריטאריעס וואס זענען באזעצט פון אראבער, וועלן זיי ווי אירע פלענער פארמישפעט ווערן צו א דורכפאל". די עקסטרעמיסטן פון טעל־אוויוו האבן, פארשטייט זיך, ניט געוואלט איינזען, אז אין אט דער באמערקונג איז געווען א סך מער היסטארישער אמת, ווי אין אלע זייערע אייגענע רעדעס וועגן דעם „ניצחון איבער די אראבער".

פון דעם קריגס־קאמפיין אין די יארן 1948־1949 איז ישראל ארויס מיט זייער א שווערער לאסט פון אויסערלעכע פאליטישע פראבלעמען פאר דער צוקונפט. די טעריטאריעלע דעראבערונגען, גאנץ קליינע לויטן פארנעם, האבן אויפגעשטעלט א מחיצה פאר די באציונגען צווישן ישראל מיט אירע אראבישע שכנים. צונעמענדיק בא די אראבער זייער ערד און פארוואנדלענדיק פיל הונדערטער טויזנטער נפשות אין פארוואגלאזטע פליטים, האט זיך ישראל געשטעלט אין א לאגע פון א לאנד, וואס איז בייזוויליק צו די אראבישע מלוכות. דאס איז געווען גינסטיק פאר די קאלאניזאטארן, אף וועלכע עס האט זיי דערלויבט צו פירן א שפיל אף די ווידערשפרוכן צווישן ישראל און די אראבישע לענדער, כדי צו פארהיטן זייערע אייגענע פאזיציעס אפן נאענטן מיזרעד.

ווי געזאגט, האבן די ישראלישע באוואפנטע קויכעס אויסגענוצט די קריגס־אפעראציעס אף צו פארייאגן די אראבער פון זייער ערד. קיין יארדאניע, עגיפטן, לעוואנען און סיריע זענען אנטלאפן איבער 900 טויזנט אראבער, וואס זייערע פארמעגנס זענען פארבליבן אף דער טעריטאריע פון ישראל און קאנפיסקירט געווארן דורך דער ישראל־מאכט. לויט די ציפערן פון דער „און", זענען אין יוני 1955 געווען פאררעגיסטרירט 906 טויזנט אראבישע פליטים. מער ווי א העלפט פון זיי (קנאפע 500 טויזנט) האבן זיך געפונען אין יארדאניע, איבער 214 טויזנט אין דער עזה־געגנט (עגיפטן), קנאפע 104 טויזנט האבן געפונען אן אזיל אין לעוואנען און איבער 88 טויזנט פליטים אין סיריע.

אַזאַ מין מאַסן־פֿאַריאָגונג פֿון פֿרידלעכע אַראַבישע אײַנוווינער איז זיכער ניט געווען דיקטירט פֿון מיליטערישער נויטווענדיקייט. אָבער דאָס איז געווען אין הסכּם מיט די פּלענער פֿון דער ציוניסטישער ייִדישער אַגענץ, וועלכע זענען געמאָלדן געוואָרן נאָך פֿאַר דער פּראָקלאַמירונג פֿון ייִשׂראל, און עס האָט אויך געשטימט מיט די פּלענער פֿון דער ייִשׂראלישער רעגירונג. די רעגירונגס־קרײַזן פֿון ייִשׂראל האָבן גערעכנט צו פֿאַרגרעסערן די אימיגראַציע פֿון ייִדן פֿון אַנדערע לענדער, נאָך דער מלחמה. זיי האָבן געשטרעבט צו שאַפֿן ווי דעם מעגלעך פֿרײַע ערד־פֿאָנד פֿאַר פֿרישע קאָלאָניסטן. אויב אין דעם פּעריאָד פֿון דער ענגלישער קאָלאָניאַלער הערשאַפֿט פֿלעגט מען פֿאַר דעם צ ילבאַנוצן דעם אײַנקויף פֿון ערד בא די אַראַבישע גוטבאַזיצערס, איז בעיס די קריגס־אָפּעראַציעס פֿלעגן פֿאַרכאַפּט ווערן מיט געווער, די ערד פֿון אַראַבישע פּויערים אינגאַנצן אומזיסט און דערצו נאָך צוזאַמען מיט די פּויערימס פֿאַרמעגנס.

די גוט באַקאַנטע פֿאַקטן זאָגן עדות, אַז דאָס ייִשׂראלישע מיליטער האָט געפֿירט די קריגס־אָפּעראַציעס ניט בלויז קעגן די אַראַבישע סאָלדאַטן, נײַערט אויך קעגן דער פֿרידלעכער אַראַבישער באַפֿעלקערונג. עס זענען פֿאַרצייכנט געוואָרן פֿיל מאָרדן איבער אַראַבער, מאָרדן וואָס זענען דורכגעפֿירט געוואָרן דורך ייִשׂראלישע טעראָריסטישע אָטריאַדן און אויך פֿאַלן פֿון אַרויסיאָגן מיט גוואַלד פֿון זייערע היימען די אַראַבער אויף די טעריטאָריעס וואָס זענען געווען באַזעצט דורך דעם ייִשׂראלישן מיליטער. אַז דער פּלאַן צו פֿאַרטרײַבן פֿון לאַנד די אַראַבער איז געווען אַן אויסגערעכנטער פֿון פֿאָרויס, זעט מען דורכן פֿאַקט, וואָס דאָס ייִשׂראלישע מיליטער האָט אינגאַנצן פֿאַרניכטעט אַ היפּשן טייל אַראַבישע הײַזער, כּדי יענע זאָלן ניט האָבן וווּהין זיך אומצוקערן. אַזוי צום בײַשפּיל, זענען אין האַרבסט 1948, דאָס הייסט עטלעכע חדשים נאָך דער ענדע פֿון די קריגס־אָפּעראַציעס, אין יאָפֿע געוואָרן פֿולשטענדיק אויפֿגעריסן עטלעכע אַראַבישע קוואַרטאַלן. באַם ברעג־יאַם, צווישן תּל־אָביבֿ און כּיפֿע, זענען פֿאַרניכטעט געוואָרן אַלע אַראַבישע דערפֿער, און ס'איז איבערגעלאָזט געוואָרן דאָס איינציקע דאָרף פֿורייִדיס, צוליב פּראָפּאַגאַנדע צוועקן.

דאָס פֿאַרטרײַבן די אַראַבער איז פֿאָרגעזעצט געוואָרן אויך נאָכן פֿאַרענדיקן די קריגס־אָפּעראַציעס, אין פֿאַרלויף פֿון די יאָרן 1949, 1950, 1951 און אויך שפּעטער. די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אונטערדריקונג און דער מיליטערישער טעראָר אין באַצוג צו די אַראַבער, האָט געצוווּנגען אַ סך פֿון זיי „פֿרײַוויליק" צו פֿאַרלאָזן ייִשׂראל.

באַם אַרויסיאָגן „די אַראַבישע פֿאַראָדערן" האָט די ייִשׂראלישע מאַכט אונטערגענומען אַן אומבאַרעכטיקטע פֿאַרפֿאָלגונג קעגן יענע אַראַבישע פּליטים וואָס האָבן זיך באַמיט אומצוקערן קיין ייִשׂראל, באַטיטלענדיק זיי, אַלס אַראַבישע „אינפֿילטראַנטן".

די לאַגע פֿון די אַראַבישע פּליטים, אַז אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַן שפּײַז, קאָנצענטרירטע מערסטנס אין ספּעציעלע לאַגערן אויף דער טעריטאָריע פֿון די שכנישע אַראַבישע לענדער, איז געווען אַ פֿאַרצווייפֿלטע. אין די

לאַגערן איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע שטערבלעכקייט צוליב הונגער, דורשט און קראַנקייטן, פון טיפוס און כאָלערע עפּידעמיעס.

בײַ די אַראַבער פאַרכאַפּטע ערד איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דעם אַזוי גערופענעם „ייִדישן נאַציאָנאַלן פאָנד" (קערן־קאַיעמעס), זי איז פאַרבליבן „אונטער דער אויפזיכט" פון דער רעגירונג, אָבער אין ביידע פאַלן איז די ערד פאַרדונגען געוואָרן אויף אַ באַשטימטן טערמין צו ייִדישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ייִשובֿים. צענדליקער טויזנטער אימיגראַנטן זענען באַזעצט געוואָרן אין די איבערגעבליבענע אַראַבישע הײַזער.

די רעגירונגס־לײַט פון ייִשׂראל האָבן געטײַנעט, אַז דאָס אַרויסיאָגן די אַראַבער פון דער טעריטאָריע, וועלכע איז אונטערגעפאַלן אונטער דער ייִשׂראל־מאַכט, איז אַ „פרײַוויליקע פליטע פון די אַראַבער", און דעם פאַרבאָט פאַר די אַראַבישע פליטים זיך אומצוקערן אַהיים, האָבן זיי באַרעכטיקט מיט ניט וועלן האָבן אין זייער קליינעם לאַנד אַ „פינפטע קאָלומנע", וואָס לויט איר צאָל האָט זי איבערגעשטיגן די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג פון ייִשׂראל אין דעם ערשטן יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דער מעלוכע. אָבער אַזעלכע אַרגו־מענטן האָבן בלויז דעמאַסקירט די לײַט און באַוויזן בוילעט אַז זיי זענען אָנהענגער פון לייזן דורך גוואַלד־טאַטן און גזוילע די קאָמפּליצירטע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. מיט אַזאַ אַרט האַנדלונג האָבן זיי זיך אַנטפּלעקט ווי עקספּאַנ־סיאָניסטן, וועלכע ווילן זיך ניט רעכענען מיט דער לאַגע און מיט די אינטערעסן פון דער פרידלעכער אַראַבישער באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע, און זיי האָבן דאָס אַגעוו ניט פאַרבאָרגן. אַ. ליליענטאַל, אַ געוועזענער מיטאַרבעטער פון דעם נאָרד אַמעריקאַנער שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט, מעכאַבער פון בוך „וויפל קאָסט ייִשׂראל", שרײַבט: אַז ווען דער וועלט באַרימטער פיזיקער אַלבערט אײַנשטיין האָט אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפרעגט באַם ציעניסטישן פירער (שפּעטער פּרעזידענט פון ייִשׂראל) כ. ווייצמאַן: „וואָס וועט זײַן מיט די אַראַ־בער, ווען מען וועט פּאַלעסטינע אָפּגעבן פאַר די ייִדן?" האָט ווייצמאַן דערויף געענטפערט: „וואָס וועט זײַן מיט די אַראַבער? איך גלויב ניט, אַז זיי זאָלן האָבן עפּעס אַ באַדײַטונג!" אָבער דאָס, וואָס עס האָט גאַנץ מעגלעך ניט גע־האַט קיין באַדײַטונג פאַר ווייצמאַנען, האָט ניט געקאָנט ניט האָבן קיין באַדײַ־טונג פאַר די אַראַבער, און אויך פאַר ייִשׂראל גופֿא.

באַם באַהאַנדלען אין דער „און" די פראַגע וועגן די אַראַבישע פליטים, איז ניט איינמאָל פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז די פליטים אַליין באַמיען זיך אומצוקערן אין זייערע ווינערטער. אויף דעם סמך האָבן די אַראַבישע לענדער געפאָדערט אַ פרײַוויליקע רעפּאַטריאַציע פון די פליטים צו זייערע פריערדיקע ווינערטער און אויסצוצאָלן זיי אַ פאַרגיטיקונג פאַר די פאַרלוירענע פאַרמעגנס, אין העסקעם מיטן באַשלוס פון דער גענעראַל פאַרזאַמלונג פון דער „און", וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן אין 1948. די רעפּאַטריאַציע פון די פליטים האָבן די אַראַבישע לענדער אין פיל פאַלן אַרויסגעשטעלט ווי אַ פאַרבאַדינג באַם באַהאַנדלען די פראַגעס וועגן אַ פרידלעכער רעגולירונג מיט ייִשׂראל.

די ייִשׂראל רעגירונג האָט פריער און אויך איצט זיך קעגנגעשטעלט אַקשאָנעסדיק דער רעפּאַטריאַציע פון די אַראַבישע פליטים, דערקלערנדיק אַז

דאס וואלט געשטעלט „אין געפאר" די עקזיסטענץ פון דער יִשׂראל־מעלוכע. אויסער דעם, האט מען אויך באנוצט ווי א טערעץ די עקאנאמישע און סאָציאלע סיבעס, לויט וועלכע יִשׂראל איז ניט אימשטאנד איינצושלינגען אזא גרויסע צאל אראבישע איינוווינער. אין 1950 האט יִשׂראל, אונטערן דרוק פון דער אלוועלטלעכער געזעלשאפטלעכקייט, געגעבן איר הסכמה אז 100 טויזנט אראבישע פליטים זאלן זיך צוריקקערן אף דער יִשׂראל־טעריטאריע, אבער טייקעף האט יִשׂראל צוריגעצויגן די הסכמה.

פון דעמאלט אן בלייבט די פראגע וועגן די אראבישע פליטים ניט קיין געלייזטע אינטערנאציאנאלע פראגע.

מען האט דא פריער דערמאנט, אז צום מאמענט פון דער גרינדונג פון דער יִשׂראל־מעלוכע, האבן אף דער טעריטאריע, וועלכע איז באשטימט געווארן פאר דער מעלוכע, געוווינט 900 טויזנט אראבער. באם אנהייב 1959 איז די אלגעמיינע צאל פון אראבישע איינוווינער אף דער יִשׂראל־טעריטאריע געווען בלויז פון 221 טויזנט. דאס באדייט, אז די אראבער זענען פאריאגט געווארן ניט בלויז פון די טעריטאריעס, ווו עס זענען פארגעקומען קריגס־אפעראציעס, נאר אויך פון דער טעריטאריע פון יִשׂראל גופא.

אויך איצט זענען געשאפן [פאר] די אראבער אין יִשׂראל אויסערגעוויינלעך שווערע לעבנס־באדינגונגען. לויט דער דערקלערונג פון דעם סעקרעטאר פון צענטראל קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין יִשׂראל, כאווער מיקוניס, „זענען די אראבישע בירגער אין יִשׂראל אוועקגעשטעלט געווארן דורך דער בען־גוריאן רעגירונג פאקטיש אויסערן געזעץ, מעכוץ פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט".

די גרעסטע מערהייט אראבער זענען אין יִשׂראל באזעצט געווארן אין די אזוי גערופענע „זיכערקייט־זאנעס". זיי האבן ניט דאס רעכט זיך צו באוועגן ניט נאר איבערן לאנד, נאר אפילו פון איין זאנע אין א צווייטער. די מיליטערישע פאליציי פראקטיצירט סיסטעמאטישע איבערפאלן אף די אראבישע יִשׁוּוים, זי פירט דורך ארעסטן און פייניקונגען. אונטערן קלוימערשטן טערעץ פון קאנפיסקאציע פון קאנטראבאנד סכוירעס צערויבט מען אפטמאל אראבישע פארמעגנס. די אראבער טארן ניט איבערטרעטן די גרענעץ פון זייערע דערפער, צו געפינען פאר זיך ארבעט, ווייל די דערפער זענען איזאלירט פון דער אויסערלעכער וועלט. פאר אויוועך זיין אף די רעגלאמענטן פון „פארבאט איבערצורייזן" ווערן די אראבער געשטעלט צו א געריכט. די פרוּוון פון די אראבער דורכצופירן דעמאנסטראציעס ווי א פּראטעסט קעגן דעם ווילקיר און קעגן די גוואלדטאטן, ווערן אין א סאך פאלן דערשטיקט מיטן קויעך פון געווער.

די אומדערטרעגלעך פיינלעכע לאגע פון די אראבישע פויערים אין יִשׂראל דערקלערט זיך אויך דערמיט וואס די יִשׂראל רעגירונג האט בא די אראבער פארכאפט אלע זייערע בעסטע ערדן און איבערגעגעבן די פארוואלטונג מיט זיי צו „קערען קאיעמעס". אין אייניקע דערפער ווערט די אראבישע פויערים ניט דערלויבט צו באארבעטן זייער ערד; אין אנדערע דערפער דערקלערט מען אז די ערד איז פארלאזט, הגם די אראבער פון דעם דארף האבן ניט פארלאזט ניט זייערע היימען און ניט זייער ערד. אין א סאך פאלן דערלויבט

מען די אַראַבישע פּויערים פֿאַרקויפֿן זייערע פּראָדוקטן נאָר די מאָנאָפּאָליסטישע האַנדלס־געזעלשאַפֿטן פֿאַר ספּעציעל פֿאַרקלענערטע פּרייזן, וועלכע דעקן ניט אַפֿילו דעם קאָסט פֿון דער אויסאַרבעטונג. די שכירים פֿון די אַראַבישן אַרבעטער אין ישׂראל זענען אויף 20־30 פּראָצענט נידעריקער פֿון די שכירים פֿון אַ ייִדישן אַרבעטער. אַרבעטסלאָזע אַראַבער האָבן ניט קיין רעכט זיך צו רעגיסטרירן אין די אַלגעמיינע אַרבעטס־ביוראָען. קאָאָפּעראַטיווע פֿאַריינִיקונגען פֿון אַראַבער ווערן פֿאַרפֿאָלגט.

דער ציל פֿון די פֿאַרפֿאָלגונגען און רדיפֿות, וואָס עס טראָגן איבער די אַראַבער אין ישׂראל, באַשטייט אין שום ספֿק אין דערגרייכן די פֿולע קאָלאָניאַלע עקספּלואַטאַציע פֿון די אַראַבער און דורכפֿירן אַ טאָטאַל־פֿולשטענדיקע פֿאַרטרייבונג פֿון די אַראַבער פֿון ישׂראל און פֿאַרכאַפּן זייער ערד און זייער אייגנטום. אָפֿענע אַרויסזאָגונגען פֿון ישׂראלישע רעגירונגס־לייט באַשטעטיקן, אַז פֿון די קנאַפּע 8 מיליאָן דונאַמס גוטע אַקער ערד, וועלכע האָבן געהערט צו די אַראַבער, באַזיצן זיי היינט צו טאָג ניט מער ווי 850 טויזנט דונאַמס, און דאָס אויך בלויז נאָמינעל. דער קערן קאַיעמעס האָט פֿאַרכאַפּט 2 מיליאָן דונאַם אַראַביש ערד, די ישׂראל־רעגירונג — 1 מיליאָן דונאַם און נאָך 3,5 מיליאָן דונאַם, וואָס האָבן געהערט צו די אַראַבישע פּליטים.

אַזוי אַרום באַגעגענען מיר זיך אין ישׂראל מיט אַ מערקווירדיקן פֿאַקט. עס איז באַוווּסט אַז אין פֿאַרלויף פֿון יאָרהונדערטער האָבן די ייִדן געליטן אין פֿאַרשידענע לענדער פֿון אַכזריותדיקע פֿאַרפֿאָלגונגען. די פֿאַרפֿאָלגונגען האָבן געדויערט הונדערטער יאָרן און זיי האָבן באַקומען די שוידערלעכסטע פֿאָרם אין אייראָפּע אין דער צייט פֿון היטלעריסטישן פֿאַשיזם, וועלכער האָט אויסגעראָטן 6 מיליאָן ייִדן.

מען האָט געקאָנט זיך ריכטן אַז די מלוכה־פֿירער פֿון ישׂראל וועלן זיך באַזונדערס פֿילבאַר באַציִען צו די ליידן פֿון אַנדערע נאַציעס, און מענטשן פֿון אַ פֿאָלק, וואָס איז פֿריער פֿאַרפֿאָלגט געווען וועלן זיי פֿאַרשטיין די ליידן פֿון די אַראַבער, וועלכע האָבן אין פֿאַרלויף פֿון זייער געשיכטע ניט ווייניקער געליטן, און וואָס צוליב די מלחמה־אָפּעראַציעס האָבן זיי אויך פֿאַרלוירן זייערע היימען. אָבער עס האָט זיך באַקומען פּונקט דאָס פֿאַרקערטע. די ישׂראל־מאַכט, טראָץ דעם ווילן פֿון די אַרבעטער־מאַסן פֿון לאַנד, האָט ניט נאָר ניט געפּרוּווט צו דערליידיקן די פּראָבלעם פֿון דער אַראַבישער מינדערהייט, נייערט, פּונקט פֿאַרקערט, זי האָט זי נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט. וועגן דעם שווערן מצבֿ פֿון די אַראַבער אין ישׂראל מוזן רעדן אַפֿילו פֿאַרשטייערס פֿון די ראַבאָנים־קרייזן. אין פֿרילינג פֿון 1956 האָט דער ניו־יאָרקער פֿאַרלאַג „בוקמייקער פּאַבלישערס" אַרויסגעגעבן אַ בוך, וואָס דער מחבר זיינער, דער ראַוו עלמער בערגער איז וויצע־פּרעזידענט פֿון דעם רעאַקציאָנערן „אַמעריקאַנער ראַט צו פֿאַרטיידיקן דעם יודאַיזם". בערגער איז דער ערשטער ראַוו, וואָס האָט באַזוכט ניט בלויז ישׂראל, נאָר אויך די אַראַבישע לענדער. אין זיין בוך, וואָס איז דערשינען אין דער פֿאָרם פֿון בריוו צו זיינע פֿריינט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, קריטיקירט ער זייער פֿיל אַספּעקטן פֿון לעבן אין ישׂראל, נאָר די שאַרפֿסטע קריטיק ווידמעט ער דער פּאָליטיק פֿון די ישׂראַ־

עלישע רעגירונגס־קרײַזן אין באַצוג צו דער אַראַבישער מינדערהײַט. אין שײַכעס דערמיט, שרײַבט בערגער: „די ייִדישע מינדערהײַטן אין די אַראַבישע מעלוכעס, הויפּטזעכלעך אין סיריע, לעוואַנע, איראַק און עגיפּטן, ווערן, ווי ביז איצט, פֿאַררעכנט פֿאַר לאָיאַלע בירגער פֿון יענע לענדער, אין קעגנזאַץ צום סטאַטוס פֿון דער אַראַבישער מינדערהײַט אין יִסראַעל”.

מען מוז אונטערשטרײַכן, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון יִסראַעל, ווי אויך אייניקע אַנדערע פּראָגרעסיווע דאָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, פֿירן אַ סיסטעמאַטישן און פּרינציפּיעלן קאַמף קעגן דער אונטערדריקונג פֿון די אַראַבער.

די אַלע פֿאַקטן וועגן די רעדיפֿעס קעגן אַראַבער זענען, פֿאַרשטייט זיך, זייער גוט באַקאַנט די אַראַבער פֿון די שכייניש לענדער, און דאָס קען ניט, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, מיטהעלפֿן צו דער פֿאַרבעסערונג פֿון די באַציונגען צווישן יִסראַעל און די אַראַבישע מעלוכעס. און העיוים אַזאַ מין פּאָליטיק ווערט דורכגעפֿירט אין נאָמען פֿון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, איז גאָר ניט קיין כידעש, וואָס אויפֿן נאָענטן מיזרעך איז דער נאָמען ציוניזם געוואָרן דער סינאָנים פֿון קאָלאָניאַליזם.

צווישן יִסראַעל און די אַרומיקע אַראַבישע מעלוכעס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַן אָפּגרונט. לויט בען־גוריאָנס אויסדרוק, האָט זיך יִסראַעל געשטעלט אין אַ לאַגע פֿון אַ „באַלאַגערטער פֿעסטונג” און ווי אַ „פֿרעמדער קערפּער” אויפֿן מיזרעך.

אויך אין דעם פֿאַל האָבן די פּילאָזאָפֿן פֿון די רעאַקציאָנערע ציוניסטישע קרײַזן געפֿונען פֿאַר זיך אַ טרייסט. זיי האָבן, צום בײַשפּיל, פֿאַרזיכערט, אַז אַזאַ מין לאַגע פֿון דער יִסראַעל־מעלוכע איז אין פֿולן העסקעם מיט דער אייביקער לאַגע פֿון ייִדישן פֿאָלק צווישן אַנדערע פֿעלקער. אַז באַ ייִדן זענען די איזאָלירטקײַט און איינזאַמקײַט קימאַט אַ נאָרמאַלע און נאַטירלעכע דערשײַנונג. דאָס, פֿאַרשטייט זיך, איז גאָר ניט קיין קלוגע רעכילעס אויפֿן ייִדישן פֿאָלק און אויף זײַן געשיכטע.

די ציוניסטן שטעלן זיך אַרויס אַלס פֿאַרטיידיקער פֿון דער פֿרײַהייט פֿון דעם פֿאַריאָגטן ייִדישן פֿאָלק. ווי מיר זעען, שטעלן זיי זיך פֿאַר די פֿרײַהייט ניט אַנדערש, ווי נאָר אַ באַזירטע אויף דער אונטערדריקונג פֿון אַנדערע פֿעלקער, אין דעם פֿאַל פֿון די אַראַבער. דערמיט ווערט אַרויסגעוויזן דער בורזשואַזער און אימפּעריאַליסטישער כאַראַקטער פֿון ציוניזם. ווי אַזוי קען אַ ציוניסט זיך אַרויסשטעלן ווי אַן אָנהענגער פֿון פֿרײַהייט און דעמאָקראַטיע, ווען ער אַליין ווירקט גאָר אַקטיוו מיט צו דער פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון די אַראַבער?

זאָלן די ציוניסטישע לידערס פֿון יִסראַעל אויפֿקלערן דעם אונטערשיד צווישן די „פֿאַרבאָטענע זאָנעס” מיט דער ספּעציעלער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע וועלכע זענען אײַנגעפֿירט אין יִסראַעל פֿאַר די אַראַבער, און די „רעזערוואַציעס” פֿאַר אינדיאַנער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אָדער פֿאַר די נעגערס אין דעם דאָרעם־אַפֿריקאַנער פֿאַרבאַנד? אָדער וואָס איז דער כילעק צווישן דעם „איינצואָרדענען” פֿון די קאָלאָניסטן וואָס קומען פֿון אַנדערע

לענדער, און דער ענלעכער פּאָליטיק, וואָס איז גוט באַקאַנט די „איינגעבוירענע" פון קעניא אָדער אַלזשיר?

ס'איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז אין מיטן 20־סטן יאָרהונדערט, ווען דער קאָלאָניאַליזם גוסעסט שוין, איז די דאָזיקע פּאָליטיק זייערע דורך און דורך רעאַקציאָנער און זי האָט ניט קיין פּערספּעקטיוון.

# פון ראַדאָס ביז סועץ

אין פרילינג פון 1949 איז אונטערגעכאַסמעט געוואָרן אויפן אינדזל ראַדאָס דער אָפּמאַך וועגן וואָפנשטילשטאַנד צווישן ישׂראל און די אַראַבישע לענדער. דאָס יאָר האָט פאַרצייכנט אַ וויכטיקן קער אין דער אַלוועלטלעכער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

צו דער צייט האָט זיך געשאַפן אונטערן איינפלוס פון דעם סאָוועטישן ניצחון איבערן פאַשיזם און אויף דער באַזע פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציעס און עס האָט זיך אויסגעפורעמט דער לאַגער פון די סאָציאַליסטישע מעלוכעס אין אייראָפּע און אַזיע. נאָך אַ דויערנדיקן זעלבסטאָפּפערישן, העראָישן קאַמף, האָט דאָס גרויסע כינעזישע פאָלק אָפּגעהאַלטן אין 1949 דעם ענדגילטיקן ניצחון איבער די פאַראייניקטע אימפּעריאַליסטישע קויכעס און איבער דער אינערלעכער פעאָדאַל־קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע, און האָט איינגעשטעלט בא זיך אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישע אָרדענונג. דער ניצחון פון דער פאָלקס־רעוואָלוציע אין כינע איז געווען דער שטאַרקסטער קלאַפּ פאַר דער גאַנצער סיסטעם פון וועלט־אימפּעריאַליזם, נאָך דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין אַזעלכע אייראָפּעישע לענדער ווי פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, רומעניע, בולגאַריע און אַלבאַניע, האָט זיך פאַרפעסטיקט די מאַכט פון די קאָמוניסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען און עס האָט זיך אָנגעהויבן די בויונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. אין אָקטאָבער 1949 איז געגרינדעט געוואָרן די שאָלעם־ליבנדיקע דייטשע דעמאָקראַטישע רעפּובליק מיט אַן אַרבעטער־און פּויערים־רעגירונג אין דער שפּיץ. די דאָזיקע געשעעניש איז כאַראַקטעריזירט געוואָרן דורך י. וו. סטאַלינען ווי אַן איבערברוך־פּונקט אין דער געשיכטע פון אייראָפּע.

אונטער דער ווירקונג פון די אַלוועלטלעכע היסטאָרישע ניצחוינעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען און צוזאַמענברעכן די באַזעס פון דער קאָלאָניאַלער סיסטעם. די אימפּעריאַליסטישע רעזערוון האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין רעזערוון פון רעוואָלוציע, און זייערע טיפע רעטאַגאַרדן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שלאַכט־פעלדער קעגן דעם אימפּעריאַליזם. אין די גרעסטע מעלוכעס פון אַזיע — אינדיע, פּאַקיסטאַן, בירמע — האָט מען אַ סאָף געמאַכט צום פיל דויערסדיקן קאָלאָניאַלן רעזשים. עס איז אַנטשטאַנען און האָט זיך אַלץ מער אַנטוויקלט אַ גאַנצע גרופּע נייע סוּווערענע מעלוכעס, וואָס האָבן אונטערגענומען אַ קאַמף פאַר זייערע רעכט און אומאָפּהענגיקייט, און מיט זייער ביישפּיל האָבן זיי אויפגעוועקט צום קאַמף און זיג איבערן קאָלאָניאַליזם איך אַנדערע פעלקער פון אַזיע און אַפריקע.

אלץ שטאַרקער האָט זיך צעפלאַקערט אויך אַפן אַראַבישן מיזרעך דער פאָלקס־קאַמף פאַר דער מעלוכעשער אומאָפהענגיקייט.

די גאַנצע וועלט האָט נאָכגעפאָלגט דעם קאַמף מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און סימפאַטיע.

פון דער אַנדערער זייט האָבן די קויכעס פון אימפּעריאַליזם מיט די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער שפּיץ, ניט וועלנדיק זיך רעכענען מיטן געזעצמעסיקן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, האָט מען אָנגענומען אַלע מיטלען אַף צו פאַראייניקן די אינטערנאַציאָנאַלע רעאַקציע אין דעם קאָלאָניאַליזם, קעדיי אָריפּצוצווינגען מיטן קויעך פון געווער דעם אַמאָליקן פאַרהאַסטן יאָך אַף די פעלקער. מיט דעם צוועק איז אין סעפּטעמבער 1949, אָרגאַניזירט געוואָרן דער צאָפן־אַטלאַנטישער מיליטערישער בלאָק, וואָס איז געוואָרן די הויפּט־אָרגאַניזאַציע פון אימפּעריאַליזם באַם צוגרייטן אַ פרישע מילכאָמע. קריגס־אָפּעראַציעס האָבן זיך שוין צעפלאַמט אַף די פעלדער פון קאָרעע און אינדאָ־כינע; די קריגס־בודזשעטן פון די אימפּעריאַליסטישע גרויס־מאַכטן זענען אויסגעוואַקסן ביז פאַנטאַסטישע ציפערן; די היסטערישע מילכאָמע־פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך אַנטוויקלט אונטער דער אַפענער אָנפירערשאַפט פון די רעגירונגען פון די אימפּעריאַליסטישע לענדער. גלייכצייטיק אָבער האָט זיך אַלץ מער פאַרשפּרייט און עס איז שטאַרקער געוואָרן די מעכטיקע באַוועגונג פון פעלקער צו פאַרהיטן און פאַרפעסטיקן דעם שאָלעם, אַ באַוועגונג וואָס האָט געמאַכט צונישט אַלע אויסרעכענונגען פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון אַ פרישער מילכאָמע.

ווי אַזוי זשע האָבן געהאַנדלט די רעגירונגס־קרייזן פון יִסראָעל אין דער צייט פון דעם גראַנדיעזן קאַמף צווישן די קויכעס פון פּראָגרעס און די קויכעס פון רעאַקציע?

אין דער יִסראָעלישער רעגירונגס־קאָאַליציע זענען דאָן געווען פאַרטראָטן פאַרשידענע פּאַרטייען, צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך גערופן סאָציאַליסטישע. ווי איינע פון די אָנפירנדיקע פּאַרטייען אין דער רעגירונגס־קאָאַליציע איז דאָן געווען, און איז אויך היינט די פּאַרטיי מאַפּאַי, וואָס איר לידער איז דער באַרימטער ציעניסט, דער היינטיקער פּרעמיער־מיניסטער פון יִסראָעל, בענגוריאָן (ד. גרין). אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער קאָאַליציע זענען אַריין אויך די אַפן בורזשואַזע רעאַקציאָנערע פּאַרטייען, ווי לעמאָשל די פּאַרטיי פון די „אַלגעמיינע ציעניסטן”. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און אַנדערע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אָרויסגעטראָטן אין יִסראָעל מיטן רוף פאַר שאָלעם, דעמאָקראַטיע און צוזאַמענאַרבעט פון ייִדן מיט די אַראַבער זענען דאָן, פּונקט ווי אויך היינט, פאַרפאָלגט און גערודעפט געוואָרן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז קאָמוניסטן ניט בלויז וואָס זיי באַטייליקן זיך ניט אין דער קאָאַליציע, נאָר אונטער פאַרשידענע טערוצים און אויסריידן ווערן זיי באַזייטיקט פון די רעגירונגס־אַמטן.

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, האָט די מילכאָמע אין די יאָרן 1948 און 1949 איבערגעלאָזט פאַר דער יִסראָעל־רעגירונג אַ ירושע פון קאָמפּלי־

צידטע פראבלעמען וואס שייַעך די באציונגען מיט די שכייניש אראבישע מעלוכעס: דעהיינע א טעריטאריעלע פראבלעם און דער איניען מיט די פליטים. אבער די רעגירונגס־קרייַזן אין יִסראעל האבן נִיט געזוכט צו לייזן די פראבלעם און צו פירן א פאליטיק פון אייַנשטעלן פרייַנטלעכע באציונגען מיט די שכיינים.

די רעגירונגס־קרייַזן פון יִסראעל האבן אויך ארויסגעוויזן קנאפע וויַיט־זעעוודיקייט און געזוכט פארשטאנד באם לייזן אנדערע אינטערנאציאנאלע פראגן.

ווי עס איז באוווסט, באמיען זיך א סאך בורזשואזע לענדער פון מיַירעוו און פון מיזרעך, צווישן זיי אויך די קלענערע לענדער, צו בלייַבן אין א זייַט פון דער פאליטיק פון די אימפעריאליסטישע מעלוכעס וואס איז געווענדט אין דער ריכטונג פון צוגרייטן א פרישע מילכאמע, און זיי פירן א פאליטיק פון נייטראליטעט, א פאליטיק פון נִיט באטייליקן זיך אין די מיליטערישע בלאקן וואס ווערן ארגאניזירט דורך די אימפעריאליסטן, און דערמיט ווירקן זיי מיט צו פארפעסטיקן דעם שאלעם. די אקטיווע שטיצע מיצאד די דאזיקע לענדער פאר די קאנסטרוקטיווע פארשלאגן, וועלכע ווערן אריַינגעטראגן אין דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער, וואס שייַעך אנטוואפענונג און פארבאט פון אטאמישן און הידראגענישן געווער, ווי אויך אין די פראגן וועגן פארזיכערן פאר אלע פעלקער דאס רעכט פון אן אומאפהענגיקער עקזיסטענץ, איז זייער א וויכטיקער בייַשטייַער פאר דער זאך פון שאלעם.

אבער די רעגירונגס־קרייַזן פון יִסראעל האלטן נִיט אן דעם שטאנדפונקט. די יִסראעלישע רעגירער האבן ליב צו זאגן, אז אף דער וועלט איז נִיט פאראן קיין איין איינציקע „אבסאלוט נייַטראלע" מעלוכע. זיי זאגן אז די אלע וואס פרייַדיקן נייַטראליטעט טוען עס בלויז אף אזוי פיל, אף וויפל דאס איז „פאר זיי נוצלעך" און דארט אויך, „לאזן זיי פאר זיך איבער א שפארונע".

זיי טייַנען וועגן דער עקאנאמישער אפהענגיקייט פון יִסראעל פון אויס־לאנד, וועגן דעם אז „נייַטראליטעט קען נאר שאדן ברענגען פאר דער הילף, וואס קומט אן צו אונדז פון יענער זייַט יאם" און אויך אז „נייַטראליטעט קען נִיט פאסיק זייַן פאר א לאנד, וואס נעמט ארייַן אין זיך פליטים און איז ארומגערינגלט פון סאנים". בא דעם אלעם לאזט מען נִיט דורך די געלעגנהייט אנצופאלן אפן ראטנפארבאנד, וועלכער האט קלוימערשט אויסגעטראכט די פאליטיק פון נייַטראליטעט, כעדיי צו פארשטארקן זייַן ווירקונג אפן נאענטן מיזרעך.

די אלע ארגומענטן זענען נִיט מער ווי א שלייער אף צו פארדעקן א געוויסע אויסערן־פאליטיק, וואס פירט די יִסראעל־מעלוכע אין דער ריכטונג פון קימאט אן אומקאנדיציאנעלער שטיצע פון דער פאליטיק פון די גרויסע אימפעריאליסטישע מעלוכעס. דערבייַ וויל מען נִיט זען, אז די אפשוואכונג פון דער אלגעמיינער אינטערנאציאנאלער אנגעשטרענגטקייט וואלט אויך מיט־געהאלפן אפצושוואכן די אנגעשטרענגטקייַט אפן נאענטן מיזרעך.

עס איז באוווסט, אז אין משעך פון דעם גאנצן נאכמילכאמע־פעריאד, האט דער ראטנפארבאנד געפירט אין דער „און" א קאמף פאר אנטוואפענונג און האט אריַינגעטראגן געהעריקע פארשלאגן, צווישן זיי אויך אזעלכע, וועלכע

האבן געצילט צום פארבאט אנצוגיין מיט די פראגן פון טערמאנוקלעארן געווער.

יִשׂראל איז פערמאנענט ארויסגעטראטן קעגן די סאוועטישע פארשלאגן, און אירע פארשטייערס האבן מיט אלע מיטלען מיטגעהאלפן דער נארד אמעריקאנער דעלעגאציע אין דער „און" זיי ארונטערצורייסן.

אין משך פון דער גאנצער געשיכטע פון דער יִשׂראל-מלוכה איז ניט פארצייכנט געוואָרן קיין איין פאל, אז די אפיציעלע פארשטייערס פון דעם לאנד זאלן שטיצן די באפרייונג-שטרעבונגען און דעם קאמף פון די אויפגעוואקסטע פעלקער פון די קאלאניעס, אדער זיי זאלן מיטהעלפן אויסצופירן זייער אומאפהענגיקייט. בעשאס דער אמעריקאנער אימפעריאליזם האט געפירט א מלחמה קעגן דעם שאלעם-ליבנדיקן קארעאנער פאלק, איז די יִשׂראל-רעגירונג ארויסגעטראטן שטיצנדיק די פאליטיק פון די רעאקציאנערע קרייזן פון די פאראייניקטע שטאטן, זי האט ארויסגעשיקט א לאדונג מעדיקאמענטן פארן מיליטער פון די אינטערווענטן אין דארעם-קארעא און זי האט זיך אפגעהאלטן פון שיקן אהין יִשׂראלישן מיליטער בלויז מחמת דער אנגעשטרענגטקייט פון יִשׂראל אין זיינע באציונגען מיט די אראבישע מלוכות". די פארשטייער פון יִשׂראל זענען ארויסגעטראטן אין דער „און" פארטיידיקנדיק די בלוטיקע און שמוציקע מלחמה, וואס די פראנצויזישע קאלאניזאטארן האבן געפירט אין וויעטנאם אין משך פון אכט יאר. נאכפאלגנדיק די פאליטיק פון די פאראייניקטע שטאטן, טרעט יִשׂראל סיסטעמאטיש ארויס אין דער „און" קעגן דער אנערקענונג פון די רעכטן פון דער כינעזישער דעמאקראטישער רעפובליק אין דער „און". די בורזשואזע יִשׂראלישע פרעסע איז פול מיט דערקלערונגען, וואס שטיצן די פארפוילטע קאלאניאלע ארדענונג אין אפריקע און די פאזיציעס פון קאלאניאליזם אפן נאענטן און מיטלען מיזרעד.

אין 1950 האבן די רעגירונגען פון די פאראייניקטע שטאטן, ענגלאנד און פראנקרייך פארעפנטלעכט די אזוי גערופענע „דעקלאראציע פון דריי" וועגן די פראבלעמען פון דעם נאענטן מיזרעד. לויט דער דעקלאראציע האבן די קאלאניאלע גרויסמאכטן פרעטענדירט אף דער ראל פון העכסטן געריכט פאר די איניאנים פון די אראבישע מלוכעס אין יענער געגנט, דראענדיק די ווידערשפעניקע מיטן קויעד פון געווער. די לענדער פון נאענטן מיזרעד און אויך אנדערע שאלעם-ליבנדיקע מלוכעס האבן די דעקלאראציע געשטעמפלט ווי אן אויסדרוק פון א קאלעקטיוון קאלאניאליזם, ווי א פרוו פון אן אומבארעכטיקטער אריינמישונג אין די אינערלעכע איניאנים פון די אראבישע לענדער, אין א הימל-שרייענדיקער סטירע צו די פרינציפן און צילן פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער. די רעגירונגס-קרייזן פון יִשׂראל האבן באגריסט די דעקלאראציע. זיי האבן אפגעשלאגן די שוועלן פון די הויפטשטעט פון די אימפעריאליסטישע מלוכעס קעדיי אויסצופירן די איינשליסונג פון יִשׂראל אין דעם צאפן-אטלאנטישן מיליטערישן בלאק, זיי האבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט קעדיי אונטערצושטרייכן זייער אנשלוס צו די גרונט-פרינציפן און צילן פון דער אגרעסיווער מיליטערישער גרופירונג, פון קאלאניזאטארישן כאראקטער.

װען דאָס עגיפּטישע פאָלק האָט אין 1952 פאַרטריבן דעם ענגלישן אַגענט, דעם קעניג פאַרוק, האָבן זיך מיט דער גֶעשעעניש געפרייט אַלע מיזרעד־פעלקער. געקלאָגט האָבן נאָר די רעגירונגס־קרייזן פון יִשׂראל, אויס מוירע פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון רעפּובליקאַנישן עגיפּטן. װען אין 1955 האָט דאָס ענגלישע מיליטער פאַרלאָזט די זאָנע פון דעם סועץ־קאַנאַל, האָט דער גאַנצער מיזרעד געיובלט, װײַל דאָס געצװוּנגענע אָװעקגײן פון די ענגלענדער האָט אײדעס געזאָגט װעגן דעם װוּקס פון נײַע מיזרעד־מעלוכעס, אָבער די יִשׂראלישע רעגירונגס־קרײַזן האָבן באַװײנט דאָס אָװעקגײן פון די ענגלענדער פון סועץ.

די רעגירונג פון יִשׂראל האָט אָנגענומען אַ פײַנטלעכע פּאָזיציע צום ראַטנפאַרבאַנד און צו די איבעריקע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. זי האָט אַנטװיקלט אַן אַנטיסאָװעטישן קאַמפּײן אין לאַנד, לויט די פאַראָרדענונגען פון די רעגירונגס־קרײַזן פון די פאַראײניקטע שטאַטן. עס איז דערגאַנגען ביז אַן אױפרײַס פון אַ באָמבע בײַ דער געבײַדע פון דער סאָװעטישער געזאַנדשאַפט אין טעל־אָװיװ, דעם 9־טן פעברואַר 1953, און די טעראָריסטן, װעמענס פאַרבינדונג מיט דער יִשׂראלישער פּאָליצײ האָט זיך באַשטעטיקט דורך אַ סאַך באַװײַזן, זענען אָפּגעקומען מיט דיצמאַנסטראַטײװ־לײַכטע שטראָפן. די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען צװישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און יִשׂראל זענען איבערגעריסן געװאָרן. אונטערן דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער מײנונג אין לאַנד, האָט די יִשׂראל רעגירונג צוריקגעשטעלט אין זומער פון 1953, די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד, מיט דעם פאָרמעלן היסכײַװעס זיך ניט צו באַטײליקן אין אַנטיסאָװעטישע מיליטערישע בלאָקן, אָבער פּאַקטיש האָט זי פאַרגעזעצט איר פריערדיקע ליניע. זי האָט געמאָלדן װעגן דער גרײטקײט פון יִשׂראל זיך אָנצושליסן אין דעם דורך די פאַראײניקטע שטאַטן צונױפגעסטריגעװעטן אַגרעסיװן נאָענט־מיזרעכדיקן בלאָק, װי אױך צו דער פאַראײניקטער מיטללענדישער אָנפירערשאַפט. דערבײַ האָבן אָפיציעלע פערזענלעכקײטן דערקלערט, אַז אויב יִשׂראל װעט צוגעלאָזט װערן פון די מײַרעװ־מעלוכעס צו דער באַטײליקונג אין די מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, װעט זיך די יִשׂראל־רעגירונג ניט רעכענען מיט אירע היסכײַװעסן בענעגײע דעם ראַטנפאַרבאַנד און זי װעט זיך אָנשליסן צו אַזעלכע קריגס־בלאָקן.

אין די פראַגעס װעגן דער אַלגעמײנער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, האָט זיך די מעלוכע יִשׂראל געשטעלט אַזױ אַרום אין אַ לאַגע פון אַ לאַנד, װאָס געפינט זיך פולשטענדיק אין לאַגער פון די אַגרעסיװסטע אימפּעריאַליסטישע און קאָלאָניאַלע מעלוכעס. און װאָס שײַעך די באַציִונגען מיט די אַראַבישע לענדער, איז יִשׂראל געבליבן אין אַ צושטאַנד פון אַ פײַנטלעכער איזאָלירונג. אױסגערונען זענען געװאָרן די כאַלוימעס פון די ציִעניסטן אַז יִשׂראל װעט זײַן דער „אינדוסטריעלער װאַרשטאַט" און אַ „װעגװײַזער פון דער מײַרעװ־קולטור" אױפן נאָענטן און מיטלען מיזרעד.

דאָס פעלן פון דיפּלאָמאַטישע אָדער קאָנסולאַרע באַציִונגען מיט די שכײניש מעלוכעס, אַ באָיקאָט אין האַנדל און אין אַנדערע עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען, אַ בלאָקאַדע אױפן ים און אױף דער יאַבאַשע מיצאַד די שכײנים

—אזוי מארעשבווירעדיס איז געווען די פאנאראמע פון די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן יִשׂראל און די אראבישע מעלוכעס.

מיטן מויל פלעגט טאקע די יִשׂראל רעגירונג ניט איינמאל פארזיכערן אז זי שטרעבט אײַנצושטעלן פרידלעכע באַציִונגען מיט די אראבישע שכיינים. אבער דורך אפּווארפן אלע פלענער וועגן דערליידיקן די טעריטאריעלע פראגן און דעם איניען פון די פּליטים אף אן אויפן וואס זאל אין וועלכער עס איז מאס זײַן אנגענומבאר פאר די אראבער, האט די יִשׂראל־רעגירונג מיט אירע האנדלונגען געפירט א פּאליטיק, וואס האט גאר קיין שײַכעס געהאט מיט פרידלעכקײַט. אין לאנד איז געוואקסן די השפּעה פון די עקסטרעמיסטישע עלעמענטן, וואס האבן אפן אגיטירט פאר א ווײַטערדיקער טעריטאריעלער עקספּאנסיע פון יִשׂראל, מיטן צוועק צו שאפן א „גרויסע ציִעניסטישע מעלוכע, פון פראט ביזן נילוס". די מעסיקערע ציִעניסטישע קרײַזן האבן זיך ארויסגעזאגט אין דעם זין, אז מען זאל מיט מיליטערישע דראונגען צווינגען די אראבישע מעלוכעס אײַנצוגיין אף האנאכעס און אײַנצושטעלן די באַציִונגען מיט יִשׂראל לויט יִשׂראלס קאנדיציעס. אפילו דער לידער פון די אזוי גערופענע „לינקע" ציִעניסטן, — די מאפּאם, — ווי יאארי האט זיך אויסגעדריקט אין זײַן בוך, וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורכן צענטראל־קאמיטעט פון זײַן פארטיי אין נאוועמבער 1957: „ווי ציִעניסטן־פּיאנערן שטעלן מיר זיך פאר אלס איינעם פון אונדזערע צילן די צונויפזאמלונג פון דעם גרעסטן טייל פון יידישן פאלק אף דער גאנצער פּאלעסטינער טעריטאריע", ער גיט אבער צו, „די גאנצקײַט פון דער יִשׂראל־טעריטאריע ווילן מיר אויספּועלן מיט פרידלעכע מיטלען, דורך צפּמאכן צווישן די פעלקער".

אזא פּנים האט די „פרידלעכקײַט" פון די יִשׂראלישע רעגירונגס־קרײַזן.

נאכן אונטערשרײַבן דעם וואפנשטילשטאנד־אפּמאך, האבן ניט אויפגעהערט די קאנפליקטן אף דער דעמאַרקאציאנס ליניע פון יִשׂראל און די אראבישע לענדער. די צאל פון די קאנפליקטן האט זיך פארמערט, איבערהויפּט זינט ענגלאנד און די פאראייניקטע שטאטן האבן אנגעפאנגען צו אנטוויקלען א טעטיקײַט קעדיי צונויפצושטריגעווען דעם אגרעסיוון באגדאדער פּאקט. אזוי ארום איז געשען אז קורץ נאכן אונטערכאסמענען, דעם 28־טן פעברואר 1955 דעם מיליטערישן אפּמאך צווישן טערקיי און איראק, וועלכער איז געלייגט געווארן ווי א באזע פארן באגדאדער פּאקט, האבן די יִשׂראלישע באוואפנטע קויכעס דורכגעפירט אן איבערפאל אף די עגיפּטישע פּאזיציעס אין אזא־געגנט. די פרעסע פון די אראבישע מעלוכעס האט מיט רעכט פעסטגעשטעלט, אז דער אנגריף איז פארגעקומען גלײַכצײַטיק מיטן דרוק פון די אמעריקאנער רעגירונגס־קרײַזן אף די אראבישע מעלוכעס קעדיי צו צווינגען זיי צוצושטיין צו דעם מיִרעוודיקן מיליטערישן פארבאנד. דער איבערפאל פון דער יִשׂראל־ארמיי אף דער אזא־געגנט, איז ספּעציעל באהאנדלט געווארן אין דער „ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער". דער זיכערהייט־ראט האט פארדאמט דעם אגרעסיוון אנגריף פון יִשׂראל, אבער יִשׂראלס רעגירונגס־לײַט האבן זיך מיטן באשלוס פון דעם זיכערהייטס־ראט ניט גערעכנט.

אין דער נאַכט ערעוו דעם ערשטן סעפּטעמבער 1956 איז דאָס יִשׂראלדיש מיליטער באַפאַלן דעם עגיפּטישן פּאָסטן אין האַ־יונים, לעבן אַזאַ, און גלייך נאָך דעם האָבן זיי דורכגעפירט אַ פרישן אַנגריף אַף די עגיפּטישע פּאָזיציעס צו דאָרעם פון על־אוּדזשאַ.

דעם 2־טן דעצעמבער פון זעלבן יאָר, באַנאַכט, האָט דאָס יִשׂראלדישע מיליטער זיך אַריינגעריסן אַף דער סירישער טעריטאָריע אין דער געגנט פון קינערעט. דער שעף פונעם שטאַב פון דער „און"־קאָמיסיע, האָט צוגעשטעלט צום זיכערהייטס־ראַט אַ באַריכט, פון וועלכן עס איז געווען קלאָר, אַז די אינוואַזיע איז געווען פון פאַרויס אַ צוגעגרייטע. דער איבערפאַל איז דורכגעפירט געוואָרן אַף אַ שעטער פון 11 קילאָמעטער און דערביי זענען אומגעקומען 50 סירישע סאָלדאַטן און ציווילע. אַ סאַך סירער זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן אָדער אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. די סירישע רעגירונג איז געצוווּנגען געווען זיך צו ווענדן צום זיכערהייט־ראַט מיט אַ באַשולדיקונג אַף די אַגרעסיווע האַנדלונגען פון דער יִשׂראל־מעלוכע. און האָגאַם די יִשׂראלדישע אַדוואָקאַטן אין דער „און", די פאָרשטייער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון ענגלאַנד, האָבן געפרוווּט אויסצומאָלן דעם אינינען אַף אַן אויפן, אַז אין דעם קאָנפליקט איז שולדיק ניט בלויז יִשׂראל אַליין, נאָר אויך סיריע, האָבן דאָך די פאַקטישע באַווייזן קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט און עס איז דערוויזן געוואָרן אַז אין דער פּראָוואָקאַציע אין דער געגנט פון קינערעט איז שולדיק געווען דאָס יִשׂראלדישע מיליטער.

מען קען ברענגען נאָך אַ סאַך אַנדערע פאַרצייכנטע פאַקטן וועגן דער אַגרעסיווער האַנדלונג פון דער יִשׂראלדישער אַרמיי קעגן די שכנישע אַראַבישע מעלוכעס.

אַזאַ מין נעפערלעכע פּאָליטיק איז פאַרדאַמט געוואָרן פון אַלע מעלוכעס וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער באַנדונגער קאָנפערענץ פון די לענדער פון אַזיע און אַפריקע, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן פון דעם 18־טן ביזן 24־טן אַפּריל 1955. נאָכן באַטראַכטן די פראַגע וועגן פּאַלעסטינע און וועגן דער לאַגע פון די אַראַבער, האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע: „נעמענדיק אין אַכט די אַנגעשטרענגטקייט וועלכע הערשט אַפן מיטעלן מיזרעך, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דער לאַגע אין פּאַלעסטינע און צוליב דער געפאַר וועלכע די אַנגעשטרענגטקייט טראָגט אין זיך פאַרן שאָלעם אין דער גאַנצער וועלט, דערקלערט די קאָנפערענץ פון די לענדער פון אַזיע און אַפריקע, אַז זי שטיצט די רעכט פון די אַראַבער אין פּאַלעסטינע און פאָדערט אויף דורכצופירן אין לעבן די רעזאָלוציע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער וועגן דער פּאַלעסטינער פראַגע און אויך דערגרייכן אַ פרידלעכע רעגולירונג פון דער פּאַלעסטינער פראַגע".

די רעגירונגס־קרייזן פון יִשׂראל האָבן געפרוווּט אָפּלייקענען די באַהויפּטונגען, אָבער די שפּעטערדיקע געשעענישן האָבן צענפּאַכיק צאַשמעטעקט, אַף וויפל עס זענען גערעכט געווען די אָנטיילנעמער אין דער באַנדונגער קאָנפערענץ.

אין נאָוועמבער 1957, האָט אין דער שטאָט באָמביי (אינדיע), דער

הער קאַראַנדזשיא, רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „בליץ", אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור אונטערן טיטל „יִסראַעלס שפּיז", אין וועלכער עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן געהיימע דאָקומענטן פון יִסראַעלס גענעראַל־שטאַב, וואָס דעקן אויף די פּלענער אַף צו שאַפן אַ ברייטע יִסראַעל־מעלוכע אַפן כעשבן פון די טעריטאָריעס פון די שכייניש אַראַבישע לענדער. אין דעם דאָקומענט, וועלכער הייסט: „דער סטראַטעגישער פּלאַן פון דער יִסראַעל־אַרמיי פאַר די יאָרן 1957-56" און וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן נאָך פאַרן סועץ־קריזיס, האָבן די אָנפירער פון דעם יִסראַעלישן גענעראַל־שטאַב באַגרינדעט די נויטווענדיקייט דורכצופירן אַ „פּרעווענטיווע מילכאָמע" פון יִסראַעל קעגן די אַראַבישע מעלוכעס, מיטן צוועק צו ענדערן די אַלגעמיינע לאַגע אַפן נאָענטן מיזרעך. אין דעם דאָקומענט, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך גאָר אַ גרויסן אינטערעס אַף צו פאַרשטיין די מאָטיוון פון דער פּאָליטיק פון די רעגירונגס־קרײַזן פון יִסראַעל, ווערט געמאַכט אַן אַנאַליז פון די פּאָליטישע פאָר־האַנאָכעס פאַר אַ פּרעווענטיווער מילכאָמע פון יִסראַעל קעגן די אַראַבישע מעלוכעס.

צו אַזעלכע פאָר־האַנאָכעס גינסטיקע פאַר אַ באַוואָפנטן אַרויסטריט פון יִסראַעל קעגן די אַראַבער, רעכענען צו די מעכאַברים פון פּלאַן „די שטרעבונג פון די מיזרעך־מעלוכעס אַרויסצורופן אַ מילכאָמע צווישן יִסראַעל און די אַראַבער, קעדיי צו בילדן דעם געווינטשענעם פאַר זיי רעגיאָנעלן פאַרטיידיקונגס־בלאָק; דעם אָפּזאָג פון די מיזרעך־מעלוכעס זיך אַקטיוו אַרײַנצומישן אין די איניאָנים פון די לענדער פון מיטעלן מיזרעך; די פאַרשטאַרקונג פון אינערלעכע ווידערשפּרוכן צווישן די אַראַבישע פעלקער". „די מילכאָמע מיט די אַראַבער וועט זײַן אַ שווערע — באַמערקן די מעכאַברים פון פּלאַן — אויב עס וועט פעלן כאָטש איינע פון די דרײַ פאָר־האַנאָכעס".

דערנאָך קומט אַ גאָר כאַראַקטעריסטישער, פאַרן שטאַנדפּונקט פון יִסראַעלישע רעגירונגס־קרײַזן, אַנאַליז פון דער „פּאָזיציע פון די מיזרעך־מעלוכעס". אַפן ערשטן פּלאַן געפינט זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך די פאַר. שטאַטן, אונטערשטרײַכנדיק אַז דער הויפּט־ציל פון דער נאָרד אַמעריקאַנער פּאָליטיק אין אָט דער געגנט איז דאָס שאַפן מיליטערישע באַזעס אין דער דירעקטער נאָענטקייט פון די דאָרעמדיקע גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי אויך אין צאָפן־מיזרעך אַפריקע, שרײַבן די אָנפירער פון יִסראַעלישן גענעראַל־שטאַב:

„יִסראַעל און אירע שכיינים קענען שפּילן אַ באַדײַטנדיקע ראָל אין די פאַרטיידיקונגס־פּלענער פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דעריבער זענען די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרינטערעסירט אין דעם יִסראַעל־אַראַבישן צוזאַמענשטויס, און אין פאַל פון אַ מילכאָמע מיט די אַראַבישע לענדער וועלן זייערע סימפּאַטיעס זײַן אַפן צאַד פון יִסראַעל".

ווי דעם צווייטן נאָענטן פאַרבינדעטן פון יִסראַעל באַטראַכטן די מעכאַברים פון פּלאַן, דאָס קאָלאָניאַלע פראַנקרײַך:

פראַנקרײַך רעכנט, אַז די עקספּאַנסיע פון דער ליגע פון די אַראַבישע לענדער באַדראָט די פראַנצויזישע אינטערעסן אין צאָפן אַפריקע, דעריבער

אונטערשיידט זיך עטוואס איר פאליטישער קורס פון דעם קורס פון די פארייניקטע שטאטן. פראנקרייך איז גענויגט: מיטצוהעלפן ישראל אין דעם קאמף קעגן דער ליגע פון די אראבישע לענדער; אנצוהאלטן פריינטלעכע באציונגען מיט לעוואנען, קעדיי דערמיט צו פארזיכערן די אראבישע שטיצע פאר די פראנצויזישע אינטערעסן אין צאפן־אפריקע; ארויסווייזן א גינסטיקע באציונג צו דער אידייע פון איינפירן אן אינטערנאציאנאלן סטאטוט פאר ירושלאים, מיט דער האפענונג צו געווינען אין דעם איניען די שטיצע פון דער קאטוילישער באפעלקערונג. אין פאל פון א מילכאמע, וועט פראנקרייך העלפן ישראל".

די ווארשיינלעכע האנדלונג פון דער ארגאניזאציע פון די פארייניקטע נאציעס אין פאל פון א מילכאמע צווישן ישראל און די אראבישע לענדער, האבן זיי אויסגערעכנט לויט דעם וואס איז געשען פריער, שטיצנדיק זיך אפן פאקט אז אין דער וועלט־פאליטיק הערשט נאך קלוימערשט אלץ די איבערוואג פון די מעכטיקע קאלאניאלע גרויסמאכטן. זיי האבן אינגאנצן איגנארירט די אנוועזנהייט פון א מעכטיקן לאגער פון די סאציאליסטישע מעלוכעס ווי אויך פון די מיזרעד־לענדער, וואס האבן זיך באפרייט פון דעם קאלאניאלן יאך. דעריבער גייען ארויס די מעכאברים פון דעם פלאן פון דער השארע, אז יעדע קריגס־אפעראציע, וועלכע ישראל וועט אונטערנעמען, מיטן גוטהייסן פון מייראוו, וועט ניט אפגעשטעלט ווערן פון דער „און" אויב דער ניצאכן וועט ניט זיין אפן צאד פון די אראבער. „דער באפעל אפצושטעלן דאס פייער" — זאגט זיך אין דעם דאקומענט, „קען קומען ערשט דאן, ווען די אראבער זאלן באקומען די אויבערוואג, אדער ווען ישראל זאל באזעצן א גענוגנדיקע טעריטאריע פון דעם סוינע. נעמענדיק אין אכט, אז דער מייראוו איז פארינטערעסירט אין דעם אראביש־ישראלישן קאנפליקט, איז לאגיש זיך פארצושטעלן, אז די ארגאניזאציע פון די פארייניקטע נאציעס, וווּ עס געוועלטיקן די פארייניקטע שטאטן, וועט ניט אפשטעלן די מילכאמע, ביז דער ניצאכן וועט בוילעט זיין אף דער זייט פון ישראל".

דער קווינט־עסענץ פון די מיליטעריש־פאליטישע אויסרעכענונגען פון די מעכאברים פון פלאן ווערט ארויסגעזאגט אפן ווייטערדיקן אויפן.

בא דער איצטיקער לאגע, וועלכע וועט זיך ניט ענדערן ווי עס שיינט ביז 1957, איז מעגלעך, אז אין פאל פון א צוזאמענשטויס צווישן ישראל און די אראבער, וועלן ענגלאנד און פראנקרייך קענען, אפן סמאך פון די פרינציפן פון דער דעקלאראציע „פון דריי" פון 1950, אויסנוצן די געלעגנהייט צו שיקן צו הילף פאר ישראל זייערע באוואפנטע קויכעס, וואס געפינען זיך קאנצענטרירט אין ציפערן און מאלטא.

ניט קוקנדיק אף אלע שטערונגען און שוועריקייטן וואס קענען געשאפן ווערן דורך דער ארגאניזאציע פון די פארייניקטע פעלקער, מוז ישראל שטענדיק שטרעבן צו פארפעסטיקן אירע פארבינדונגען מיט די גרויסמאכטן. פארשטייט זיך, אז ישראל מוז ארויסבאקומען פאר זיך נוצן פון די צווישן זיי עקזיסטירנדיקע סטירעס. ישראל מוז אויך אין זינען האבן די אינטערעסן פון די פארייניקטע שטאטן, ענגלאנד און פראנקרייך, און איבערהויפט יענע

אינטערעסן וועלכע האבן א שייכעס צו דער קאמוניקאציע דורך דעם סועץ־קאנאל אין דעם אקאבער איינגוס, ווי אויך צו די יסראעלישע פארטיידיקונגס־באזעס אין די געגנטן פון ליטאן, כערמאן, גאלאן און באשען.

אזוי ווי עס איז אין סאפעק, אז די מילכאמע זאל אפגעשטעלט ווערן דורך א באשלוס פון דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער, איידער עס ווערט פאר יסראעל געלונגען צו פארכאפן אייניקע טעריטאריעס, און אויך איידער די אראבישע לענדער וועלן זיין בעקויעד אונטערצונעמען א קעגן־אפענסיווע, איז אומבאדינגט נויטיק שוין פון אנפאנג אן צו פירן די קריגס־אפעראציעס אף דעם סוינעס טעריטאריע, אויסנוצנדיק די איבערוואג פון א פלוצלעמדיקן איבערפאל.

אין פאל פון אן ארויפגעצוווּנגענעם דורך דער „און" אפשטעל פון פייער מוזן אונדזערע סטראטעגישע פלענער פארזיכערן פאר אונדז דעם נויטיקן טעריטאריעלן לעבנסרוים.

אלע אונדזערע פלענער מוזן זוכן צו דערגרייכן די צוויי צילן:

1) דער מינימאלער ציל באשטייט אין פארכאפן אין גאנג פון דער מילכאמע א נויטיקע פאר אונדז טעריטאריע.

2) דער מאקסימאלער ציל איז צו פארכאפן אזא טעריטאריע, וואס וועט באפרידיקן אלע אונדזערע פאדערונגען.

איצט קען אפילע א קינד פארשטיין ווי קורצזיכטיק עס זענען געווען די יסראעלישע סטראטעגן באם אפשאצן די אינטערנאציאנאלע לאגע. האגאם די „און" האט ניט אפגעשטעלט אין הארבסט פון 1956 די ענגלא־פראנצויזיש־יסראעלישע אגרעסיע קעגן עגיפטן, האט זי איינשטימיק פארדאמט. כויץ דעם, האבן אלע יענע קויכעס, וועלכע זענען ניט גענומען געווארן אין אכט דורך די טעל־אוויווער אוואנטוריסטן, געצווּנגען די איבערפאלער אפצוטרעטן און זיי דערפירט צו א צעשמעטערדיקער מאפאלע. עס איז אויך באוווּסט אז דערביי איז דער ראטנפארבאנד געווען דער אנטשיידנדיקער קויעך.

די פארטיידיקונגס־מיטלען פון די אראבישע לענדער איצטער, ווערן אין דעם פלאן אפגעשאצט רעלאטיוו גאנץ נידעריק. די מילכאמע, בעיס וועלכער עס וועט געלינגען יסראעל צו פארנעמען דעם סועץ־קאנאל און אויך די הויפט שטעט פון די שכייניסשע אראבישע מעלוכעס — אמאן, דאמעשעק און ביירוט, ווערט פארגעשטעלט ווי א בליץ־קריג וואס וועט דויערן „ניט מער ווי דריי כאדאשים". „קוידעם קאל" — זאגט זיך אין פלאן — „מוז מען אפשוואכן די אראבישע נאציעס, צונעמענדיק בא זיי דעם נאפט און אונטערגראבנדיק זייער אייניקייט". די פרעווענטיווע פאליטישע צוגרייטונג צו דער מילכאמע, מוז קוידעם קאל פארזיכערן א פארשארפונג פון די אינערלעכע ווידערשפרוכן צווישן די אראבישע מעלוכעס — א טעזיס, וואס, ווי עס וועט באוויזן ווערן וויטער, שפילט אויך ביזן היינטיקן טאג איינע פון די וויכטיקסטע ראלן אין דער אויסערן פאליטיק פון יסראעל.

אין פלאן פון דעם גענעראל־שטאב ווערט דיטלעך באטראכט דער פינאנציעלער און עקאנאמישער אספעקט אין פאל פון א מילכאמע ווי אויך די שוועריקייטן אף וועלכע יסראעל קען זיך אנשטויסן אין מעשעך פון קריג.

דעם אויפן ווי אזוי גויוועד צו זיין אט די שווועריקייטן זעען די מעכאברים פון דעם פלאן נאר אפן וועג פון א פארשטארקטער מיטארבעט פון יִסראעל מיט די מיירעוו־מעלוכעס. דער קאפיטאל וועגן די אפעראטיווע אויפגאבעס פאר דער יִסראעל־ארמיי ווערט געבויט אפן פרינציפ פון א פלוצלינגדיקן איבערפאל און הויפט קלאפ אף עגיפטן, קעדיי ווי צום שנעלסטן צו פארכאפן דעם סועץ־קאנאל.

שפעטער קומט א גאנץ אפנהארציקע דערקלערונג וועגן די צילן פון דער מילכאמע, וועלכע ווערט דירעקט באטיטלט ווי א „פרעווענטיווע".

דער ציל פון דער מילכאמע צווישן יִסראעל און די אראבישע לענדער איז צו ענדערן די איצטיקע גרענעצן. די אקופאציע פון דער טעריטאריע אף וועלכע יִסראעל פרעטענדירט, וועט פארבעסערן דעם עקאנאמישן און פאליטישן מאצעוו פון אונדזער לאנד.

אונדזער אויפגאבע באשטייט אין פארכאפן די אראבישע טעריטאריע, איינשטעלן א קאנטראל איבער איר, אויסנוצן די מאטעריעלע אשירעס פון דער טעריטאריע אף צו באפרידיקן די באדערפענישן פון דער יִדישער באפעלקערונג און פון די נאציאנאלע מינדערהייטן פון יִסראעל. דאס פארנעמען די אראבישע טעריטאריע האט כוץ דעם, אויך א פאליטישן ציל. דער ציל באשטייט דערין, וואס דער איינגעשטעלטער קאנטראל איבער די סטראטעגיש וויכטיקע וועגן אפן מיטעלן מיזרעד, דער געשאפענער קארידאר דורך די אראבישע לענדער, דאס פארמיידן די פאראייניקונג פון די אראבישע לענדער און די פארשטארקטע פראפאגאנדע לעטוויוועס יִסראעל צווישן די נאציאנאלע מינדערהייטן אפן מיטעלן מיזרעד — דאס אלץ וועט פארפעסטיקן יִסראעלס פאליטישע לאגע.

אין צוזאמענהאנג דערמיט ווערט אנגעמערקט די באזעצונג דורך יִסראעל פון דעם האלב־אינדזל סיניי, פון דער גאזא־געגנט, פון דער טעריטאריע פון יארדאניע ווי אויך פון לעוואנען און סיריע, מיט אן אויסגאנג צו דער איראקער גרענעץ און צו דער גרענעץ מיט סאוד־אראביע, אן ענדערונג פון די גרענעצן פון די אראבישע מעלוכעס א. א. וו.

ווען אין אקטאבער 1957 איז אין אויבנדערמאנטן אינדישן וואכנבלאט „בליטץ" דערשינען בלויז א קורצער אויסצוג פון אט דעם פלאן, האבן זיך די יִסראעלישע אפיציעלע קרייזן צונעאיילט „אפצולייקענען" די יעדיע. אבער גלייך נאך דעם איז פארעפנטלעכט געווארן דער פולער טעקסט פון דעם דערמאנטן אפעראטיוון פלאן פון יִסראעלישן גענעראל־שטאב. די יִסראעלישע סטראטעגן האבן זיכער ניט אויסגערעכנט, אז אף דער וועלט זענען ניט פאראן קיין סוידעס, וועלכע זאלן סאף קאל סאף ניט אנטדעקט ווערן, און אז אפילע אפעראטיווע פלענער פון א גענעראל־שטאב קענען פארעפנטלעכט ווערן, קעגן דעם ווילן פון דעם גענעראל־שטאב גופע.

ווי עס איז באוווּסט, שפיגלען אפ די אפעראטיווע פלענער פון די גענעראל־שטאבן פון מעלוכעס, אין א קאנצענטרירטער פארעם די אנשויוּנגען און די קאוואנעס פון די אנפירערישע קלאסן פון דער מעלוכע. דער פלאן פון יִסראעלישן גענעראל־שטאב איז אזוי עלאקוועַנט, אז עס זענען ניט

נויטיק קיין קאָמענטאַרן. עס איז פון אים קלאָר, אַז די מיליטערישע קריזן פון יִשׂראל האָבן שוין אין 1955 געהאַט אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן אויסצוּוויקלען אַ פּרעווענטיווע מילכאָמע קעגן די שכייניִשע אַראַבישע מעלוכעס, פּאַרויסזעענדיק אַז די מילכאָמע וועט יִשׂראל פירן בלויז מיט אירע אייגענע קויכעס, אָבער מיט דער מאָראַלישער, פּאָליטישער און מאַטעריעלער שטיצע פון אַזעלכע גרויסמאַכטן ווי פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן. די מעכאַברים פון פּלאַן האָבן גערעכנט אויסצונוצן אַ רייַ צייַטווייַליקע סופּעריאָריטעט־באַדינגונגען, וואָס עס פאַרמאָגט הייַנט יִשׂראל, לויט זייער מיינונג לעגאַבע אירע אַראַבישע שכיינים, באַדינגונגען וואָס קאָנען אָבער אין דער צוקונפט פאַרשווינדן פון יִשׂראל.

די „אַפּלייקענונגען” פון די יִשׂראלישע רעגירונגס־קרייַזן, קאָסטן ביליק. אָבער פאַקטן זענען אַקשאָנעסדיק. און די גאַנצע יִשׂראלישע פּאָליטיק ביז 1956, זאָגט איידעס וועגן דער עקזיסטענץ פון פּלענער פון אַ פּרעווענטיווער מילכאָמע קעגן די אַראַבישע מעלוכעס. ניט אומזיסט האָבן די יִשׂראלצייַטונגען וואָס זענען נאָענט צו די מיליטערישע קרייַזן, אַזוי העפטיק און אַקשאָנעסדיק פּראָפּאַגאַנדירט די אידעע פון אַ פּרעווענטיווער מילכאָמע. די פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען די עגיפּטישע רעגירונג האָט, מיט דער אויסזיכט צו פאַרשטאַרקן אירע פאַרטיידיקונגס־מעגלעכקייַטן, געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעגירונג וועגן צושטעלן עגיפּטן געווער, בעיס די מייַרעוו־מעלוכעס האָגאַם זיי האָבן צוגעשטעלט געווער פאַר יִשׂראל, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרקויפן געווער פאַר עגיפּטן.

יִשׂראלס האַנדלונג אין די טעג פון דעם אַזוי גערופענעם סועץ־קריזיס, האָט ווידער קאַטעגאָריש באַשטעטיקט די אַגרעסיווע קאַוואָנעס פון דער יִשׂראלישער מעלוכע לעגאַבע אירע אַראַבישע שכיינים.

## דער סועץ קריזיס

די קאָמפּאַניע פון דעם סועץ־קאַנאַל האָט געהאַט באַקומען אין יאָר 1869 די קאָנצעסיע מיצאַד דער עגיפּטישער רעגירונג אויף אַ טערמין פון 99 יאָר. דעם 26־טן יולי 1956, האָט די רעגירונג פון דער עגיפּטישער רעפּובליק אָנגענומען דעם באַשלוס וועגן נאַציאָנאַליזירן די אַקציע־געזעלשאַפט פון סועץ־קאַנאַל. אָננעמענדיק אַזאַ באַשלוס האָט עגיפּטן אויסגענוצט איר אומדיסקוטירלעך רעכט פון אַ סוווערענער, אומאָפּהענגיקער מעלוכע. די עגיפּטישע רעגירונג האָט אונטערגעשטראָכן, אַז עגיפּטן וועט אָנהאַלטן די פרייַהייט פון נאַוויגאַציע איבערן סועץ־קאַנאַל, ווי עס איז פאַרויסגעזען אין דער קאָנווענץ פון יאָר 1888, און וועט זיכערן די נאָרמאַלע נאַוויגאַציע איבערן קאַנאַל.

דער באַשלוס וועגן נאַציאָנאַליזירן די געזעלשאַפט פון דעם סועץ־קאַנאַל האָט אַ סך געמאַכט צו דער אָנאָרמאַלער לאַגע, לויט וועלכער דער סועץ־קאַנאַל האָט זיך געפונען אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן אין די הענט פון אַ פּריוואַטער געזעלשאַפט, וועמעס דער הויפט בייַלעק האָט געהערט צו ענג־

לישע און פּראָנצויזישע קאַפּיטאַלן, וואָס האָבן דעם קאַנאַל אויסגענוצט קעדיי צו באַרײַכערן זיך און צו אינטערווענירן אין די אינערלעכע ענינים פון עגיפּטן.

דער עגיפּטישער פּרעזידענט גאַמאַל אַבדעל נאַסער האָט אין זײַן רעדע, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נאַציאָנאַליזאַציע פון דעם סועץ־קאַנאַל געזאָגט: „יאָר אײַן, יאָר אויס פלעגט די געזעלשאַפט פון סועץ־קאַנאַל גאַנווענען בײַ אונדז מיליאַנען און מיליאַנען עגיפּטישע פונטן. דאָס געלט געהערט צו אונדז. כּוח דעם, האָבן דעם קאַנאַל געבויט עגיפּטישע מענטשן, און 120 טויזנט פון זיי זענען אומגעקומען... מיר גלויבן אין אונדזערע אייגענע קויכעס, אין אונדזערע אייגענע מוסקולן און אין אונדזער אייגן געלט.“

דער באַשלוס פון דער רעגירונג איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַ שטורמישער פרייד ניט נאָר מיצאַד דעם עגיפּטישן פאָלק, נאָר אויך מיצאַד דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט. און, פאַרשטייט זיך, קוידעם קאָל מיצאַד די מיזרעך־לענדער. אין אַלע הויפּט שטעט פון די אַראַבישע מעלוכעס זענען פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס ווי אַן אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט מיטן באַשלוס פון דער עגיפּטישער רעגירונג. אין קאַירא זענען אָנגעקומען טויזנטער באַגריסונגס־בריוו און טעלעגראַמעס, מיט די וואַרעמסטע סימפּאַטיעס און פרייד פון אַלע פעלקער. די סירישע צײַטונג „באַראַדאַ“ האָט געשריבן אין יענע היסטאָרישע טעג: „דער באַשלוס צו נאַציאָנאַליזירן דעם קאַנאַל ווערט באַגריסט דורך דער גאַנצער וועלט“.

מיט דער זעלבער הייסער סימפּאַטיע און שטיצע איז דער באַשלוס באַגעגנט געוואָרן אין פּעקין און אין דעלהי, אין טעהעראַן און אין האַנאָי, אין קאַבול און אין דזשאַקאַרטאַ. אויסדריקנדיק די מיינונג פון דעם 600 מיליאָניקן כינעזישן פאָלק האָט דעם 31־טן יולי 1956, געשריבן די צײַטונג „זשעמין־זשיבאַאָ“: די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט באַגריסן און שטיצן דעם באַשלוס פון דער עגיפּטישער רעגירונג, זיי פאַרדאַמען די פּראָוואָקאַטאָרישע דראָכים פון די אימפּעריאַליסטן און זייערע אומווירדיקע באַמיונגען אָנצושרעקן דאָס פרײַע עגיפּטן“.

דעם זעלבן געדאַנק האָט אויך אויסגעדריקט די אינדישע צײַטונג „הינדוסטאַן סטאַנדאַרט“: „די עפּאָכע פון קאָנצעסיעס איז שוין פאַריבער“ — האָט זי געשריבן — „און די מיזרעך־מעלוכעס מוזן רעספּעקטירן די עגיפּטישע אינטערעסן און זיך רעכענען מיט די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דעם לאַנד“.

דער ברייטער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּקלאַנג וועגן דעם באַשלוס פון דער עגיפּטישער רעגירונג האָט איידעס געזאָגט, אַז דאָס האָט באַפרידיקט די רייף געוואָרענע באַדערפעניש פון אַנטוויקלונג ניט בלויז פון עגיפּטן אַליין, נאָר אויך פון אַ סאַך אַנדערע געוועזענע קאָלאָניאַלע און געוועזענע אָפּהענגיקע מיזרעך־לענדער וואָס האָבן באַקומען זייער מעלוכע אומאָפּהענגיקייט און האָבן זיך נאָך אָבער דערווײַל ניט באַפרײַט פון די ניט־גלײַכבאַרעכטיקטע און דערנידעריקנדיקע אָפּמאַכן, אַרויפגעצוווּנגענע אויף די לענדער און פעלקער אין די צײַטן פון דער קאָלאָניאַלער אָרדענונג מיטן קויעך פון געווער, מיט אָפּ־

נאָרערײַ און מיט אַ ראַפינירטן פּאַראַט. די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער געזעלשאַפט פון סועץ־קאַנאַל האָט ווי אַ בליץ־שטראַל באַלויכטן די גרויסע היסטאָרישע פּראָצעסן וואָס קומען פאָר אויפן מיזרעך און וואָס זייער ציל איז אָפּצושאַפן די ניט גלײַכבארעכטיקייט פון די באַציִונגען צווישן מעלוכעס, וואָס איז געשטאַנען אויף דער באַזע פון דער וועלט־פאַרטיילונג פון אַרבעט אין די באַדינגונגען פון אימפּעריאַליזם.

נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן שוין 26 מיזרעך־לענדער דערגרייכט זייער אומאָפּהענגיקייט און זייערע פעלקער האָבן באַקומען די מעגלעכקייט צו בויען דאָס לעבן לויט זייער אייגענער אויפפאַסונג, לויט זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. און זיי זענען צוגעטראָטן צו דער בויונג מיט אַ הייסן גלויבן אין זייערע קויכעס, מיט אַן ענטוזיאַזם וואָס איז אימשטאַנד צו באַהערשן די גרעסטע שוועריקייטן. אָבער בלויז די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט איז נאָך ניט גענוג, ווי וויכטיק דאָס זאָל ניט זײַן פאַרן ווײַטערדיקן גורל פון פאָלק. קעדיי צו דערגרייכן צו אַ שוווּנג פון דער עקאָנאָמיק און פון דעם וווילשטאַנד פון דער באַפעלקערונג מוזן די מיזרעך־פעלקער גיין אומפאַרמײַדלעך פאָרויס צו אַן עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט, צו שאַפן זייער אייגענע נאַציאָנאַלע אינדוסטריע און אַן אייגענעם טראַנספּאָרט, ווי אויך צום פאַרבעסערן די מעטאָדן פון דער לאַנדווירטשאַפט.

אָבער נאָך זײַן פּאָליטישער מאַפּאָלע איז דער קאָלאָניאַליזם נאָך ניט אָפּגעטראָטן פון זײַנע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין אַ סאַך מיזרעך־לענדער. עס עקזיסטירן נאָך זייער פיל ניט קיין גלײַכבארעכטיקטע פינאַנציעלע און עקאָנאָמישע קאָנטראַקטן און קאָנצעסיע־אָפּמאַכן, צוליב וועלכע די מיזרעך־פעלקער זענען נאָך ניט די באַלעבאַטים פון זייערע נאַציאָנאַלע רײַכטימער, וואָס בלײַבן אין די הענט פון די גרויסע אויסלענדישע מאָנאָפּאָלן, וועלכע זאָרגן נאָר פאַר זייערע אייגענע סופּער־פּראָפיטן. „די אַלגעמיינע געזעלשאַפט פון סועץ־קאַנאַל" איז געווען בלויז איינע פון אַזעלכע קאָלאָניזאַטאָרישע קאָנצעסיעס, און דעם קלאַפּ איבער דער „געזעלשאַפט" האָט יעדעס פאָלק פון אַזיע, אַפריקע און לאַטײַן־אַמעריקע באַטראַכט ווי אַ קלאַפּ איבער ענלעכע געזעלשאַפטן, וואָס געפינען זיך אין זייערע לענדער. די בורזשואַזע ענגלישע, פראַנצויזישע און נאָרד אַמעריקאַנער צײַטונגען, וואָס האָבן אין די טעג פון דעם אַזוי גערופענעם „סועץ־קריזיס" באַשאָטן מיט אַ האָגל באַליידיקונגען דעם פּרעזידענט נאַסער, האָבן, פאַרשטייט זיך, געוווּסט אַז דאָ האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן אים. מיט שרעק האָבן זיי דערמאָנט די נאַציאָנאַליזאַציע אין מעקסיקע אין 1938 דעם איבערגאַנג אין די הענט פון אינדאָנעזישן פאָלק פון אַ גאַנצער רײַ אונטערנעמונגען פון די האָלענדישע קאָלאָניזאַטאָרן און, שליסלעך, דעם אומפאַרגעסלעכן אײַנדרוק, וועלכן עס האָט איבערגעלאָזט אין די הערצער פון אַלע מיזרעך־פעלקער די נאַציאָנאַליזאַציע אין 1951 מיצאַד פון דער אַנגלאָ־איראַנישער נאַפט־געזעלשאַפט.

די קאָלאָניאַלע מעלוכעס, און קוידעם קאָל ענגלאַנד און פראַנקרײַך, וואָס זענען געווען דירעקט פאַרינטערעסירט אַרויסצושלעפּן פּראָפיטן פון

דער עקספּלאָטאַציע פֿון סועץ־קאַנאַל, האָבן אָנגעפֿאַנגען צו מאַכן אַ ברוטאַלן דרוק אָף עגיפּטן; זיי האָבן אונטערגענומען עקאָנאָמישע רעפּרעסיעס, גע־מאָלדן וועגן דער מילכאָמע־גרייטקייט פֿון זייערע קריגס־פּלאַטן און וועגן זייער קאָנצענטראַציע נאָענט פֿון דעם סועץ־קאַנאַל, וועגן דער מאָביליזאַציע פֿון רעזערוויסטן, וועגן דער גרייטקייט פֿון דעסאַנטן און אַזוי ווייטער. אין דער פֿראַנצויזישער און ענגלישער פּרעסע, באַגלייט מיט דער פּרעסע פֿון אייניקע אַנדערע מײַרעוו־לענדער, האָט זיך ברייט אַנטוויקלט אַ קאַמפּיין פֿון פֿײַנטלעכע שטימונגען קעגן דעם אומאָפּהענגיקן עגיפּטן. דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו אַן אויסערגעוויינלעכער פֿאַרשאַרפֿטקייט פֿון דער שפּאַנונג אָפֿן נאָענטן און מיטעלן מיזרעך.

עס איז אַנטשטאַנען אַ פֿאַרביסענער אינטערנאַציאָנאַלער קאַמף צווישן די קויכעס פֿון קאָלאָניאַליזם און די קויכעס פֿון די אָנהענגערס פֿון שאָלעם און אומאָפּהענגיקייט פֿון די מיזרעך־פֿעלקער. אין אויגוסט 1956 איז אין לאָנדאָן פֿאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפֿערענץ וועגן דער סועץ־פֿראַגע. אין גאַנג פֿון דער קאָנפֿערענץ האָבן די פֿאָרשטייערס פֿון ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך און די פֿאַראייניקטע שטאַטן געפּרוּווט אַרויפֿצוצווינגען אָף עגיפּטן אַ סטאַטוט וועגן אַן „אינטערנאַציאָנאַלער פֿאַרוואַלטונג" פֿאַרן סועץ־קאַנאַל. פֿאַקטיש איז דאָס געווען אַ פּרוּוו אַרויפֿצוצווינגען אָף עגיפּטן אַ פֿרישן קאָלאָניאַלן סטאַטוט, אָבער דאָס מאָל שוין מיט דער בראָכע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

דער ראַטנפֿאַרבאַנד, אינדיע, אינדאָנעזיע און צייַלאָן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער לאָנדאָנער קאָנפֿערענץ, האָבן זיך, בײַ דער אַקטיווער שטיצע פֿון אַנדערע שאָלעם־ליבנדע מעלוכעס און פֿעלקער, קאַטעגאָריש געשטעלט אין דער פּאָזיציע פֿון פֿאַרטיידיקערס פֿון די סוווערענע רעכט און אינטערעסן פֿון עגיפּטן. די פּלענער פֿון די קאָלאָניזאַטאָרן זענען דורכגעפֿאַלן. די פֿאָדערונגען איבערצוגעבן דעם סועץ־קאַנאַל צו אַן אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרוואַלטונג איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן דורך דער עגיפּטישער רעגירונג.

די מילכאָמע־צוגרייטונגען פֿון די קאָלאָניאַלע מעלוכעס קעגן עגיפּטן האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט. איבער דער וועלט האָט אָנגעפֿאַנגען צו שוועבן אַ רעאַלע געפֿאַר פֿון אַ פֿרישער מילכאָמע מיט דער בוילעטער טענדענץ אויסצוּוויקלען זיך אין אַ וועלט־קריג. עס האָט זיך געהאַנדלט ניט נאָר אין דער אומאָפּהענגיקייט, רעכטן און פֿרײַהייט פֿון דער עגיפּטישער מעלוכע, דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן די רעכטן, אומאָפּהענגיקייט און פֿרײַהייט פֿון אַלע מיזרעך־מעלוכעס און ביכלאַל איז געשטאַנען אין קאָן דער גוירל פֿון שאָלעם אָף דער גאַנצער וועלט.

## אין גאַנג צו דער סיני־אַוואַנטורע

די אַלע געשעענישן וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער דירעקטער נאָענטקייט פֿון דער יִסראָעל־מעלוכע, זענען באַגעגנט געוואָרן דורך אַלע רעגירונגס־קרײַזן ווי אַ לאַנג דערוואַרטעטער צופֿאַל, „זיך אָפּצורעכענען" מיט די אַראַבער.

די אנפירערס פון ישראל האבן ניט געזען און אויך ניט געוואלט זען די אוניווערסאלע באדייטונג פון דעם קאנפליקט, וועלכער האט זיך געשאפן ארום דעם איניען פון דער נאציאנאליזאציע פון דער געזעלשאפט פון סועץ־קאנאל. זיי האבן ניט געוואלט זיך רעכענען ניט מיט דער רעאלער פראפארע פון די קויכעס אין דעם קאנפליקט, ניט מיט די שרעקלעכע רעזולטאטן פאר אלע פעלקער, אויב אין יענער געגנט וועט צעשטערט ווערן דער שאלעם. פאר די רעאקציאנערע ציעניסטן אין ישראל האט עקזיסטירט בלויז איין „וועלט־פראגע": די פראגע וועגן „צונויפזאמלען" די יידן פון דער „דיאספארא". דער בורזשואזער שאוויניזם האט פארשטעלט פון זייערע בליקן אלע וועלט־פראבלעמען, און צווישן זיי אויך אזא בעעמעסדיקע וועלט־פראבלעם ווי דאס באפרייען זיך פון די מיזרעד־פעלקער פון די פאליטישע און עקאנאמישע קאלאניאלע קייטן.

באם ערשטן עטאפ פון דער אנטוויקלונג פון דעם סועץ־קאנפליקט האט בענגוריאנס רעגירונג פארמאסקירט אירע צילן. אבער עס איז ניט געווען קיין צווייפל מיט וועמענס צאד זי סימפאטיזירט. דעם 17־טן אויגוסט 1956, גלייך נאך דעם, ווי די עגיפטישע רעגירונג האט באשלאסן צו נאציאנאליזירן דע „געזעלשאפט פון סועץ־קאנאל" האט די צייטונג „האבאקער", א נאענט שטייענדיקע צו דער ישראל־רעגירונג, געשריבן מיט זארג וועגן די אינטערעסן פון די קאלאניזאטארן: „דער סועץ־קאנאל איז בלויז די ערשטע שוואלב. אויב די נאציאנאליזאציע וועט באקומען די אינטערנאציאנאלע אנערקענונג, וועט אויך קומען די ריי אף די נאפט־קוואלן, און דאס איז מעסוגל אונטער־צוהאקן די פיס באם מיזרעוו".

אין מיטן 1956 איז די שטימונג אפן נאענטן מיזרעד געווען אנגעגליט ביז צו דער העכסטער מאס. עס האט זיך געפילט א דערנענטערונג פון א מילכאמע־שטורעם. צווישן דער באפעלקערונג פון ישראל איז געוואקסן די אומרויקייט. פארמעגלעכע לייט האבן איבערגעשיקט זייערע קאפיטאלן קיין אויסלאנד. די צייטונג „לאמערכאוו" האט מיט אומרו געשריבן „וועגן דער פלייטע פון די פארמעגלעכע מענטשן און קאפיטאלן קיין אויסלאנד". אין פארלויף פון דעם מאנאט יולי 1956 איז פון ישראל ארויסגעפארן 30 פראצענט מער בירגער, ווי עס איז אריינגעפארן. די רעגירונג איז געווען געצוווּנגען צו פארשטאפן אלע שפאלטן, דורך וועלכע עס איז אפגעפלאסן דער קאפיטאל, און צו שאפן וואס מער שטערונגען פאר די אפפארנדיקע.

אין דער מיזרעוודיקער פרעסע גיט מען איצט אז א סאך פאלשע ווערסיעס מעקויעד דער צוגרייטונג פון דעם ענגליש־פראנצויזיש־ישראעלישן אנגריף אף עגיפטן. מען פארזיכערט, אז די פאריינִיקטע שטאטן האבן מיט דעם אנגריף גאר קיין שייכעס ניט געהאט, אז דער באשלוס „אנצופאלן" עגיפטן איז, קלוימערשט, אנגענומען געווארן אין זעם לעצטן מאמענט פארן ארויסטריט, אלס פועל יוצא פון דער איינגעשפארטקייט פון דער עגיפטישער רעגירונג, אז דער מיליטערישער מארש פון דער ישראעלישער ארמיי אפן האלב־אינדזל סיניי איז קלוימערשט געווען א געצוווּנגענער, ווייל ישראעל איז באדראט געווען

דורך אַ מיליטערישן פֿאַרבאַנד פֿון אַלע אַראַבישע לענדער, וואָס האָט זיך קעגן איר קלוימערשט געשאַפֿן.

דאָס אַלץ שטימט ניט מיטן עמעס. דער ייִסראַעלישער אַנגריף אַף עגיפּטן, איז ניט פֿאַרטראַכט געוואָרן אין איין טאָג, און די צוגרייטונגען דערצו האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אַ צײַט פֿריער, איידער ער איז דורכגעפֿירט געוואָרן. נאָך אין האַרבסט 1955 האָט דער געהילף־שטאַטס־סעקרעטאַר פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן הער אַללען, אין אַ געשפּרעך מיט נאַסערן, אים געפּרוּווט אָנשרעקן מיט אַ מעגלעכקייט פֿון אַ מילכאָמע צווישן ייִסראַעל און עגיפּטן און האָט צוגעגעבן דערבײַ אַז „דאָס ייִסראַעלישע מיליטער קען אָנקומען ביז קאַיראָ און די רעגירונג פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן האָט זיכער געקענט די טענדענץ פֿון דער ייִסראַעל פּאָליטיק, ווײַל די פֿאַרייניקטע שטאַטן האָבן דאָך פֿינאַנסירט אַלע ייִסראַעלישע מילכאָמע־צוגרייטונגען. אין ביודזשעט פֿון דער ייִסראַעל־רעגירונג און פֿון דער ייִדישער אַגענץ פֿאַרנעמען די האַכנאָסעס פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן קימאַט 50 פּראָצענט. בלויז אַף אײַנצוקויפֿן באַוואָפֿענונג אין אויסלאַנד האָט ייִסראַעל אויסגעגעבן די קאָלאָסאַלע סומע פֿון 700 מיליאָן דאָלאַר.

די פֿאַרייניקטע שטאַטן האָבן ניט נאָר פֿינאַנסירט און עקיפּירט די ייִסראַעל־אַרמיי, זיי האָבן אויך פּאַקטיש אָנגעפֿירט מיט איר. יאָר אײַן, יאָר אויס זענען הונדערטער ייִסראַעלישע אָפֿיצירן פֿון אינפֿאַנטעריע לופֿט־פֿלאָט, טאַנקען־אָפּטיילונגען און קריגס־פֿלאָט דורכגעגאַנגען אַ מיליטערישע צוגרייטונג אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן, און אויך אין אַנדערע לענדער פֿון דער „נאַטאָ". אין דער זעלבער צײַט האָבן אַמעריקאַנער געדינט אין דער ייִסראַעל אַרמיי. די צײַטונג „לאַמערכאַוו", וואָס איז שטענדיק געווען גוט אינפֿאָרמירט אין די מיליטערישע ענינים, האָט דעם 20־טן יולי 1956 געשריבן, אַז בלויז אין דעם ייִסראַעלישן לופֿט־פֿלאָט געפֿינען זיך 170 אַמעריקאַנער אינסטרוקטאָרן. ס'איז אויך באַוווּסט, אַז אין דער צײַט פֿון דער מילכאָמע קעגן עגיפּטן, האָבן זיך געפֿונען אין ייִסראַעל אַ סאַך אַנדערע אַמעריקאַנישע ראַטגעבער און ספּעציאַליסטן, ווי אויך לופֿט־פֿליערס, טאַנקיסטן און שטאַב־אָפֿיצירן פֿון אַנדערע „נאַטאָ"־לענדער, הויפּטזעכלעך פֿון פֿראַנקרײַך.

פֿאַר ייִסראַעל זענען געווען אָפֿן די אַרסענאַלן פֿון די „נאַטאָ"־לענדער. דאָס געווער איז מיט אַ ברייטן שטראָם געפֿלאָסן אין לאַנד פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן, דעריקער פֿון די אַמעריקאַנישע געווער־סקלאַדן אין אייראָפּע, און אויך פֿון קאַנאַדע, ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך און בעלגיע.

ווען די אַראַבישע מעלוכעס האָבן אַרויסגעוויזן זייער אויפֿרעגונג צוליב דעם באַוואָפֿענען ייִסראַעל, האָבן די פֿירער פֿון די מײַרעוו־מעלוכעס געפּרוּווט עס אָפּלייקענען. דעם 3־טן יולי 1956 האָט אַ פֿאַרשטייער פֿון שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן געמאָלדן אַז „די פֿאַרייניקטע שטאַטן האָבן געשיקט קיין ייִסראַעל בלויז אַ באַגרענעצטע צאָל געווער".

דעם 16־טן יולי האָט דער קאַנאַדער פּרעמיער־מיניסטער סען לאָראַן, געענטפֿערט אַף אַן אָנפֿראַגע פֿון די אַראַבער, אַז „קאַנאַדע וועט ניט האַנדלען אײַנזײַטיק אין דעם איניען פֿון צושטעלן געווער פֿאַר ייִסראַעל". אָבער צוויי

וואכן שפעטער, דעם ערשטן אויגוסט, האט דער קאנאדער אויסערן־מיניסטער פירסאן אנערקענט, אז קאנאדע און נאך צוויי דריי לענדער זענען געקומען צו א העסקעם וועגן צושטעלן געווער פאר יִשראעל. אזא אפמאך איז פארשטייט זיך געווען א געהיימער. דעם 23־טן סעפטעמבער איז אין אן אפיציעלן קאמוניקאט געמאלדן געווען, אז קאנאדע האט באשלאסן צוגאבלער צו פארקויפן יִשראעל רעאקטיווע עראפלאנען.

נאכן דורכפאל פון די פלענער פון די ארגאניזאטארן פון דער לאנדאנער קאנפערענץ מיקויעד דער סועץ־פראגע זאבן די באשיצערס פון די אינטערעסן פון די פינאנציעלע קערפערשאפטן און פון די נאפט־מאנאפאלן צוגעטראטן אקטיוו צו די מילכאמע־צוגרייטונגען. עס איז קלאר געווארן, אז ענגלאנד און פראנקרייך האבן אנגענומען א קורס ארויסצורופן א מילכאמע. אף דער זיצונג פון דער פראנצויזישער נאציאנאלער פארזאמלונג פון 1־טן אויגוסט, האט גי־מאלע דער דאמאלסטדיקער פרעמיער מיניסטער גאר ניט צווייטײַדיק גע־פאדערט „טאטן, ניט קיין ווערטער", און אז מען זאל אננעמען „ענערגישע מיטלען". אף מארגן האט דער ענגלישער פרעמיער־מיניסטער עדען געמאלדן אין פארלאמענט, אז די ענגלישע רעגירונג האט בעדייע אנצונעמען אייניקע „מיטלען פון מיליטערישן כאראקטער". ער האט באשטעטיקט, אז די ענגלישע רעגירונג האט שוין געגעבן א באפעל איבערצופירן די מיליטערישע יאם־און לופט־קויכעס פון ענגלאנד צום נאענטן מיזרעך, נעענטער צו די עגיפּטישע ברעגן. די רעאקציאנערע מײַרעוו־פרעכע האט אנגעהויבן א ווילדן קאמפיין קעגן עגיפּטן, פאדערנדיק „די דראסטישע מיטלען", דאס הייסט א מילכאמע.

אין די דאזיקע טעג, קען מען דענקען, איז פאר יִשראעל געווען דער גינסטיקסטער מאמענט צו געפינען דעם וועג צו די הערצער פון די אראבער. ווען יִשראעל וואלט אין יענע טעג פארזיכערט עגיפּטן און אנדערע אראבישע לענדער, אז זי שטיצט דעם גערעכטן טאט פון דער עגיפּטישער רעגירונג מיט איר נאציאנאליזאציע פון דעם סועץ־קאנאל און אז זי וועט ניט דערלאזן אז יִשראעל זאל ווערן אויסגענוצט קעגן עגיפּטן, און ווען זי וואלט דאס אלץ אויך דורכגעפירט אין לעבן, וואלט קלאר געווארן אז אז שריט וואלט געקענט דינען ווי אן אנפאנג פונעם סאף פון דער אראביש־יִשראעלישער סיגע.

ווען אף מארגן נאך דער נאציאנאליזאציע פון דעם סועץ־קאנאל איז די יִשראעל צײַטונג „דאוואר" ארויס מיט א לײַט־ארטיקל, אין וועלכן עס האט זיך געזאגט אז פאר יִשראעל איז אלציינס ווער עס וועט זײַן דער באַלעבאס פון דער געזעלשאפט פון סועץ־קאנאל, האט עס געהאט א זייער פאַזיטיוון אפקלאנג אין עגיפּטן. אבער דער ארויסטריט פון „דאוואר" איז געווען בלויז א שפיצל. די אנפירנדיקע קרײַזן פון יִשראעל האבן געוואלט פארשלעפערן די וואכזאמקייט פון עגיפּטן. אין דער עמעסן האבן זיי ניט געזוכט צו לייזן די פראבלעם אפן וועג פון פרײַנטשאפט און קעגנזײַטיקער פארשטענדיקונג מיט די אראבער, נאר דורך מילכאמע־אוואנטורעס.

סאף יולי האט די עקסטרעם־רעכטע צײַטונג „כיירוט" גערופן „אויסצונוצן דעם גינסטיקן היסטארישן מאמענט" און די אוונט צײַטונג „יעדיאט אכראנאט" האט דעם 29־טן יולי געשריבן: „אין פראנקרייך האפט מען, אז

ישראל וועט אנלערנען עגיפטן, דארט ווייל מען זען ישראל אלס פאנען־טרעגער אין דעם קרייץ־צוג צו ליקווידירן נאסערן".

דעם 13־טן דעצעמבער 1956 האט „ניוס קראניקל" אנערקענט, אז „דער געדאנק, אז ישראל איז דער בעסטער פון אלע הייבשטאנגען אף אראפ־צושליידערן נאסערן, האט אנפאנג אויגוסט אנגעטראפן אף א צושטימונג אין פאריז". אין מיטן אויגוסט, האט פראנקרייך אין אן אבסאלוטער געהיימעניש, צוגעטראטן צו פארשטארקן די ישראל־ארמיי מיט טאנקען, עראפלאנען און ארטילעריע. דעם 12־טן אקטאבער 1956 האט דער ענגלישער זשורנאל „סקאטס־מען" געשריבן: „דער מיירעוו און ישראל האבן געמיינזאמע אינטערעסן פאר א קאמף קעגן נאסערן, און ישראל, באגייסטערט מיט דער האפענונג צו באקומען אין דער צוקונפט הילף פון אירע מעכטיקע פארבינדעטע, האט אנגעפאנגען צו האנדלען אגרעסיווער".

דער שטראם פון געווער פאר ישראל איז געוואקסן פון טאג צו טאג. לויט „ניוס קראניקלס" אויסדרוק פלעגט מען שיקן לאדונגען פון געווער אז א כעשבן. אין כייפער פארט האט מען ניט באוויזן אויסצולאדן די שיפן מיטן קריגס־מאטעריאל. ישראל האט באקומען הונדערטער עראפלאנען, צווישן זיי אויך די מאדערנסטע רעאקטיווע, טאנקען, אויטא־קאנאנען געפאנצערטע טראנספארט־מאשינען, פעלד־און לופט־הארמאטן, שיפן, צווישן זיי מינען־טרעגערס, טראנספארט און שפיטאל־איינריכטונגען.

דעם 5־טן אויגוסט איז פארגעקומען א שטורמישע זיצונג פון דער ישראל־רעגירונג וועגן דער באציונג פון ישראל צום סועץ־קריזיס. די זיצונג האט געדויערט עטלעכע שא. בענגוריאן האט פארלאנגט אנצוווענדן „קריגס־מיטלען" און האט געפאדערט „שטופן דעם מיירעוו צו מער אנטשלאסענע טאטן". די פארשטייערס פון די לינקע ציעניסטן אין דער רעגירונג האבן געפרווט זיך קעגנשטעלן דער אוואנטורע וואס ווערט געגרייט, אבער זייערע טיינעס זענען געווען נאיווע. אין גאנג פון דער זיצונג האבן זיי דערנאך אינגאנצן קאפיטולירט פאר בענגוריאנען.

ישראל האט זיך ווי א פייל פון בויגן א לאז געטאן צו דער קריגס־אוואנטורע. די קריגס־מאשין האט אנגעהויבן צו ארבעטן אפן פולן גאנג. דעם 6־טן אויגוסט איז אין לאנדאן פארגעקומען א געהיימע בעראטונג צווישן סעלווין לאיד און דעם ישראלישן געזאנדטן עבאן וועגן דער מעגלעכקייט אז דאס ענגלישע מיליטער זאל אויסנוצן די ישראלישע מיליטער־באזעס „אין פאל ווען די קריגס־אפעראציעס קעגן עגיפטן וועלן ווערן אומפארמיידלעך".

דער גענעראל דירעקטאר פון ישראלישן פארטיידיקונגס־מיניסטעריום, פערעס איז זעכצן מאל געפלויגן קיין פאריז, וו' ער האט געפירט אונטערהאנד־לונגען וועגן צושטעלן געווער און וועגן דער קאארדינירונג פון די פלענער פאר די מילכאמע אפעראציעס. פאר „אויסערגעוויינלעכע פארדינסטן" האט ער באקומען דעם פראנצויזישן אָרדן פון „ערן־לעגיאן".

די צושטימונג פאר א מילכאמע איז אויך באקומען געווארן פון יענער זייט אקעאן. דער אנפירער פון דעם „פאריייניקטן קאמפיין פאר פארטיידיקן ישראל" ס. סעגאל האט געמאלדן אז עס איז באשלאסן געווארן צו זאמלען

פאַר ייִסראָעל ניט קיין 75, נאָר 150 מיליאָן דאָלאַר. בלויז אין די פּאַריי־ניקטע שטאַטן האָבן אין 1956 די זאַמלונגען געבראַכט 1מיי מיליאָן דאָלאַר. גלייכצייטיק האָט די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן נאָך פון ביטן אוי־גוסט אָן פאַרגליווערט דעם עגיפּטישן אַקטיוו און גלייך נאָך דעם אַראָפּגענומען דעם עמבאַרגאָ אויף די געווער־לאַדונגען פאַר די לענדער פון נאָענטן מיזרעך, וואָס דאָס האָט פאַקטיש באַדײַט דעם אַרייַנפיר פון געווער קיין ייִסראָעל. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט די אַמעריקאַנער צײַטונג „וואַשינגטאָן איוונינג סטאַר" געשריבן: „אַ גוט באַוואָפנטע ייִסראָעל־אַרמיי וועט זײַן אַ ווערטפולער געהילף פאַרן ענגלישן און פראַנצויזישן מיליטער, אויב זיי וועלן אַרויס־טרעטן קעגן עגיפּטן".

אין מיטן אויגוסט האָבן זיך אין גאַנץ ייִסראָעל אָנגעפאַנגען איבונגען פון לופט־פאַרטיידיקונג, אין די שטעט און שטעטלעך האָבן געוואָיעט אַלאַרם־סירענעס, מען האָט דורכגעפירט אויפרײַס־איבונגען, סרייפעס; גאַנץ ייִסראָעל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מושטיר־פּלאַץ, וווּ מען האָט אויסגעפּרוּווט טאַנקען, אויטאָ־קאַנאַנען, פעלד־און לופט־באַטעריעס. איבער די שטעט האָבן זיך מיט אַ געבריל געטראָגן רעאַקטיווע אַעראָפּלאַנען, די אַרטילעריע־קאַנאָנאַדע און דאָס שיסערײַ פון אויטאָמאַטישן געווער און פון קוילנוואַרפערס האָט ניט אויפגעהערט אַפילו אין די נעכט. צענדליקער טויזנטער רעזערוויסטן זענען גערופן געוואָרן צו מיליטערישע איבונגען.

עס האָט זיך אויך געענדערט דער טאָן פון די רעדעס בײַ די ייִסראָעלישע פירערס. זייערע אַרויסטריטן זענען געוואָרן קריגערישער. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָט די אויסערן־מיניסטאָרן ג. מייער, גאַנץ אָפנהערציק דערקלערט דעם 7־טן אָקטאָבער: „קיינער קאָן ניט צונעמען בײַ ייִסראָעל דאָס רעכט אָנצוגעמען מיטלען פאַר זעלבסטפאַרטיידיקונג, אַפילו אין פאַל ווען די מיטלען ווערן אָנגעווענדעט אויסער די גרענעצן פון ייִסראָעל. בענגוריאָנס רעדעס זענען געווען איבערפולט מיט קלאָרע און פּילבאַדײַטנדיקע אָנצוהערענישן. דעם 30־טן אויגוסט 1956 האָט ער אויף אַ צוזאַמענפאָר פון מאַפּאַי דערקלערט: „די ייִסראָעלישע באַוואָפנטע קויכעס זענען נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי צוגעגרייט און עקיפּירט ווי איצט. גאָר אין גיכן וועלן זיי זײַן נאָך מער צוגע־גרייט. עס קומען פאַר גרויסע מײַסים, אָבער עס איז נאָך ניט די צײַט זיי צו פאַרעפנטלעכן".

דעם 20־טן סעפּטעמבער 1956, האָט בענגוריאָן געמאָלדן: „אונדזער אַרמיי פאַרמאָגט מענטשן וועלכע וואָלטן געוואָלט שוין מאָרגן אָנהייבן אַ מילכאָמע און אָנגיין מיט איר. זיי באַזיצן קענטעניש, דרייסטקײַט און גע־טרײַשאַפט. זיי פאַרמאָגן אַ סאַך פון דעם אין וואָס זיי נויטיקן זיך און זיי באַהערשן עס מיט דערפאַלג". דעם 10־טן אָקטאָבער האָט דער פּרעמיער־מיניסטער מיט באַרימערײַ אָפן דערקלערט, אַז אין אירע צוגרייטונגען איז ייִסראָעל ניט עלנט און אַז אין גיכן וועט ייִסראָעל האָבן אַן עכטן פאַרבינ־דעטן".

די גרופּע וואָס איז געשטאַנען בײַ דער מאַכט, האָט ניט געהאַט קיין מוירע פאַר אַ מילכאָמע, פאַרקערט, זי האָט געציטערט פאַר אַ שאָלעם. די

ציוניסטישע פרעסע האט קריטיקירט די מירעוו־מעלוכעס ניט פאר זייערע דראָונגען און פאר די מילכאָמע־צוגרייטונגען, נאר פאר זייער „נעלאָסנקייט". יִסראָעלס געוועזענער פרעמיער־מיניסטער מ. שארעט האט דעמאָלט געשריבן אין דער צייטונג „דאוואר": „יעדער טאג וואס גייט פאריבער, דערווייטערט דעם ענד־קלאפּ און שוואכט אָפּ דעם קויעך פון קלאפּ".

דער קריגערישער ברען פון די יִסראָעליִשע עקסטרעמיסטן איז געוואקסן פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם וווּקס פון די יאם־און לופט־קויכעס פון ענגלאנד, פראנקרייך און די פאראייניקטע שטאטן אין דעם מיזרעך־טייל פון מיטללענדישן יאם. דאס אָנקומען פון הונדערטער לופט־עסקאדריליעס, הונדערטער קריגס־שיפן, צענדליקער דעסאנט־דיוויזיעס, האט זיי צוגעגעבן זיכערקייט אין אומ־באשטראָפטקייט. זיי האבן זיך איינגערעדט, אז דער ארויסטריט קעגן עגיפּטן וועט ניט זיין פארבונדן מיט קיין ריזיקע. „א מילכאָמע אף א פרעמדער טעריטאָריע, מיט פרעמדן געווער און פאר פרעמד געלט" — ווי מען האט עס דאן א נאָמען געגעבן אין יִסראָעל, — האט אָפּאָנים, צוגעזאָגט ניט אַנדערש, ווי נייע רעוואָכים פאר אינדוסטריאלן און סאָכרים, וואס זענען רייך געוואָרן בא די צושטעלונגען פאר דער ארמיי און פון דער אומגעהייערער ספּעקולאציע מיט אימפּארט־סכוירעס און דיוויזן אפן שווארצן מארק.

ווען דער פראנצויזישער געזאנדטער אין יִסראָעל, זשילבער, האט דער־קלערט אז יִסראָעל וועט קעמפן קעגן עגיפּטן זיים בא זיים מיטן מיִרעוו, האט דאס די יִסראָעל־רעגירונג אויפגענומען ווי א געהעריקע זאך.

דעמאָלסט האט שוין יִסראָעל געפירט די אזוי גערופענע „קליינע מיל־כאָמע" קעגן יארדאניע. פון דעם 29־טן יוני ביזן 25־טן סעפּטעמבער איז יארדאניע געצוווּנגען געווען איבערצושיקן צו דער געמישטער וואפנשטיל־שטאנד־קאָמיסיע 210 אָנקלאָגעס קעגן אקטן פון פארלעצן די אָפּמאכן וועגן וואפנשטילשטאנד מיצאד יִסראָעל, און קעגן די פּראָוואָקאציעס אף דער גרענעץ, רעאליזירטע פון דעם יִסראָעל־מיליטער. די פארלוסטן פון יארדאניע זענען באשטאנען פון 72 טויטע און 24 פארוווּנדעטע. פון איר זייט האט יִסראָעל געשיקט צו דער געמישטער קאָמיסיע 59 אָנקלאָגעס. אירע פארלוסטן האבן געציילט 19 טויטע און 28 פארוווּנדעטע.

פון ענדע סעפּטעמבער אָן און אין פארלויף פון גאנצן מאָנאט אָקטאָבער, האבן זיך פארשטארקט די פּראָוואָקאטארישע איבערפאלן פון יִסראָעלישן מיליטער אף יארדאניע און עגיפּטן. דעם ערשטן אָקטאָבער האט דער יאר־דאנישער פארשטייער אין דער „און" דערקלערט: „איצט איז שוין ניט די רעדע וועגן ספּעציפישע גרענעץ־אינצידענטן, זיי באקומען שוין א פארעם פון באוואָפנטע איבערפאלן, וועלכע ווערן צוגעגרייט דורך יִסראָעל, קעדיי ארייַנצוציען יארדאניע און אנדערע אראבישע לענדער אין א מילכאָמע פון א גרויסן פארנעם".

דורך די איבערפאלן אף יארדאניע האט יִסראָעל געזוכט ארויסצורופן קעגנמיטלען, וואס זאלן דינען ווי א טערעץ פאר א מילכאָמע. אין דער זעלבער צייט האט זי פארמאסקירט די ריכטונג פון דעם הויפּט־קלאפּ וועלכער האט זיך געגרייט.

אין מיטן מאנאט אקטאבער האט זיך אנגעהאנגען אין יִשׂראל א געהיימע מאביליזאציע פון רעזערוויסטן און טראנספארט. לויט די ידיעות פון דער פראנצויזישער פרעסע איז דעם 22־טן אקטאבער בענגוריאן אנגעקומען געהיים אין פאריז און דארט האט ער צוזאמען מיט גי־מאלע און פאר־שטייערס פון פראנצויזישן שטאב אנגענומען דעם ענדגילטיקן פלאן פון א „בליץ־קריג" קעגן עגיפּטן. דאס, וואס דעם 23־טן אקטאבער האט אויסגע־בראכן דער קאנטער־רעוואלוציאנערער פוטש אין אונגארן, האט באפליגלט די ארגאניזירערס פון דער מלחמה־אוואנטורע קעגן עגיפּטן. די צוגרייטונגען פון די פּראוואקאציעס קעגן דעם אונגארישן און עגיפּטישן פאלק האבן דאך געשטאמט פון דעם זעלבן צענטער. ניט אומזיסט זענען די געשעענישן געווען לויט דער צייט סינכראניזירט. דער פראנצויזישער אויסערן־מיניסטער פּינא האט פארזיכערט זיינע יִשׂראליש פארבינדעטע, אז די לענדער פון דעם סאציאליסטישן לאגער וועלן גארניט קענען אויפטאן צו הילף די אראבישע לענדער. „זיי וועלן מאכן א גוואלד, זיי וועלן דראען, אויפהייבן א שטורעם, אבער טאן וועלן זיי גארניט". אזוי האט ער געזאגט.

דעם 25־טן אקטאבער האט די יִשׂראלישע הויפּט־קאמאנדע מאביליזירט איבער 150 טויזנט רעזערוויסטן. די ארומיקע לאגע אפן נאענטן מיזרעך איז געווארן אלץ מער אנגעגליט, און דער ראטנארבאנד איז נאטירלעך געבליבן גלייכגילטיק צו די צייטיק־געווארענע געשעענישן. דעם 30־טן יוני האט דער ראטנפארבאנד געמאכט די ערשטע ווענדונג צו דער יִשׂראל־מלוכה, אין וועלכער די סאוועטישע רעגירונג האט געווארנט די יִשׂראלישע רעגירונג קעגן א פּרווו אויסצונוצן דעם סועץ־קאנפליקט פאר א קריגס־פּראוואקאציע. דאן איז דערקלערט געווארן בעקאל ראם, אז יִשׂראל גרייט צו א מלחמה־פּראוואקאציע קעגן עגיפּטן, און עס איז אויסדריקלעך געזאגט געווארן צו די יִשׂראלישע עקסטרעמיסטן אז: „באם שלעפּן פון פייער הייסע קאשטאנעס פאר די מערעוו־מלוכעס, קאן מען זיך אפּבריען די הענט! דער וועג פון קריגס אוואנטורעס איז פול מיט געפערלעכע קאנסעקווענצן פאר יִשׂראל, און די פאראנטווארטלעכקייט דערפאר לעגאבע דעם יִשׂראלישן פאלק וועט פאלן אויסשליסלעך אף די יִשׂראלישע רעגירונגס־קרייזן".

צוויי וואכן פארן אגרעסיווען איבערפאל אף עגיפּטן האט זיך געזאגט אין מעלדונג פון „טאס", אז „די שפּיל מיט פייער, וועלכע עס פירן די רע־גירונגס־קרייזן פון יִשׂראל" פארבארגט אין זיך זייער געפערלעכע קאנסעק־ווענצן און קודעם קאל פאר יִשׂראל גופא".

ווארענונגס־שטימען האבן זיך געלאזט הערן אויך אין לאנד. די קאָ־מוניסטישע פארטיי פון יִשׂראל האט געשטעמפּלט בענגוריאנען און זיין גרופּע ווי מיטהעלפערס פון קאלאניאליזם, ווי מלחמה־צינדערס, זיי האבן דעמאס־קירט זייערע געפערלעכע קאוואנעס צו שאפן א יידישע אימפּעריע" פון נילוס ביזן טייך פּראס. ניט אפּשטעלנדיק זיך פארן טעראר און פאר פאליצייישע פארפאלגונגען האט די קאמפּארטיי דורכגעפירט פּראטעסט־מיטינגען און פאר־זאמלונגען קעגן דער געגרייטער מלחמה־אוואנטורע.

דער בורזשואזער זשורנאל „האאלאם האזע", באגמרונקט פון די מענ־

לעכע קאנסעקווענצן פון דער אוואנטורע, האט געשריבן א וואך פאר דער מילכאמע: „עס קען זיך שאפן א גאנץ אומאנגענעמע לאגע, ווען דער וועג איבערן סועץ־קאנאל וועט זיין אפן, נאר מיר וועלן ניט האבן וווהין צו גיין איבער אים. אזיע, וועלכע האט שוין א פארדאכט, אז יִסראעל דינט טריי דעם מיירעוודיקן אימפעריאליזם, וועט ארויסטראגן איר ענדגילטיקן אורטייל און אף יִסראעלס נאמען וועט פאלן נאך א פלעק".

אבער בענגוריאן און זיין גרופע האבן ניט געלייגט קיין אכט אף די אלע ווארענונגס־שטימען. דעם 27־טן אקטאבער איז אין לאנד דערקלערט געווארן קריגס־צושטאנד. אומעטום האבן מיליטערישע פאטרולן רעווידירט די דאקומענטן פון די דורכגייערס, געזוכט מענטשן וועלכע באהאלטן זיך אויס פון דער מאביליזאציע, פארהאלטן אייגנטימערס פון אויטאמאבילן, וואס האבן ניט אויסגעפאלגט דעם באפעל פון דער טראנספארט־מאביליזאציע.

ווען אלע צוגרייטונגען זענען שוין געווען פארענדיקט, האט מען געלאזט אין גאנג די אפיציעלע ווערסיע פאר א פארמעלער בארעכטיקונג פון איבערפאל. מען האט געמאלדן, אז אין דעם מידבער־סיניי באהאלטן זיך אויס „נעסטן פון פעדאיאנער" (אראבישע פארטיזאנער) און פון דארטן ווערן זיי, קלוימערשט, ארייננעשיקט אף דער יִסראעל־טעריטאריע דורכצופירן דיווערסיע טעטיקייט. די ארייןדרינגונג פון יִסראעלישן מיליטער אין דער עגיפטישער טעריטאריע האט מען פארענטפערט ווי א נויטווענדיקייט צו פארניכטן די „פעדאיאנישע נעסטן". קעדיי די מייסע זאל אויסזען באגלויבלעך, האט די יִסראעלישע מאכט געמאלדן עטלעכע שא פארן איבערפאל אף עגיפטן, וועגן פארהאלטן דריי אראבישע יונגטלעכע, וואס האבן זיך קלוימערשט מודע געווען אז זיי זענען פעדאיאנער.

דעם 29־טן אקטאבער באגינען, האט דאס יִסראעל־מיליטער אומגעריכט, אן א קריגס־דערקלערונג, ווי דאס איז געווען פארויסגעזען אין דעם אויבנדערמאנטן פלאן פון זייער גענעראל־שטאב, ארייננעריסן אין דער עגיפטישער טעריטאריע.

דעם 29־טן אין אוונט האט די יִסראעלישע מאכט אף דער פרעסע־קאנפערענץ פאר אויסלענדישע זשורנאליסטן געמאלדן, אז די אינוואזיע אף עגיפטן דורך יִסראעל דערקלערט זיך דערמיט, וואס אין מעשעך פון די לעצטע באדאשים, האבן די עגיפטישע פעדאיאנער פארשטארקט זייער אקטיוויטעט. אזא דערקלערונג איז אויפגענומען געווארן פון די זשורנאליסטן מיט געלעכטער און מיט איראנישע אויסרופן. פאר יעדן פארנונפטיקן מענטשן איז גלייך אויפגעשווומען א פראגע: אויב די יִסראעלישע רעגירונג האט געוווסט וועגן דער עקזיסטענץ פון פעדאיאנישע נעסטן אין דעם מידבער סיניי, טא פארוואס האט זי באשלאסן צו מעלדן וועגן דעם דער וועלט ערשט דאן ווען עס האט זיך שוין אנגעהויבן די אינוואזיע פון מידבער דורכן יִסראעלישן מיליטער? עס האט זיך געשטעלט נאך א פראגע: אויב עס האבן עקזיסטירט פעדאיאנישע נעסטן אין דעם מידבער סיניי, טא פארוואס האט דעם 29־טן סעפטעמבער דערקלערט דער געזאנדטער פון יִסראעל אין די פאריייניקטע שטאטן, אז אף

דער ייִסראַעל־עגיפּטישער גרענעץ הערשט שאָלעם וועשאַלוואַ? דאָס זעלבע האָבן אויך פעסטגעשטעלט א סאַך ייִסראַעלישע צייַטונגען.

און, לעסאָף: אויב די ייִסראַעל־מאַכט האָט גערעכנט, אַז פאַר ייִסראַעל דראָט אַ געפאַר מיצאַד די עגיפּטישע פעדאַיאַנס פון סיניַי־מידבער, איז פאַר־וואָס האָט זי דערויף ניט גערופן די אויפמערקזאַמקייַט פונעם שעף פון שטאַב פון די „און"־באַאָבאַכטער אין פּאַלעסטינע? פאַרוואָס האָט זי ניט געפאָדערט אַז אינטערנאַציאָנאַלע אויספאָרשונג? פאַרוואָס האָט זי זיך ניט געווענדעט צום זיכערקייט־ראָט? פאַרוואָס האָט זי ניט געפּרוּווט דערליידיקן דעם איניען אַף אַ פרידלעכן אויפן?

אַף די אַלע פראַגעס קען זייַן נאָר איין ענטפער: די אויסגעטראַכטע מייַסע וועגן פעדאַיאַנס איז פאַר דער ייִסראַעל־מאַכט געווען נויטיק קעדיי צו פאַר־בלענדן די עפנטלעכע מיינונג.

אין שייַכעס מיט אונדזער אויסמיר, שרייַבט דער הער שורער אַט וואָס, אין דער צייַטונג „דאַוואַר": „מיר האָבן זעלבסטפאַרשטענדלעך אַ סאַך ענט־פערס אַף די דאָזיקע נאַיווע פראַגעס" — אָבער פונדעסטוועגן גיט ער ניט קייַן שום ענטפער. עס איז זיכער אַז דער הער שורער איז ווייַט פון צו זייַן נאַיוו, אָבער ווי עס שייַנט, האַלט ער פאַר נאַיוו קוידעם קאָל זייַנע אייגענע לייענער. ייִסראַעלס אַגרעסיע איז דאָך פאַרדאַמט געוואָרן דורך דער גאַנצער וועלט; אַפילע די אָפיציעלע פראַנצויזישע און ענגלישע היסטאָריקערס דער־מאָנען ניט ערנסט די ווערסיע וועגן די פעדאַיאַנס, ווי די סיבע פון דער ייִסראַעלישער אַגרעסיע. בלויז איין שורער בלייַבט זיך געטרייַ, בלויז ער אַליין „זיצט אַלץ אַף דער זעלבער פּאָזיציע אָפּן שטיין".

קומט אָבער אונדז צו הילף דער גענעראַל מוישע דאַיאַן, וואָס איז פון 1953 ביז 1958 געווען דער שעף פונעם גענעראַל־שטאַב פון דער ייִסראַעל־אַרמיי, דאָס הייסט בעיים דעם סיניַי־קאַמפּיין, ווי אויך פריער, אַרייַנגערעכנט אויך דעם פעריאָד, ווען עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער אויבנדערמאָנטער פּלאַן פון ייִסראַעלישן גענעראַל־שטאַב. ווי אַ מיליטער־מאַן און, דעריבער, ווי אַ מענטש אַז אַנטשלאָסענער, וואַרפט ער אָפּ די אַלע דיפּלאָמאַטיש־פּראָפּאַ־גאַנדיסטישע דריידלעך, מיט וועלכע עס פאַרוויילט זיך דער הער שורער, און דעם 24־טן יולי 1959 מאַכט ער אַ רוף אין דער צייַטונג „דזשערוזאַלעם פּאָסט" איבערצוכאַזערן דעם סיניַיער קאַמפּיין אין אַ „פּאַסיקן מאָמענט".

עגיפּטן, שרייַבט דאַיאַן, מוז וויסן, אַז דער סיניַי־קאַמפּיין „איז געווען אַן אויסדרוק פון פּאָליטיק, און די דאָזיקע פּאָליטיק האָט זיך ניט געענדערט". דערקלערנדיק אַז דער ציל פון דעם נייַעם קאַמפּיין איז קלוימערשט צו זיכערן פאַר ייִסראַעל די פרייַהייט פון נאַוויגאַציע איבערן סועץ־קאַנאַל, זעצט דאַיאַן פאָר: „אין דעם פאַל זענען מעגלעך צוויי מינים קריגס־אָפּעראַציעס. דער ערשטער מין אָפּעראַציע וואָלט געקענט געצילט זייַן אַף צו גרייכן ביזן קאַנאַל. דורך באַזעצן דעם האַלב־אינדזל סיניַי, פאַרנעמען דעם מיזרעך־ברעג פונעם קאַנאַל און פאַרוואַנדלען אַזוי אַרום דעם סועץ־קאַנאַל אין אַ וואַסער־וועג, וואָס וועט קאָנטראָלירט ווערן דורך ביידע לענדער פון ביידע זייַנע ברעגן. אַזאַ אַרט טעריטאָריעלע ענדערונג קען דורכגעפירט ווערן נאָר ווי אַ טייל פון דער

וועלט־פאליטיק, געצילט צו ענדערן די פאליטישע סטרוקטור פון דער זאנע און אויך דאן, ווען די באדינגונגען וועלן זיין גינסטיקע" (לויט דאינס מיינונג איז דער העסקעם מיט פראנקרייך און ענגלאנדס דורכגעפירטער סיני־קאמפיין געווען א גינסטיקער באדינג).

„עגיפטן מוז וויסן... אז מיר זענען פעיק אויסצוקלייבן א פאסיקן מאמענט און צו אנטדעקן די שוואכע פונקטן פון עגיפטן און אז מיר וועלן זיך ניט קווענקלען קעדיי אויסצונוצן אזא מעגלעכקייט".

פון זיך גיט צו „דזשערוזאלעם פאסט", אז די רעגירונגס־פארטיי מאפאי גרייט פאר דאיאנען א וויכטיקן פאסטן אין דעם רעגירונגס־אפאראט נאך די קנעסעט־וואלן וואס וועלן פארקומען אין נאוועמבער 1959. אף אזא מין אויפן האבן זיך צונויפגעשטויסן צוויי מאפאישע נעוויים — הער שורער און הער דאיאן. מיר זענען פונדעטוועגן געצווינגט צוצוטיילן די בכוירע דאיאנען, וואס איז, בעלוי־סאפעק, א סאך מער אינפארמירט און א סאך ווייניקער „נאיוו", ווי דער הער שורער.

ווען דאס יסראעלישע מיליטער האט פון די דארעם־געגנטן אוואנסירט איבערן האלב־אינדזל סיני, אויסמיידנדיק די עגיפטישע פארפעסטיקטע פונקטן אין נעגעוו, איז עס פון דער לופט געשיצט געווארן דורך פראנצויזישע עסקאדריליעס פון יאגד און באמבארדיר־עראפלאנען. אזעלכע עסקאדריליעס האבן אויך באוואכט די יסראעלישע שטעט. יסראעל איז דאן געווען, ווי מען האט זיך אויסגעדריקט, "אונטערן שירעם פון דער פראנצויזישער אוויאציע". פון יאם האט יסראעל געשיצט דער 6־טער נארד אמעריקאנער פלאט, וועלכער האט פאטרולירט בא די ברעגן, און דער פאריניקטער ענגליש־פראנצויזישער פלאט.

אף אזא אויפן האט זיך אנגעהויבן די יסראעלישע אוואנטורע קעגן עגיפטן. דאס האט געדינט ווי א סיגנאל צו א באוואפנטער אריינמישונג פון יסראעלס פארבינדעטע — ענגלאנד און פראנקרייך. מיטן לעכערלעכן טערעץ, אז זיי האבן בעדייע צו סעפארירן די קעמפנדיקע צדאדים, האבן די ענגלישע און פראנצויזישע כאיאלעם אנגעפאנגען זייערע קריגס־אפעראציעס קעגן עגיפטן. קעדיי צו „סעפארירן די קעמפנדיקע צדאדים" האבן זיי געמוזט ניט מער און ניט ווייניקער ווי באמבארדירן קאירא און אלעקסאנדריע, פארניכטן עגיפטישע באוויינטע פונקטן און אויסמארדן טויזנטער פרידלעכע עגיפטער.

דער גאזלאנישער איבערפאל פון ענגלאנד, פראנקרייך און יסראעל אף עגיפטן האט ארויסגערופן א שטורמישע אויפרעגונג אין דער גאנצער וועלט. די פעלקער פון דער וועלט האבן געפאדערט עס זאל טייקעף אפגעשטעלט ווערן די אגרעסיע אף עגיפטן. לויט דער אויפפאדערונג פונעם ראטנפארבאנד און אויך פון אנדערע לענדער איז אין נאוועמבער צונויפגערופן געווארן אן אויסערגעוויינלעכע סעסיע פון דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון דער „און", וואס האט קאטעגאריש פארדאמט די אנגרייפערס און האט געפאדערט טייקעף אפצושטעלן די אגרעסיע. אין דער „און" האט זיך ניט געפונען קיין איין שטימע וואס זאל שטיצן ענגלאנד, פראנקרייך און יסראעל.

די סימפּאַטיע פֿון די פֿעלקער איז אינגאַנצן געווען אַף דער זייַט פֿון עגיפּטן, וואָס האָט מוטיק געקעמפֿט פֿאַר איר אומאָפּהענגיקייַט און פֿרייַהייט און אַף דער זייַט פֿון די אַנדערע אַראַבישע מעלוכעס, וועלכע האָבן אַקטיוו געשטיצט מיצראַים.

אין גאַנג פֿון די קריגס־אָפּעראַציעס איז דער סועץ־קאַנאַל צעשטערט און אומנוצלעך געוואָרן אַף אַ לאַנגער צייַט, און דאָס האָט געבראַכט גרויסע שאָדנס פֿאַר דער מייַרעוו־אייראָפּעיִשער עקאָנאָמיק, און מער ווי אַלעמען פֿאַר ענגלאַנד און פֿראַנקרייַך. דאָס עגיפּטישע מיליטער האָט העלדיש געקעמפֿט פֿאַר יעדן שפּאַן פֿון זייַן ערד. דער פּלאַן צו פֿאַרניכטן די עגיפּטישע אַרמיי אין דער אַזאַ־געגנט איז דורכגעפֿאַלן אַ דאַנק דעם, וואָס עס איז געלונגען באַצייַטנס אַרויסצופֿירן צו דער געגנט פֿון דעם סועץ־קאַנאַל. אין די גרויזאַמע טעג פֿון דער געפֿאַר, וואָס איז געהאַנגען איבערן פֿאָטערלאַנד, איז די באַפֿעלקערונג פֿון עגיפּטן אַרייַנגעטראָטן אין די רייַען פֿון לאַנדשוץ און האָט זיך באַוואָפֿנט מיטן געווער וואָס איז איר פֿאַרטיילט געוואָרן פֿון די קריגס־אַרסענאַלן. די אינטערווענטאָרן האָבן זיך געפֿונען פֿאַר אַ פּערספּעקטיוו פֿון אַ לאַנגדויערנדיקער מילכאָמע קעגן דעם גאַנצן עגיפּטישן פֿאָלק.

אין יענע טעג האָט זיך מיט אַ גרויסן קויעך אַנטפּלעקט די סאָלידאַריטעט פֿון די אַראַבישע פֿעלקער און זייער אייניקייַט אין דעם קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם.

דאָ ברענגען מיר בלויז אייניקע אויסצוגן פֿון דעם אַמעריקאַנער זשורנאַל „לייף" וועגן די געשעענישן אין די אַראַבישע לענדער, וועלכע זענען פֿאַרצייכנט געוואָרן אין ברען פֿון דער אינוואַזיע פֿון די איבערפֿאַלערס אַף עגיפּטן:

„...פֿינף אַראַבישע לענדער האָבן איבערגעריסן זייערע דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט פֿראַנקרייַך, דרייַ מיט ענגלאַנד (מיט יִסראָעל האָבן ניט עקזיסטירט קייַן אָפֿיציעלע באַציִונגען).

— סיריע, איראַק און יאַרדאַניע האָבן מאָביליזירט זייערע באַוואָפֿנטע כויכעס און זיי קאָנצענטרירט אַף דער יאַרדאַנישער טעריטאָריע.

— די נאַפֿט־רערן אין ליביע, וועלכע פֿירן צו דער אַמעריקאַנער לופֿטבאַזע וואָס זייער אויפֿבוי האָט געקאָסט 100 מיליאָן דאָלאַר, זענען באַשעדיקט געוואָרן.

— די נאַפֿט־רערן אין סיריע, דאָס אייגנטום פֿון מייַרעוו, דורך וועלכע מען האָט געטריבן דעם נאַפֿט פֿון איראַק צום מיטללענדישן יאַם, זענען אויפֿגעריסן געוואָרן.

— אין קוויט האָט מען אונטערגעצונדן די נאַפֿט־קוואַלן און מען האָט אויפֿגעריסן די אונטערוואַסערדיקע נאַפֿט־רערן.

— סאַוד־אַראַביע האָט אויפֿגעהערט צוצושטעלן נאַפֿט פֿאַר די ענגלישע ראַפֿינעריִען אַף די באַכריינער אינדזלען, ניט ווייַט פֿון די ברעגן, אין אַלגעמיין איז דער שטראָם פֿון דעם מיטל־מיזרעכדיקן נאַפֿט פֿאַרן מייַרעוו פֿאַרקלענערט געוואָרן אַף 30 פּראָצענט".

„דאָס איז געווען די ערשטע שטורעם־כוואַליע" — זעצט פֿאַר דער זשור־

נאל, וואס האט זיך פארשפרייט אף א ראדיוס פון 4.5 מיליאן קוואדראט מייל ארום דעם פלאץ פון אנגריף. די כוואליע האט זיך שנעל אריבערגעקייקלט ווייטער קיין אייראפע, ווו זי האט קימאט ווי צעשפאלטן די נאטא, זיך דערקייקלט ביז צו די פאראייניקטע שטאטן, ווו מען האט דערזען, אז די באציונגען מיט די עלטסטע און נאענטסטע פארבינדעטע זענען פארערגערט געווארן ווי נאך קיינמאל ביז איצט, און די כוואליע איז דערגאנגען ביז צו דער „אוו". אין מעשעד פון די ווייטערדיקע פינף כאדאשים איז די „אוו" געווען קימאט אינגאנצן באשעפטיקט מיט זוכעניש, ווי אזוי צו רעגולירן דעם קריזיס אפן מיטעלן מיזרעד".

די פעלקער פון ראט־פארבאנד, פון דער כינעזישער פאלקס־רעפובליק, און פון די אנדערע סאציאליסטישע לענדער, ווי אויך די פעלקער פון אינדיע, אינדאנעזיע, ציילאן, פאקיסטאן, איראן, פון די לאטיין־אמעריקאנישע לענדער, האבן צארנדיק געפאדערט אנצונעמען דראסטישע מיטלען קעדיי אפצושטעלן די אגזאריעסן פון די איבערפאלערס. אין א סאך לענדער האבן טויזנטער מענטשן געמאלדן וועגן זייער גרייטקייט פרייוויליק זיך צו באטייליקן אין דער מילכאמע אף דער זייט פון עגיפטישן פאלק.

די אגרעסיע פון ענגלאנד, פראנקרייך און יסראעל אף עגיפטן האט געדראט זיך צו פארוואנדלען אין א פרישער וועלט־מילכאמע, אין גאר א שנעלן טערמין. מען האט באדארפט פארלעשן דעם דורך די אגרעסארן אנגעצונדענעם מילכאמע־שייטער און ניט דערלאזן אז די סרייפע זאל זיך ברייטער פארשפרייטן.

אין יענע טעג האט די רעגירונג פון ראטנפארבאנד זיך געווענדעט צו דער רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן מיט א פארשלאג אונטערצונעמען א געמיינזאמע אקציע, קעדיי צו צוימען די איבערפאלערס.

אין דער ווענדונג פון דער סאוועטישער רעגירונג צום ענגלישן פרעמיער מיניסטער אידען, דעם 5־טן נאוועמבער 1956 האט זיך געזאגט: „ווי אזוי וואלט אויסגעזען די לאגע פון ענגלאנד, ווען זי ווערט באפאלן פון שטארקערע מעלוכעס, וואס פארמאגן קאלעריי מינים מאדערנע פארניכטונגס־וואפן? אזעלכע לענדער דארפן גארניט היינט שיקן צו די ענגלישע ברעגן קריגס־שיפן און דעם לופט־פלאט, נאר זיי קענען אויסנוצן אנדערע מיטלען, ווי, צום ביישפיל, די ראקעטן־טעכניק. ווען מען זאל באנוצן ראקעטן־געווער קעגן ענגלאנד אדער פראנקרייך, וואלט איר דאך זיכער באטיטלט אלס א בארבארישן אקט. מיט וואס זשע אונטערשיידט זיך דער אוממענטשלעכער איבערפאל פון ענגלאנד און פראנקרייך קעגן דעם קימאט שוצלאזן עגיפטן?"

אן ענלעכע ווענדונג איז געשיקט געווארן צום פרעמיער־מיניסטער פון פראנקרייך.

די סאוועטישע רעגירונג איז געווען געצוווּנגען זיך צו ווענדן דעם זעלבן טאג צום יסראעלישן פרעמיער מיניסטער בענגוריאן. אין דער ווענדונג האט זיך געזאגט:

„הער פרעמיער־מיניסטער!

די סאוועטישע רעגירונג האט שוין אויסגעדריקט איר קאטעגארישע פאר־

דאַמונג פון דער באַוואָפנטער אַגרעסיע פון יִשׂראל, ענגלאַנד און פראַנקרײַך קעגן עגיפּטן, וואָס איז אַ אָפענע און דירעקטע פאַרלעצונג פון די פאַרשריפטן און פּרינציפּן פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער.

אַז אַבסאָלוטע מערהייט פון די מלוכות פון דער וועלט האָט אויך פאַרדאַמט, בעת דער אויסעראָרדנטלעכער סעסיע פון דער גענעראַל־אַסאַמבליי, דעם אַקט פון אַגרעסיע, וועלכער איז דורכגעפירט געוואָרן קעגן דער עגיפּטישער מלוכה, און די דאָזיקע מערהייט האָט אויפגעפאָדערט די רעגירונגען פון יִשׂראל, ענגלאַנד און פראַנקרײַך טייקעף אָפּצושטעלן די מלחמה־אָפּעראַציעס און צוריקצוציען די אַרײַנגעדרונגענע חיילות פון דער עגיפּטישער טעריטאָריע.

די גאַנצע שלום־ליבנדיקע מענטשהייט שטעמפּלט מיט פאַראַכטונג די פאַרברעכערישע טאַטן פון די איבערפאַלערס, וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן קעגן דער טעריטאָריעלער גאַנצקייט, סוּווערעניטעט און אומאָפּהענגיקייט פון דער עגיפּטישער מלוכה.

דאָך רעכנט זיך נים די יִשׂראלישע רעגירונג דערמיט, און אַלס אינסטרומענטן פון אויסערלעכע אימפּעריאַליסטישע קוילעס, זעצט זי פאָר די אומזיניקע אַוואַנטורע, אַוועקשטעלנדיק זיך מיט אַ אַרויסרוף סײַ קעגן אַלע מיזרח־פעלקער, וואָס קעמפן קעגן קאָלאָניאַליזם, און פאַר זייער פרײַהייט און אומאָפּהענגיקייט, און סײַ אויך קעגן אַלע שלום־ליבנדיקע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט.

אַזעלכע האַנדלונגען פון דער יִשׂראלישער רעגירונג דעקן אויף דעם ווערט פון די אַלע פאַלשע פאַרזיכערונגען וועגן יִשׂראלס ליבע צו שלום און איר שטרעבונג צו אַ פרידלעכן צוזאַמענלעבן מיט די שכנישע אַראַבישע מלוכות. מיט די אַלע פאַרזיכערונגען האָט די רעגירונג פון יִשׂראל אין דער עמעסן נאָר געזוכט צו פאַרשלעפערן די וואַכזאַמקייט פון אַנדערע פעלקער און געגרייט אַ פאַרעטערישן איבערפאַל אַף אירע שכנים.

אויספירנדיק אַ פרעמדן ווילן, האַנדלענדיק לויט אָנווייַזונגען פון אויסלאַנד, פירט יִשׂראל אַ פאַרברעכערישע און אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכע שפּיל מיטן גורל פון דער וועלט און מיטן גורל פון איר אייגן פאָלק. די יִשׂראלישע רעגירונג פאַרפלאַנצט אַ טיפע שׂינאה צווישן די מיזרח־פעלקער צו דער יִשׂראלישער מלוכה, אַ שׂינאה וועלכע וועט זיך זיכער אָפּרופן אַף יִשׂראלס צוקונפט און וועט שטעלן אונטער אַ פראַגע די עקזיסטענץ פון יִשׂראל אַלס מלוכה.

זייענדיק בלויז פאַרינטערעסירט אין פאַרזיכערן דעם שלום און אײַנצושטעלן רו אַפן נאָענטן און מיטלסטן מיזרח, נעמט אונטער די סאָוועטישע רעגירונג אין איצטיקן מאָמענט די גהעריקע מאָסמיטלען קעדיי אָפּצושטעלן די מלחמה און צו צוימען די איבער־פאַלערס.

מיר גלויבן, אַז די רעגירונג פון יִשׂראל וועט זיך באַדענקען, איידער עס וועט ווערן צו שפּעט, און וועט אָפּשטעלן די מלחמה־אָפּעראַציעס קעגן עגיפּטן. מיר ווענדן זיך צו אײַך, צום פאַרלאַמענט, צו די אַרבעטער־מאַסן פון יִשׂראל, צום גאַנצן פאָלק פון יִשׂראל: שטעלט אָפּ די אַגרעסיע, מאַכט אַ

סאף צו דער בלוט־פארגיסונג, ציט צוריק אייער מיליטער פון דער עגיפטישער טעריטאריע.

צוליב דער געשאפענער לאגע האט די סאוועטישע רעגירונג באשלאסן פארצושלאגן איר געזאנדטן אין טעל־אוויוו צו פארלאזן ישראעל און טייקעף ארויסצופארן קיין מאסקווע.

מיר האפן אז די ישראעל־רעגירונג וועט ווי געהעריק פארשטיין און אפשאצן אונדזער ווארענונג".

דאס אלץ האט געהאט די געהעריקע ווירקונג. שטייענדיק פאר א קאטעגארישער ווארנונג פון ראטנפארבאנד, זענען אין מעשעך פון 28 שעה די אגרעסארן געצוווּנגען געווען אפצושטעלן די מילכאמע־אפעראציעס און דערנאך ארויספירן זייער מיליטער פון דער עגיפטישער טעריטאריע. עס איז וויכטיק צו באמערקן, אז ישראעל האט עס געטאן צום לעצטן און האט זיך א לאנגע צייט קעגנגעשטעלט דעם באשלוס פון דער גענעראל־פארזאמלונג פון דער „און" וועגן צוריקציען דאס ישראעל־מיליטער פון דעם האלב־אינדזל סיני און פון דער עזא־געגנט. מען האט געמוזט אנווענדן ספעציעלע דראסטישע מאסמיטלען אף צו צווינגען דעם איבערפאלער צו פארלאזן די געגנטן.

אביעקטיווע מענטשן פון דער גאנצער וועלט אנערקענען אז די שטעלונג פונעם ראטנפארבאנד האט אנטשיידן גווירעם געווען אף די געשעענישן און דערפירט אז די אנגעפאנגענע מילכאמע זאל אפגעשטעלט ווערן. דאס איז געווען א ברידערלעכע הילף פון פססר ניט נאר פאר עגיפטן אליין, נייערט אויך פאר אלע אנדערע אראבישע מעלוכעס, ווייל עס איז קלאר אז דאס צונישט מאכן די ענגליש־פראנצויזיש־ישראעלישע אגרעסיע האט פארהיט פון א צווייטער קאלאניזירונג אזעלכע לענדער ווי סיריע, יארדאניע, מאראקע, טוניס, ליביע און אנד. דאס פארשטייען גאנץ גוט די אראבער, וווּט איבער די עגיפטישע גרענעצן. זיי פארשטייען, אז אויב די איבערפאלערס וואלטן דערגרייכט א ניצאכן אין דער סועץ־מילכאמע, וואלט די פינצטערע נאכט פון קאלאניאליזם ווידער געקומען אף דער ערד פון אראבישן מיזרעך. דעריז באשטייט די גרויסע באדייטונג פון דער ראטנפארבאנדישער הילף פאר דעם איבערגעפאלענעם עגיפטישן פאלק.

מיט זייער גאזלאנישן באפאלן עגיפטן האבן די רעגירונגס־קרייזן פון ישראעל זיך אנטפלעקט פאר דער גאנצער וועלט, אלס א געצייג פון אימפעריאליזם. און דאס האט ניט געקענט ניט פארערגערן ישראעלס פאליטישע אויסערלעכע לאגע און אירע באציונגען ניט נאר מיט די אראבישע לענדער, נאר אויך מיט אלע מיזרעך־לענדער, מיט דער גאנצער פראגרעסיווער וועלט.

## איייניקע קאנסעקווענצן פון דער סיניי־אוואנטורע

נאך דער אגרעסיע איז געווארן אומפארמיידלעך די אינטערנאציאנאלע איזאלירונג פון ישראעל, דעריקער מיצאד די לענדער פון אזיע און אפריקע מיט זייער אנדערטהאלבן מיליארדיקער באפעלקערונג.

די פעלקער פון די מיזרעך־לענדער, וואס האבן דוירעס לאנג געטראגן

אף זיך דעם אויסלענדישן יאך, וועלכע האבן איבערגעלעבט אלע גרויזן פון דער קאלאניאלער פארשקלאפונג, פאלגן נאך מיט א באזונדערער אויפמערקזאמקייט די שטעלונג פון דעם אדער יענעם לאנד צו די פראגעס פון דער נאציאנאל־באפרייַערישער באוועגונג, און מיט א ברענענדיקער סינע באציען זיך צו יענע, וואס טרעטן ארויס מיטן ציל פון א פרישער פארשקלאפונג פון דעם מיזרעך, אדער העלפן צו די קאלאניזאטארן אין זייער פאליטיק. דער אנגעזעענער טוער פון דער נאציאנאלער באפרייונגס־באוועגונג אין אינדיע, דזשאווארהלאל נערו, האט עס ארויסגעבראכט אין זייַן בוך „די אנטדעקונג פון אינדיע". „איך דערמאן מיך — שרייַבט ער — ווי שטארק עס האט אויפגערעגט אינדיע די יאפאנישע אגרעסיע אף כינע, און ווי דאס האט אויפגעלעבט אונדזערע שטענדיקע געפילן פון פרייַנטשאפט צו כינע, וואס פאר אן עקל עס האט בא אונדז ארויסגערופן די איטאליענישע גזיילע אין אביסיניע".

דא ברענגען מיר בלויז אייניקע אפקלאנגען בא די פעלקער פון אזיע און אפריקע, ווען יִסראעלס באטייליקן זיך אין דעם איבערפאל אף עגיפטן:

„מיר זענען טיף דערשיטערט פון די לעצטע געשעענישן אפן מיטעלן מיזרעך — האט אין יענע טעג טעלעגראפירט דער פרעמיער מיניסטער פון אינדיע ד. נערו. — עס איז פולשטענדיק קלאר און אנערקענט פון אלעמען, אז יִסראעל איז באגאנגען אן אגרעסיע קעגן עגיפטן." און וויַיטער, אפשאצנדיק דעם פרווו פון די קאלאניזאטארן צוריקצוקערן עגיפטן צו דער פריערדיקער לאגע, זעצט נערו פאר: „אין מיַירעוו־אזיע (דאס הייסט אפן האלבאינדזל סינַי) איז ווידער געמאכט געווארן א פרווו צוריקברענגען די אמאליקע קאלאניאלע ארדענונג, די וועלט איז אבער געווארן אנדערש. די שטורמישע געשעענישן פון יארהונדערטער האבן געבראכט צו א געבורט פון א נייַער אזיע, די ראד פון דער געשיכטע קען מען ניט דרייען אף צוריק".

מיט דער זעלבער אויפרעגונג און צארן האט אויך אינדאנעזיע רעאגירט אפן איבערפאל קעגן עגיפטן. דער פרעמיער מיניסטער א. סאסטראאמידזשאיא האט א פאר שא שפעטער נאכן אנפאנג פון דער אגרעסיע, דערקלערט אין זייַן רעדע: „דעם שאלעם אף דער גאנצער וועלט דראט אן ערנסטע געפאר אין צוזאמענהאנג מיטן מיליטערישן איבערפאל פון ענגלאנד, פראנקרייַך און יִסראעל אף עגיפטן. דאס איז ניט עפעס אנדערש, ווי א פרווו אויסצולעשן דעם פרייַהייטס־פאקל אפן אזיאטישן און אפריקאנער קאנטינענט. די טערוצים פון די איבערפאלערס זענען ניט קיין נייַע, מיר האבן שוין פריער אויך געהערט ענלעכע טערוצים קעדיי צו פארענטפערן טאטן וואס זייער עמעסער ציל איז אוועקצונעמען באם פאלק זייַן רעכט אף אומאפהענגיקייט און סוווערעניטעט. מיר אליין האבן דאס זעלבע געהערט, ווען אונדז פלעגט איבערפאלן די קאלאניאלע האלענדישע ארמיי".

צו די דאזיקע פלאמיקע ווערטער פון סימפאטיע האט זיך אויך אנגעשלאסן דער פרעמיער־מיניסטער פון ציילאן, באנדאראנאיקע, וועלכער האט אין נאמען פון זייַן רעגירונג דערקלערט: „לויט מייַן מיינונג איז ניטא קיין שום גילטיקע פארענטפערונגען פאר אזא ארט אריַינדרינגונג פון יִסראעל

קיין עגיפּטן און פאַר די שפּעטערדיקע טאַטן פון ענגלאַנד און פראַנקרייך. איך בין זיכער, אַז אַזוי דענקט אויך די גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט פון דער וועלט".

די אַפגאַניסטאַנער רעגירונג האָט אין דער טעלעגראַמע צו דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער אויסגעדריקט די ליבע און סימפּאַטיע צו עגיפּטן, און דאָס וואַרעמסטע מיטגעפיל צום עגיפּטישן פאָלק און צו זיין קאַמף באַם פאַרטיידיקן זיינע רעכט און פרייהייט".

אין העסקעם מיט מאַרקסיסטיש־לעניניש פּרינציפּן בענעגייע די אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען, האָבן די לידערס פון די סאָציאַליסטישע מיזרעד־לענדער — די פאָלקס־כינע, די קאָרעאַנער פאָלקס־דעמאָקראַטישע רעפּובליק, די דעמאָקראַטישע רעפּובליק וויעטנאַם, די מאָנגאָלישע פאָלקס־רעפּובליק — אויסגעדריקט זייער צאָרנדיקן פּראָטעסט קעגן דער אַגרעסיע אַף עגיפּטן און געמאָלדן זייער פולשטענדיקע סאָלידאַריטעט מיטן קעמפנדיקן עגיפּטישן פאָלק.

אַפילע טערקיי — וואָס האָט אין דער צייט פון דער ענגליש־פראַנצויזיש־יִסראָעלישער מילכאָמע קעגן עגיפּטן, אָנגעהאַלטן אַ גינסטיקע פאַר יִסראָעל נייטראַליטעט, — מוירע האָבנדיק אַז זי וועט פאַרלירן די רעשטלעך פון איר דורכגעפאַלענער אויטאָריטעט אַפן מיזרעד, האָט דעמאָנסטראַטיוו צוריקגערופן איר געזאַנדטן פון יִסראָעל.

גלייכצייטיק האָבן אַלע אַזיאַטישע לענדער מיטאַמאָל פאַרקלענערט זייער האַנדל מיט יִסראָעל.

די פעלקער פון אַזיע און אַפריקע האָבן איינשטימיק פאַרדאַמט די פאַרבאַפערישע פּאָליטיק פון יִסראָעל. וועגן דעם זאָגט איידעם דער באַשלוס פון דער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאַירע אין דעצעמבער 1957, אַלס סאָלידאַריטעט־אויסדרוק פון די פעלקער פון אַזיע און פון אַפריקע. אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייערס פון 45 מעלוכעס.

אין דער רעזאָלוציע פון דער קאַירער קאָנפערענץ ווערט געזאָגט וועגן דער פּאַלעסטינער פראַגע:

„די קאָנפערענץ דערקלערט אַז די יִסראָעל־מעלוכע איז אַ באַזע פון אימפּעריאַליזם, וואָס באַדראָט דעם פּראָגרעס און די זיכערקייט פון דעם מיטעלן מיזרעד. די קאָנפערענץ פאַרדאַמט יִסראָעלס אַנגרייפערישע פּאָליטיק וואָס איז אַ געפאַר פאַרן שאָלעם אַף דער גאַנצער וועלט.

די קאָנפערענץ באַשטעטיקט די רעכט פון די אַראַבער אין פּאַלעסטינע, דריקט אויס איר סימפּאַטיע צו די פּאַלעסטינער פּליִטים און שטיצט אַלע זייערע רעכטן און זייער צוריקקער אין זייער היימלאַנד".

אין מעשעך פון דער לעצטער צייט פּרוּוון די יִסראָעלישע רעגירונגס־קרייזן דורכצופירן די איזאָלירונג אין די לענדער פון אַזיע און אַפריקע, דורך אַנטוויקלען עקאָנאָמישע באַציִונגען מיט אַזעלכע לענדער ווי גהאַנאַ, בירמאַ, טאַילאַנד און אייניקע אַנדערע. בענגוריאָן האָט אָפּטימיסטיש דערקלערט, אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אַז יִסראָעל איז געלונגען „דורכצוברעכן דעם

באנדרונגער פראנט", און אביסל שפעטער האט די אויסערן מיניסטארן ג. מייער, (סאף מארץ 1959) פארזיכערט אין קנעסעט, אז דאס לאנד „געפינט אז איינהייטלעכע שפראד מיט אלע אפרא־אזיאטישע לענדער". ווי איינע פון די נייסטע געאפאליטישע „אנטדעקונגען" פון די יסראעלישע טוערס איז געווען די טעזע, אז סיי אפן נאענטן מיזרעד און ביכלאל אף דעם אזוי גע־רופענעם אראבישן מיזרעד זענען די אראבער גאר א מינדערהייט. עמעס איז, אז זיי האבן געמוזט דערצו אויסברייטערן די געאגראפישע גרענעצן פון דער זאנע, אריינרעכענענדיק אהין צ. ב. אביסיניע, טערקיי און איראן, געגוי איבערציילן די צאל קורדן, בערבערן און אפילע די מאראניטן פון לע־וואנען (מאראניטן, דאס זענען אראבער אין לעוואנען, אבער ניט קיין מאכ־מעדאנער, נאר קריסטן) וואס וווינען אין דער זאנע און אויסשליסן פון דער אראבישער נאציע א היפשע העלפט עגיפטער, ווי מענטשן, וואס לויט דער ראסע קענען זיי עפשער זינט די אוראלטע צייטן אפשטאמען פון אייניקע אנדערע שוואטים. נאך אזא טיפזיניקער אפעראציע איז מען געקומען צום אויספיר, אז אפן נאענטן מיזרעד מוז יסראעל אריענטירן איר אויסערן פאליטיק ניט צו דער אראבישער מינדערהייט, נאר צו די טערקיש־קורדיש־איראניש־אביסינישע מערהייט.

ס'ארא צייטן! ס'ארא מינהאגים!(1)

פארשטייט זיך, אז די טעל־אוויווער געאפאליטיקער וואלטן אין דעם פאל געקענט „עקאנאמיזירן דאס דענקען", אף וויפל זייערע פארשונגען האבן נאר געבראכט צום אויספיר, אז בענגוריאנס אנטי־אראבישע פאליטיק איז די אויסשליסלעך ריכטיקע, און וואס זיי זענען שוין אויך פריער זיכער געווען, אבער אין וואס עס איז נאך ביז איצט ניט איבערצייגט די ארומיקע וועלט. דער דעמאנסטראטיווער אפזאג מיצאד די לענדער פון דער אפרא־אזיאטישער גרופע אין דער „און" צו דערלאזן יסראעלישע פארשטייערס צו דער פייערונג פון דעם „טאג פון אפריקע", אין מיי 1959, האט ארויסגערופן זייער א וויטאקלעכן אפקלאנג אין די ציעניסטישע קרייזן פון יסראעל. אייניקע האבן עס אפגעשאצט ווי אן איבערבאזערונג פון באנדונג אין „וועלט־מאס־שטאב", און אנדערע האבן אנגעוויזן, אז די עקאנאמישע הויצאעס אף אויסצוברייטערן די פארבינדונגען מיט די מיזרעד־לענדער „דערגרייכן ניט דעם הויפטציל". שווער צו זאגן, אויב דער דיפלאמאטישער דינסט פון יסראעל האט אינפארמירט זיינע שעפן, אז באם איינשטעלן עקאנאמישע באציונגען ווערן די יסראעלישע פארשטייערס באטראכט אין די מיזרעד־לענדער ווי נאדד אמעריקאנישע רייזע־אגענטן.

אן אומפארמיידלעכע קאנסעקווענץ פון יסראעלס אגרעסיע אף עגיפטן איז אויך געווען די פארערגערונג פון די באציונגען צווישן יסראעל און די סאציאליסטישע לענדער. אנדערש האט גאר ניט געקענט זיין. די אלזייטיקע שטיצע מיצאד דעם ראטנפארבאנד און אלע אנדערע סאציאליסטישע לענדער פאר דער נאציאנאל־באפרייערישער באוועגונג פון די מיזרעד־פעלקער ווערט

(1) א לאטייניש שפריכווארט. א טעמפארא א מארעס.

דיקטירט דורך די פרינציפן פון מארקסיזם־לעניניזם, און מאכמעס דער שוטפעסדיקייט פון דעם קאמף פון ארבעטער קלאס פון מיזרעוו און פון די פארשקלאפטע פעלקער פון מיזרעד קעגן אימפעריאליזם. דאס וואס יִסראעל איז א קליינע מעלוכע קען בעשום אויפן ניט בארעכטיקן איר פאליטיק. אין שלוםווארט צום באריכט וועגן דער פארטיי־פראגראם, אין מארץ 1919 האט וו. אי. לעניז, רעדנדיק וועגן דער אליינבאשטימונג פון די נאציעס און מאכנדיק אן אנאליז פון דער סאוועטישער אויסערן־פאליטיק, אנגעוויזן: „מיר מוזן זאגן אלע אנדערע נאציעס, אז מיר זענען אינטערנאציאנאליסטן ביזן סאף און מיר שטרעבן צו א פרייוויליקן פארבאנד צווישן די ארבעטער און פויערים פון אלע נאציעס. ווען מיר קעמפן קעגן ווילסאן (ווילסאן איז געווען אין 1919 דער פרעזידענט פון די פאריייניקטע שטאטן און איינער פון די ארגאניזירער פון דער אינטערווענץ קעגן ראטנפארבאנד) און ווילסאן פארוואנדלט א קליינע נאציע אין זיינס א געווער, זאגן מיר, אז מיר קעמפן קעגן דעם געווער...״

די רעאקציאנערע לידערס פון ציעניזם אין יִסראעל דריקן אוים זייער געמאכטע איבערראשונג, וואס ביז איצט ווערט נאך אלץ אזוי שארף קריטיקירט יִסראעלס פאליטיק פון אקטאבער־נאוועמבער פון 1956, אבער מענטשן, וועמען עס זענען טייער די אינטערעסן פון אנהאלטן דעם שאלעם, זענען ניט קיין נארישקייט אין דעם, וואס צוליב אייגענע ענגע און גייציקע צילן האט זיך די יִסראעל־רעגירונג ניט אפגעשטעלט פון דערפירן די מענטשהייט צום ראנד פון א פרישער וועלט־מילכאמע. צי דען פארשטייען טאקע ניט די יִסראעלישע פירערס, אז אזא מין פאליטיק איז געפערלעך און פארברעכעריש?

## דער אלטער קורס ווערט פארגעזעצט

קיינער פון יִסראעלס קעגנער האט אזוי ניט אונטערגעגראבן איר פאזיציע אפן מיזרעד און אין דער גאנצער וועלט, ווי די מענטשן וואס שטייען אין דער שפיץ פון דער יִסראעלישער רעגירונג. די דאזיקע לייט האבן גערעכנט, אז די פארפעסטיקונג פון דער נייער מעלוכע אפן נאענטן מיזרעד קען מעגלעך זיין נאר אין בונד מיט די אימפעריאליסטישע גרויסמאכטן און מיט די מעלוכעס, וואס דערשטיקן די קאלאניאלע פעלקער. זיי האבן ווארשיינלעך, ניט פארשטאנען די סיבעס פון דעם שענדלעכן דורכפאל פון דער אגרעסיע אף עגיפטן. אזא מין אזארט־שפיל, ווי דאס איז געווען די סיניי־אפעראציע, און די שטרעבונגען צו אזעלכע „פרעווענטיווע מילכאמעס״, האבן בוילעט דערוויזן אז זיי שטעלן דעם קויעד איבערן געזעץ. אבער אפילע א בלינדער האט געקענט זען, אז דער רעאלער קויעד איז ניט געווען מיט די איבערפאלערס, אפילע אין די באדינגונגען ווען קעגן די אראבער זענען ארויסגעטראטן ניט יִסראעל אליין, נאר די גרעסטע אימפעריאליסטישע מעלוכעס, ווי ענגלאנד און פראנקרייך. באם אויסרעכענען די צאל דיוויזיעס, קאנאנען און עראפלאנען פון די צדאדים, האבן די יִסראעלישע פאליטיקער פארזען איין „קלייניקייט״ — די פאליטישע לאגע פון דער וועלט אין דער

צווייטער העלפט פון 20־טן יארהונדערט, די עקזיסטענץ פון א וועלט־לאגער פון סאציאליסטישע מעלוכעס מיטן ראטנפארבאנד בעראש און פון די מיזרעך־מעלוכעס, וואס זענען אויפגעשטאנען צו א נייעם לעבן. אין זייער קאוואנע ארויסצוטרעטן אין א מילכאמע קעגן גאנץ אזיע, האבן די יִשׂראעלישע סטראטעגן פאשעט ניט גענומען אין אכט דעם פאקט, וואס אין אונדזער צייט וואגן אזוינס ניט צו טאן אפילו די שטארקסטע קאפיטאליסטישע גרויסמאכטן, ארייגערעכנענדיק צווישן זיי אויך די פאריייניקטע שטאטן.

אין צוזאמענהאנג דערמיט מעג מען אפילו ניט ספעציעל אונטערשטרייכן די ניט גענוגנדיקע קענטשאפט פון די יִשׂראעלישע פאליטיקער וואס שייעד דער מיליטערישער טעכניק, ווען זיי באנעמען ניט גענוג קלאר די באדייטונג פון די היינטיקע באוואפענונגס־מיטלען, ווי א שטייגער די ראקעטן־טעכניק. פונדעסטוועגן איז א כידעש, וואס היינט צו טאג געפינען זיך די רעגירונגס־קרייזן פון יִשׂראעל אונטער דער ווירקונג פון דעם אזוי גערופענעם „סיניי־טשאד". יעדן הארבסט פייערן זיי אפן ברייטסטן אויפן דעם יארטאג פון דעם פארטערישן איבערפאל אף עגיפטן. מען טרעט ארויס מיט בארימערישע שאוויניסטישע רעדעס וועגן דער „מעכטיקייט" פון דער יִשׂראעל־ארמיי, וועגן איר צוגעגרייטקייט צו „צעשמעטערן" אלע אראבער, וועגן דער נויטווענדיקייט אנצוהאלטן אף ווייטער די קאמפס־גרייטקייט פון לאנד און זיין באוואפענונג, וועגן דער צוועקמעסיקייט פון „פרעווענטיווע מילכאמעס" קעגן די אראבער, און אזוי ווייטער.

קעדיי צו פארשאפן פארגעניגן דעם הער שורער און דער צייטונג „דאוואר" וועגן וועלכע עס האט זיך גערעדט אין פארווארט, ברענגען מיר אן אויסצוג פון בענגוריאנס רעדע אפן פלענום פון צ. ק. פון מאפאי, פון 11־טן סעפטעמבער 1958:

„שווער איז זיך פארצושטעלן — האט דערקלערט דער העל־זעער — וואס פאר א איינדרוק עס האט געמאכט אין דער גארער וועלט די סיניי־אפעראציע אין זין פון אפצושאצן יִשׂראעל. עמעס עס זענען פון אנפאנג אן געווען מעלוכעס וואס האבן באטראכט פאר אן אומגליק אט די אפעראציע. צווישן אונדז זענען אויך געווען כאווירים, וועלכע זענען געקומען אין קאנטאקט מיט יענע מעלוכעס און אויך אזוי באטראכט דעם איניען. אבער די דאזיקע געשעעניש האט איינגעשלאסן יִשׂראעל אין דער וועלט־מאפע".

אט ווי אזוי עס ווערט פארשטאנען אין אפיציעלן יִשׂראעל די לעקציע פון דער געשיכטע.

נאכן דורכפאל פון דער סועץ־אוואנטורע, האבן די רעגירונגס־קרייזן פון יִשׂראעל אפן סמאך פון אזעלכע שטאנדפונקטן, ניט דורכגעלאזט קיין איין געלעגנהייט פאר א דירעקטער אדער אומדירעקטער באטייליקונג אין אלע פרוּוון פון די קאלאניזאטארן קעגן די אומאפהענגיקע אראבישע מעלוכעס. אין אפריל 1957, ווען אין יארדאניע איז פארגעקומען די אנטי־פאלקס־איבערקערעניש, אן ארגאניזירטע דורך די אמעריקאנער, האט די רעגירונג פון יִשׂראעל דורכגעפירט באוואפנטע דראונגס־דעמאנסטראציעס קעגן די שכיינישע אראבישע לענדער, מיטן ציל ארויסצורופן אן אומרואיקייט אין די

נעגנטן פון נאָענטן און מיטעלן מיזרעך און באַהילפיק זײַן די קאָלאָניזאַטאָרן אין זייער דרוק אַף די דאָזיקע לענדער.

די געשעענישן האָבן בוילעט דערוויזן, אַז יִסראַעלס רעגירונג האָט גאָר ניט בעדייע אָפּצוטרעטן פון דעם פריערדיקן קורס פון איר פּאָליטיק און, קעגן דעם ווילן פון פאָלק און לעהיפּעך צו די אינטערעסן פון לאַנד, שליסט זי אײַן יִסראַעל אין אַנטי־סאָוועטישע בלאָקן וואָס דאָס איז אין דירעקטער סטירע צו די דורך דער יִסראַעל־רעגירונג אָנגענומענע פאַרפליכטונגען. איידעס וועגן דעם זאָגט אויך דער פאַקט וואָס אין מײַ 1957 איז יִסראַעל צוגעשטאַנען צו דער „דאָקטרין דאַלעס־אײַזענהאַוער".

דער טאַמצעס פון דער דאָזיקער דאָקטרין באַשטייט אין דעם פּרוּוו אײַנצושטעלן די אַמעריקאַנער הערשאַפט אַפן נאָענטן און מיטעלן מיזרעך. די מעכאַברים פון דער דאָקטרינע זענען זיך מודע אַז די פּאָזיציעס פון די פריערדיקע קאָלאָניאַלע מאַכטן, ענגלאַנד און פראַנקרײַך, וועלכע האָבן אַמאָל געוועלטיקט דאָ, זענען שוין שוואַך געוואָרן, איבערהויפּט נאָכן דורכפאַל פון דער סועץ־אַוואַנטורע. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, איז אַפן נאָענטן און מיטעלן מיזרעך איבערגעבליבן אַ „וואַקרום", דאָס הייסט אַ פּוסטקייט, און דאָס צו פאַרפולן איז באַרופן נאָר דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם וועלכער שטרעבט, פאַרשטייט זיך, דערבײַ אויך צו געבן די אַזוי גערופענע הילף פאַר די „אָפּגעשטאַנענע אַראַבישע לענדער". אין דער דאָקטרין ווערט פאָרויסגעזען צו געבן די אַמעריקאַנער הילף פאַר יענע רעגירונגען פון די מיזרעך־לענדער, וואָס שטיצן די קאָלאָניזאַטאָרן. עס ווערט פאָרויסגעזען די דירעקטע מיליטערישע אַרײַנמישונג פון די פאַר. שטאַטן אין די איניאַנים פון די לענדער פון נאָענטן און מיטעלן מיזרעך אין פאַל זיי וועלן דורכפירן אַן אומאָפּהענגיקע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. אַלע שריט וואָס זענען געווידמעט דער באַפרײַונג פון די לענדער פון זייער אָפּהענגיקייט פון די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן, אויך די פּרוּוון צו געבן עכטע הילף פאַר די לענדער, קעדיי צו באַפעסטיקן זייער אומאָפּהענגיקייט, ווערט דערקלערט ווי אַן „אַרײַנדרינגונג פון קאָמוניזם" אָדער ווי אַ „אונטערגראָבונגס־טעטיקייט" און אַפילע ווי אַ „אומדירעקטע אַגרעסיע". נאַטירלעך, אַז די דאָקטרין איז אויפגענומען געוואָרן העכסט נעגאַטיוו מיצאַד די פּאַטריאָטישע קויכעס אין די אַראַבישע לענדער.

דורך זייער אַנשליסונג צו דער קאָלאָניזאַטאָרישער דאָקטרין, האָבן די רעגירונגס־קרײַזן פון יִסראַעל איבערגעגעבן אין דינסט פון די אַמעריקאַנער מיליטאַרן די טעריטאָריע פון יִסראַעל, זיי האָבן עפנטלעך געבילדעט דעם געאייניקטן פראָנט פון יִסראַעל מיטן קאָלאָניאַליזם און אימפּעריאַליזם קעגן די פעלקער פון מיזרעך. אין די סאָציאַליסטישע מעלוכעס, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער באַשלוס פון דער יִסראַעל־רעגירונג איז נעגאַטיוו אויפגענומען געוואָרן און מיצאַד די אַרבעטער־מאַסן פון יִסראַעל, וואָס האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ טאַט וועלכער פירט צו אַ ווײַטערדיקער פאַרשקלאַפונג פון יִסראַעל און וואָס פאַרוואַנדלט איר טעריטאָריע אין אַ מיליטערישער באַזע פון די אַמעריקאַנער באַוואָפנטע קויכעס. אין דער רעזאָלוציע פון דעם 13־טן קאָנ־

גרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ישׂראל, וועלכער איז פאָרגעקומען אין מײַ 1957, ווערט דערקלערט:

„אײַנשליסנדיק זיך צו דער „אײַזענהאַוער דאָקטרין", טראָגט צו די בען־גוריאָן־רעגירונג אַן אָפיציעלן בײַשטײַער צו דעם דראַנג־נאָך־קאַמפּיין, ווי אויך צום פּאָליטישן און מיליטערישן דרוק פון די אַמעריקאַנער קאָלאָניזאַטאָרן אויף די פעלקער פון מיטעלן מיזרעך. דאָס פאַרטיפט נאָך מער דעם אָפּגרונט צווישן ישׂראל און די אַראַבישע פעלקער. עס דערווײַטערט די פּערספּעקטיוו פון אַן אַראַביש־ישׂראלישן שלום און איזאָלירט נאָך שטאַרקער ישׂראל פון די פעלקער פון אַזיע און אַפריקע. די האַנדלונג פון דער בען־גוריאָן־רעגירונג איז אַן אָפענער אַרויסרוף קעגן ראַטנפאַרבאַנד, קעגן דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן לאַגער, קעגן אַלע שלום־ליבנדיקע פעלקער. עס איז אַ שריט אַן דער מינדסטער נאַציאָנאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט".

נאָך דער אָנשליסונג צו דער אַמעריקאַנער „דאָקטרין" — וואָס דאָס איז געווען אַ שריט וואָס זײַן „ווײַטזעעוודיקײַט" האָט זיך גלענצנד באַשטעטיקט אַ קורצע צײַט שפּעטער, דורכן פולשטענדיקן דורכפאַל פון דער דאָקטרין, האָבן די עקסטרעמיסטישע קרײַזן פון ישׂראל נאָך מער פאַרשטאַרקט זייער פּראָוואָקאַטאָרישע טעטיקײַט קעגן די שכייניש לענדער.

אַלץ אָפטער זענען פאָרגעקומען אינצידענטן אויף דער סיריש־ישׂראלישער וואַפנשטילשטאַנד־ליניע, פּראָוואָצירטע פון ישׂראל. דער פּרעמיער־מיניסטער בען־גוריאָן און אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער ישׂראל־רעגירונג האָבן פאַרגעזעצט זייערע אָפענע דראָונגען קעגן סיריע, עגיפּטן און די אַנדערע אַראַבישע לענדער, און דער שעף פון ישׂראלישן גענעראַל־שטאַב, דאַיאַן האָט געמאָלדן: „מיר זענען גרייט צו קעמפן קעגן די אַראַבער צום דריטן, פערטן, זיבעטן און אַכטן מאָל". סוף 1957, ווען די אימפּעריאַליסטישע פאַרשווערערס האָבן געגרייט די ניט־געלונגענע אינטערווענץ אין סיריע, האָט בען־גוריאָן דערקלערט אין פּאַרלאַמענט, אַז עס איז נאָך ווײַט צו אַ שלום און אַז הײַנטיקע צײַטן נויטיקט זיך ישׂראל פיל מער אין מיליטערישער סטראַטעגיע, ווי אין דיפּלאָמאַטיע. דער סוף פון יאָר 1957 האָט באַוויזן, אַז עס קומען פאָר ווײַטערדיקע מילכאָמע־צוגרייטונגען אין ישׂראל, דעריקער אויף דער סיריש־ישׂראלישער וואַפנשטילשטאַנד־ליניע. עס איז געוואָרן פעסט־געשטעלט, אַז ווען דער אַמעריקאַנער שעליעך הענדערסאָן, האָט געפירט אין טערקײַ אונטערהאַנדלונגען מעקויעך דער אויסאַרבעטונג פון פּלענער וועגן אַן איבערפאַל אויף סיריע, איז געווען פאָרויסגערעכנט, אַז אין אַ געוויסן עטאַפּ וועט זיך אויך ישׂראל באַטייליקן דערין, און אירע רעגירונגס־קרײַזן האָבן אַרויסגעוויזן זייער גרייטקײַט אַרויסצוטרעטן קעגן סיריע. ווי אַ באַגײַטיקונג פאַרן באַטייליקן זיך אין די קריגס־אָפּעראַציעס קעגן סיריע איז צוגעזאָגט געוואָרן צו שטיצן ישׂראל אין איר שטרעבונג צו פאַרכאַפּן דעם האַלב־אינדזל סינײַ און דעם טייל פון טײַך יאַרדיין, ווי אויך דעם אַקאַבאַ־אײַנגום, וואָס וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין ישׂראלס וואַסערן.

גלײַכצײַטיק האָבן זיך אין מעשעך פון עטלעכע כאָדאָשים געפירט אין מעל־אָוויוו געשפּרעכן וועגן דער נויטווענדיקײַט פון אַרײַנטרעטן אין דעם

צאפן-אטלאנטישן בלאק. דעם 18-טן דעצעמבער 1957 האט די צייטונג „האבאקער" געשריבן: „יִסראעל מוז מען פארבינדן דורך מיזרעוו-דייטשלאנד מיט דער נאטא". ווי עס איז אנגעוויזן געווען אין דער יִסראעלישער פרעסע, האט די אויסערן מיניסטארן ג. מייער, אויסגענוצט פאר דעם צוועק איר באזוך אין דער גענעראל-פארזאמלונג פון דער „און" אין הארבסט 1957. דארט האט זי געפירט אונטערהאנדלונגען מיט א סאך מעלוכע-טוערס און איז שפעטער אפגעפארן קיין פאריז און רוים, ווו זי האט זיך באגעגנט מיט פארשטייערס פון נאטא-לענדער. אונטערציענדיק דעם סאכאקל פון דער רייזע, האט די פרעסע פעסטגעשטעלט, אז ג. מייער „איז צוריקגעקומען פון איר נעסיע מיט לײדיקע הענט".

דאס אלץ קען ניט אנגערופן ווערן ווי א צופעליקייט. נאכן דורכפאל פון דער אגרעסיע אף עגיפטן, האבן דורכגעמאכט א געוויסע עוואלוציע יִסראעלס באציונגען מיט יענע לענדער, מיט וועלכע זי איז געווען פאליטיש און עקאנאמיש פארבונדן. פארשטייט זיך, אז פאר די פאראייניקטע שטאטן און פאר ענגלאנד איז יִסראעל אף ווייטער פארבליבן ווי א מיליטערישע באזע, ווי א בריק, אף אריינצודרינגען אין דער אראבישער וועלט, א פלאצדארם פאר דיווערסיע און פראוואקאציע-טעטיקייט קעגן דער נאציאנאלער באפרייונגס-באוועגונג פון די מיזרעך-לענדער. און דאך זענען די באציונגען צווישן יִסראעל מיט אירע פראטעקטארן אפגעקילט געווארן. דאס איז געשען ניט בלויז דערפאר, ווייל סיי ענגלאנד, סיי די פאראייניקטע שטאטן ווילן ניט צוליב יִסראעל פארלירן זייערע אפגעשוואכטע פאזיציעס אין דער אראבישער וועלט.

די אגרעסיע קעגן עגיפטן האט ארויסגערופן אין ענגלאנד גופא זייער א שארפע קריטיק אף די האנדלונגען פון דער ענגלישער רעגירונג. ווי א קאנסעקווענץ פון דעם דורכפאל פון דער אגרעסיע איז געקומען די דעמיסיע פון ענגלישן פרעמיער-מיניסטער אידען. די קאנסערוואטארן, וואס שטייען בא דער מאכט, וואגן ניט צו ריזיקירן מיט זייער שוין אזוי אויך פארלוירענער אויטאריטעט, און דערצו נאך ערעוו די וואלן פון 1959.

די פאראייניקטע שטאטן ווילן ניט, פארשטייט זיך, איבערייסן מיט זייער געטרייען דינער אפן נאענטן מיזרעך, אבער צוליב דער געשאפענער לאגע באמיט זיך דער שטאטס-דעפארטאמענט פון די פ. שטאטן עפנטלעך ארויסצוווייזן וואס ווייניקער זיין פארבינדונג מיט יִסראעל. פון די ידיעס, וואס זענען געווען זיך דורך אין דער יִסראעלישער פרעסע, איז באקאנט געווארן אז מיסטער דאלעס האט דורך דעם יִסראעל-געזאנדטן אין וואשינגטאן געאייצעט בענגוריאנען צו לייגן מער אכט אף דער אויסברייטערונג פון יִסראעלס באציונגען מיט די מיזרעך-אייראפעישע לענדער, די מיטגלידער פון דעם צאפן-אטלאנטישן בלאק. זיין אייצע האט דאלעס באגרינדעט דערמיט, וואס פאר די פאראייניקטע שטאטן „איז ניט באקוועם צו זיין יִסראעלס איינציקער פריינט", ווייל דאס קאמפראמעטירט די פאראייניקטע שטאטן אין די אויגן פון די אראבער. אף אזעלכע ענדערונגען פון דער אמעריקאנער פאליטיק לגאבע יִסראעל האט אויך אנגעוויזן דער יִסראעלישער פינאנץ-מיניסטער עשקאל דעם 4-טן

יאנואר 1958 אף א פארזאמלונג אין יערושאלאים. ער האט זיך אויסגעדריקט: „אונדזערע פריינט פאדערן מיר זאלן ניט זיין איינזאם. זיי האבן אונדז געזאגט: זוכט פאר זיך אלץ מער און מער פריינט, ווייל אונדז אליין איז ניט באקוועם אנצוהאלטן א פריינטשאפט מיט יזראעל".

און אין יזראעל גופא האבן זיך געמערקט די פראטעסט־שטימען קעגן דער פערספעקטיוולאזער און געפערלעכער אויסערן־פאליטיק פון לאנד אפן פאדערשטן פלאן ווערט ארויסגערוקט די פאדערונג צו ענדערן די באציונגען מיט די אראבישע לענדער. די דאזיקע שטרעבונג איז פארצייכנט געווארן אין די באשלוסן פון דעם 13־טן קאנגרעס פון דער קאמפארטיי אין יזראעל (פרילינג פון 1957). דער באריכט פון דעם צענטראל־קאמיטעט, אין וועלכן עס ווערט אפגעשאצט די אינערלעכע לאגע אין לאנד און די אויפגאבעס פון די ארבעטער־מאסן, האט פעסטגעשטעלט: „אונדזער פארטיי באטראכט דעם אראביש־יזראעלישן קאנפליקט, ווי א דערשיינונג וואס איז געבוירן געווארן אפן אימפעריאליסטישן באדן, וואס וועט פארשווינדן צוזאמען מיט דער קעסיידערדיקער אפשוואכונג פון דעם אימפעריאליזם און וועט זיך סאף קאל כאף פארענדיקן מיטן פולסטן קראך. אין דער פארגאנגענהייט האבן מיר געהאט מערקווירדיקע פעריאדן פון עקאנאמישער קולטורעלער און פאליטישער מיטארבעט מיט די אראבישע פעלקער אין אנדאלוסיע, מאראקיש אלעקסאנדריע און דאמעשעק. יארהונדערטער האבן יידן געלעבט צווישן די אראבישע פעלקער פיל בעסער ווי אפן מיירעוו. דער גוירל האט ווידער צונויפגעפירט דאס יידישע און דאס אראבישע פאלק. א סאך איז אפהענגיק פון אונדז אליין, פון די יזראעלישע מאסן, קעדיי צו פארוואנדלען די דאזיקע היסטארישע באגעגעניש אין א הייב־שטאנג פאר שאלעם, פריינטשאפט, פרוכטבארער צוזאמענארבעט און פארברידערונג פון די פעלקער".

דער באוווסטזיין וועגן דער נויטווענדיקייט צו רעווידירן די אויסערן־פאליטיק פון לאנד, איז אויך אריינגעדרונגען אין די בורזשואזע פארטייען. אין די פאליטישע קרייזן ווי אויך אין דער פרעסע פון יזראעל האט זיך אנטוויקלט א דיסקוסיע מעקויעד די וועגן פון דער יזראעלישער אויסערן־פאליטיק. אין פארבינדונג דערמיט האט די צייטונג „לאמערכאוו" געשריבן: „דער טאך פון דער פאליטישער פילאזאפיע וואס האט געשפייזט אונדזער אויסערן פאליטיק, האט געבראכט צום אויספיר אז די גרונט־אינטערעסן פון יזראעל, פאלן צענויף מיט דער אויסערן פאליטיק פון אמעריקע. די פאליטישע פארבינדעטע זענען באטראכט געווארן אין ליכט פון דעם דאזיקן טעזיס און עס זענען אין דער זעלבער שיין אנגעמערקט געווארן די באציונגען מיט די מעלוכעס און מיט די באוועגונגען אין דער וועלט, און וואס איז נאך וויכטיקער , אויך מיט די געזעלשאפטלעכע קויכעס אין יזראעל גופע. ווי איינעם פון די פאסיקסטע ארגומענטן אף צו פארטיידיקן די פרא־מיירעוו־פאליטיק, האט מען באנוצט די טיינע, אז מיר געפינען זיך אין א געאפאליטישער געגנט, וואס איז אונטער דער אויסשליסלעכער השפאע פון מיירעוו, און דיריבער מוזן מיר זיך צופאסן צו דער „מיירעוו־פאליטיק און זיך אנשליסן צו איר פארווירקלעכונג. אזא פאליטישע פילאזאפיע איז געוועז פאלש זינט דעם

טאג פון איר געבורט און זי איז אלץ מער צעוואקלט געווארן פון איין פראוו ביז צום צווייטן".

די בורזשואזע פרעסע פארצייכנט די פארשטארקטע האשפאס פון די נייטראליסטישע עלעמענטן פון דער „פראגרעסיווער פארטיי" און פון דער פארטיי פון די „אלגעמיינע ציוניסטן", וואס האבן געשטיצט דעם ארויסטריט פון דעם פרעזידענט פון דעם „יידישן וועלט קאנגרעס", נאכעם גאלדמאן, וועלכער האט דערקלערט אין טעל־אוויוו: „די איצטיקע אויסערן פאליטיק פון בענגוריאנען קען ברענגען צו קאטאסטראפאלע רעזולטאטן פאר יִסראעל". דער רעדאקטאר פון דער בורזשואזער ציַיטונג „האארעץ" האט, צום ביַישפּיל, גערופן „צו פארנונפטיקייט אין דער אויסערן פאליטיק" און צו „ניט אידענטיפיצירן יִסראעל" מיט וועלכן עס איז פון די וועלט־בלאקן. פון ציַיט צו ציַיט טרעטן אויך ארויס קעגן דעם דורכגעפאלענעם אויסערן־פאליטישן קורס די פארטייען מאפאם און „אכדות האאוואדא".

עס וואלט אבער געווען ניט באגרינדעט זיך פארצושטעלן, אז אזעלכע שטראלן פון באוווסטזיַין בא אייניקע בורזשואזע טוערס פון יִסראעל, באדיַיטן שוין דעם אנפאנג פון עפּעס אן ענדערונג אין יִסראעלס פונדאמענטאלן פאליטישן קורס. פארקערט, די גאנצע פאליטישע שטימונג זאגט איידעס, אז דעם הויפּט טאן אין יִסראעלישן לעבן גיבן נאך אלץ די עקסטרעמיסטישע קריַיזן. דעם 9־טן אפּריל פון 1958 האבן די מיטגלידער פון „כיירוט" איַינגעארדנט אין טעל־אוויוו אן אויפמארש און א מיטינג. אפן מיטינג זענען ארויסגעטראטן מיט רעדעס דער לידער פון פארטיי, בייגין, דער בירגערמיַיסטער פון טעל־אוויוו, לאוואן און זשאק סוסטעל, איינער פון די הויפּט ארגאניזירערס פון דער אנטי־רעפּובליקאנישער פארשווערונג אין אלזשיר, שפּעטער דער אינפארמאציע־מיניסטער אין דע גאלס רעגירונג, וואס איז געקומען ספּעציעל פון פאריז לויט דער איַינלאדונג פון „כיירוט".

אלע רעדנערס האבן אפן גערופן צו דער דעראבערונג פון גאנץ פאלעסטינע און געדראט די אראבער. בייגין, צום ביַישפּיל, האט זיך אויסגעדריקט אזוי: „מיר וועלן נאך ברענגען די באפריַיונג פאר גאנץ פאלעסטינע און פאר גאנץ יערושאלאים, מיר וועלן פארווירקלעכן דעם טרוים פון אונדזער לערער זשאבאטינסקי".

זשאק סוסטעל, שטיצנדיק בייגינען, האט געזאגט, אז זשאבאטינסקיס באהויפּטונגען וועגן דעם קאמף קעגן דער אראבישער באוועגונג, האבן זיך פולשטענדיק באשטעטיקט. סוסטעל האט דערקלערט: „דער גורל פון יִסראעל איז פארבונדן מיט פראנקריַיכס גורל. די מילכאמע וואס מיר פירן אין אלזשיר, און איַיער קאמף אין יִסראעל, זענען אידענטיש". ניט ווייניקער אנגריַיפעריש איז געווען די רעדע פון לאוואן, וועלכער האט דערקלערט: „דער גרעסטער טייל פון אונדזער לאנד איז נאך ניט באפריַיט. יערושאלאים, כעווראן, שכעם, געפינען זיך נאך באם סוינע אין די הענט. די מערהייט פון פאלק איז נאך ניט באפריַיט. אונדזער דאר איז בארופן צו פארווירקלעכן זייער פיל. מיר האבן געהאט די זכיע אנצופאנגען די באפריַיונג, און גאר אין גיכן וועלן מיר אויך זוכע זיַין די פולקאמע באפריַיונג."

מיצאד דער רעגירונג און דער אפיציעלער פרעסע פון יסראעל איז ניט געקומען קיין איינציק שטראפווארט קעגן די דאזיקע רייד. פונקט פארקערט, דעם 11-טן אפריל האט דער גענעראל-דירעקטאר פון פארטיידיקונגס-מיניסטעריום, פערעס, ריידנדיק אף א פארזאמלונג פון מאפאי אין דעם זעלבן טאן ווי בייגין און לאוואן, געזאגט, אז: „די אראבישע פארייניקונגען זענען א פויעל-יויצע פון דעם וווקס פון דער אראבישער מיליטערישער פאטענץ און פון א פארשטארקטער סינע פון די אראבישע לענדער צו יסראעל. דעריבער זענען ניט נאענט פאר יסראעל די האפענונגען פון א שאלעם, און עס זענען ניטא קיין אילוזיעס פון נייטראליטעט; די אויפגאבע איז נאר צו פארפעסטיקן די ארמיי". פערעס האט גערופן צו א „פעסטער פאליטיק לעגאבע די סאנים", דאס הייסט, לעגאבע אראבער.

נאך דער „סיניי-אפעראציע" און דער שביטע פון די אראבער אין דעם דארף קאסעם, איז פארגעזעצט געווארן נאך מיט א שטארקערן קויעך די אונטערדריקונג פון דער אראבישער באפעלקערונג פון יסראעל. אזוי, צום ביישפיל, האט אין טאג פון 1-טן מיי די בענגוריאן-פאליציי מערדערלעך צעשלאגן די דעמאנסטראציע פון די א-אבישע ארבעטער אין נעצערעט און אין דעם דארף אום-על-פאכעם, אדמיניסטראטיוו ארעסטירט הונדערטער אומשולדיקע מענטשן און דורך א קריגס-געריכט פארמישפעט צענדליקער פון זיי צו לאנג-יאריקע טפיסע.

און די געגנטן ווו עס וווינען אראבער, זענען נאך אלץ גילטיק די פארארדענונגען, לויט וועלכע דער מיליטערישער קאמענדאנט מישט זיך אריין אין לעבן פון די ציווילע אראבער; אין זיין רעשוס געפינט זיך דאס פארשרייבן די נייע-געבוירענע, די כאסענעס, דאס ארויסגעבן טויט-שיינען, באשטימען לערערס און באאמטע, פארדינגען ערד-שטאכים. אף אזא אופן איז דאס גאנצע לעבן פון די אראבער אונטערגעווארפן דער לאקאלער מיליטערישער אדמיניסטראציע, וואס מעג ארעסטירן דעם אראבער, ארויסשיקן אדער פארשיקן אים, פארווערן רייזעס א. א. וו. נאך אין מאנאט מיי 1951 האט די קנעסעט אנגענומען א באשלוס, אין וועלכן עס זאגט זיך, אז אזעלכע פאראָרדענונגען זענען אין סטירע מיט די דעמאקראטישע פרינציפן. ווייטער אבער איז דער איניען ניט געגאנגען. און די סיבעס זענען קלאר. אף דער בעראטונג פון דעם צ. ק. פון מאפאי האט בענגוריאן דערקלערט: „די זיכערקייטס-פראבלעמען זענען וויכטיקער, דעריבער וועל איך זיך קאטעגאריש קעגנשטעלן דעם, אפשאפן די מיליטערישע אדמיניסטראציע. ערשט דאן וועל איך זיך מער ניט קעגנשטעלן — האט ער פארגעזעצט — אז די מיליטערישע אדמיניסטראציע זאל אפגעשאפט ווערן, ווען אין גאליל וועלן געשאפן ווערן 40-30 יעשווּוים און ווען אין נעצערעט וועלן וווינען 15-10 טויזנט יידן" (די צייטונג „אל האמישמאר" פון 8-טן דעצעמבער 1958).

די עכטע קאוואנעס פון דער יסראעל-רעגירונג וועגן דעם איניען, האט גאנץ אפנהארציק אויפגעקלערט דער גענעראל-דירעקטאר פון פארטיידיקונגס-מיניסטעריום, פערעס, דעם 30-טן יאנואר 1959, אין יערושאלאים און דעם 31-טן יאנואר אין באים ווייצמאן-אינסטיטוט אין רעכאוואט. פערעס האט

מוידע געווען אז אין יִשׂראל ווערט שוין פון לאנג אן אנגעווענדעט א פּאָ־ליטיק פון מאכן די אראבער ערדלאָז. „אפן דריטן טאג נאכן אנהייב פון דעם סיני־קאמפּיין — האט געזאגט פּערעס — האט דאס פּארטיידיקונגס־מיניס־טעריום ארויסגעגעבן א געהיימען געזעץ צו פּאריידישן נעצערעט און דעם גאליל. דאס געזעץ איז שוין פון לאנג געווען אויסגעארבעט און איצט האט מען אנגעפאנגען עס דורכצופירן אין לעבן. צען טויזנט יידישע איינוווינער אין נעצערעט וועלן צונישט מאכן די לעגענדע וועגן אראבישן גאליל". פּערעס האט צוגעגעבן, אז ער איז אויך „פאר אפּשאפן די מיליטערישע פּאַרוואלטונג אין די אראבישע געגנטן", אבער דער וועג דערצו פירט אז די אראבישע באַ־פעלקערונג זאל צעשפּליטערט ווערן צווישן דער יידישער מערהייט און עס זאל ליקווידירט ווערן די געפאר פון אן אראבישער קאָנצענטראציע אין דער מדינה.

די דיסקרימינאציע קעגן די אראבער רופט ארויס שארפע פּראטעסטן מיצאד דער גאנצער פּראגרעסיווער געזעלשאפטלעכקייט פון יִשׂראל. אנפאנג אויגוסט 1958 האבן איבער 150 אנגעזעענע ווויסנשאפטסלייט פון דעם העברעישן אוניווערסיטעט, פון כייפער טעכניאָן, פון דעם כ. וויצמאן־אינסטי־טוט, פון אוניווערסיבאר־אילאן־אוניווערסיטעט, און א סאך אנגעזעענע שריי־בער, ארטיסטן, קונסט־מאלערס, זשורנאליסטן און געזעלשאפטלעכע טוערס, האבן זיך געווענדעט צו דער רעגירונג מיט א פּעטיציע, ווו זיי האבן געפאדערט, ס'זאל אן ענדע נעמען צו דער מיליטערישער פאַרוואלטונג אין די אראבישע געגנטן, און אז אין באצוג צו די אראבער זאלן אנגעווענדעט ווערן דעמאָ־קראטישע נארמעס. ביז היינט איז דאס אלץ געבליבן ווי א קאל אין מידבר. די יִשׂראל רעגירונג דערקלערט אפן, אז דער רעזשים פון מיליטערישער פּארוואלטונג וועט ניט ווערן אפּגעשאפט.

## יִשׂראל און די אינטערווענץ אין לעוואנען, יארדאניע און איראק

אין די ערשטע טעג פון מאנאט מיי 1958 האבן זיך אין א טייל שטעט פון דער קליינער אראבישער מלוכה לעוואנען, וואס ליגט אין שכיינעס צו יִשׂראל, אנגעפאנגען שטרייקן און דעמאנסטראציעס, וועלכע האבן זיך פאַר־וואנדלט אין אלגעמיינע אומרוען און ארויסטריטן קעגן דער רעגירונג.

די געשעענישן זענען ארויסגערופן געווארן צוליבן באנדיטישן מארד איבער דעם אנגעזעענעם געזעלשאפטלעכן טוער אין לעוואנען, דעם הויפּט־רעדאקטאר און באלעבאס פון דער צייטונג „טעלעגראף", נאסים מעטני, וועלכער איז ארויסגעטראטן קעגן דער „דאלעס־אייזנהאוער דאקטרין". מעטנים דערמאר־דונג האט ארויסגערופן א שטורמישן פּראטעסט אין אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג פון לעוואנען. די אמעריקאנער אגענטן, דער געוועזענער פּרעז־זידענט פון לעוואנען שאמון און דער אויסערן מיניסטער ש. מאליק, האבן מיט דעם מארד געוואלט טעראריזירן די דעמאקראטישע קרייזן פון לאנד און

דורכפירן קעגן דער קאָנסטיטוציע, די איבערוויילונג פּון שאַמונען ווי אַ מעלוכע־פּרעזידענט.

שאַמונען און מאַליקן האָט געשטיצט און אַרומגערינגלט די רעאַקציאָנערע קליקע, וואָס האָט אויסגעדריקט די אינטערעסן פון יענעם טייל קרייַזן פון לעוואַנען, וואָס האָט געזוכט אַ פּאַרשטענדיקונג מיט די אַמעריקאַנער נאַפט־מאָנאָפּאָלן.

עס איז באַוווּסט, אַז די גרעסטע מאָנאָפּאָלן פון די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן אין מעשעד פון די לעצטע יאָרן באַטראַכט לעוואַנען ווי זייער אָנשפּאַר־באַזע אָפּן אַראַבישן מיזרעד, און זיי האָבן אָנגעווענדעט אַלע מיטלען קעדיי צו פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ שפּרינג־ברעט קעגן די אומאָפּהענגיקע אַראַבישע מעלוכעס. פרילינג 1957 האָט די רעגירונג פון שאַמון־מאַליק זיך אָנגעשלאָסן צו דער „אימפּעריאַליסטישער דאָקטרין” און דערמיט צוגעבונדן דאָס לאַנד צו די אַגרעסיווע פּלענער פון דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. בייַרוט איז געוואָרן ניט בלויז אַ צענטער פון שפּיאָנאַזש און פּראָפּאַגאַנדע אָפּן גאַנצן נאָענטן און מיטעלן מיזרעד, נאָר אויך אַ צענטער פון אימפּעריאַליסטישע אינטריגעס קעגן די אַראַבישע לענדער. ענדע 1957 האָט זיך אין בייַרוט און אין אַנדערע שטעט פון לעוואַנען אַנטוויקלט, בעשותפעס מיט די פאַרייניקטע שטאַטן און טערקייַ, אַ העפטיקע צוגרייטונג צו אַ פאַרשווערונג קעגן דער סירישער רעפּובליק.

די באַפעלקערונג פון לעוואַנען האָט מיט אַ שטייַגנדיקער אויפרעגונג נאָכגעפאָלגט די פּראָוואָקאַציעס מיצאַד די אימפּעריאַליסטן און זייערע אַגענטן, שאַמון און מאַליק. די אָפּאָזיציאָנעלע פּאָליטישע פּאַרטייען און די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן דערקלערט אַן אַלגעמיינעם שטרייַק. עס איז אַנטשטאַנען אַ באַוואָפנטער קאַמף, איבערדויפט אין די מוסולמענישן געגנטן, אין די שטעט טריפּאָלי, סייַדאַ, באַאַלבעק, טיר און אַנדערע. די אומרועןן האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן קייַן בייַרוט און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלקס־אויפשטאַנד קעגן דער רעגירונג. דאָס פאָלק פון לעוואַנען האָט זיך געלאָזט אָף אַ ברייטן שליאַך פון קאַמף קעדיי אויסצוראָטן פון לעוואַנען די פאַרעטער און רעאַקציאָנערן און צו באַפרייַען דאָס לאַנד פון דער אויסלענדישער אימפּעריאַליסטישער האַשפּאָע.

דאַן איז די רעגירונג פון שאַמון־מאַליק אַוועק צו אַ דירעקטער פאַרשטענדיקונג מיט די אימפּעריאַליסטישע לענדער, זי איז צוגעטראָטן צו אונטערהאַנדלונגען מיט די געזאַנדשאַפטן פון די פאַרייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייַך און האָט באַשלאָסן צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד מיט דער הילף פון מיליטער, אויסנוצנדיק אַלע מינים געווער.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס די יִסראָעלישע רעגירונגס־קרייַזן האָבן אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע צו שאַמונס רעאַקציאָנערער רעגירונג און זייער גרייטקייַט צו געבן די נויטיקע הילף. פון טעל־אַוויוו איז געשיקט געוואָרן אַ פאָרשלאַג צו שאַמונען, ער זאָל אַראָפּנעמען זייַן מיליטער פון דער יִסראָעלישער גרענעץ און עס שיקן צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד, דערבייַ איז געזיכערט געוואָרן די אומבאַרירלעכקייַט פון דער לעוואַנענער גרענעץ.

אבער לעוואַנעס אַרמיי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצן די קליקע פון שאַמון און מאַליק. דער גרעסטער טייל לאַנד האָט זיך געפונען אין די הענט פון די אויפשטענדלערס.

אין באַדינגונגען פון אַ שטייַגנדיקן קריזיס, האָבן די פאַרייניקטע שטאַטן, אין הסכּם מיט שאַמונען, אָנגעהויבן צוצוגרייטן אַן אָפענע מיליטערישע אינטערווענץ קעגן דעם פאָלק פון לעוואַנען.

דער אַמעריקאַנער זשורנאַל „יונייַטעד סטייטס ניוס ענד וואָרלד רעפּאָרט", איז דעם 6־טן יוני אַרויס מיט אַן אַרטיקל, וווּ עס האָט זיך געזאָגט: „די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד האָבן אָנגענומען אַ געהיימען באַשלוס אַרייַנצושיקן מיליטער קייַן לעוואַנען". נאָכן פעסטשטעלן אַז דער זעקסטער אַמעריקאַנער פלאָט און ענגלישע פאַראַשוטיסטן־אָפּטיילונגען אין ציפּערן זענען שוין קאַמפּס־גרייט, זעצט פאָר דער זשורנאַל אין זייַן אַרטיקל: „סייַ די פאַרייניקטע שטאַטן, סייַ ענגלאַנד זענען מיט דער מיינונג, אַז די שלאַכט פאַר לעוואַנען האָט אַן אַנטשיידענע באַדייַטונג פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער נאַפט־באַשפּייַזונג פאַרן מייַרעוו אַפן מיטעלן מיזרעך".

אין גיכן איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז ניט געקוקט אויף דער שטיצע פון די פאַר. שטאַטן, ענגלאַנד און אויך ישׂראל, וועט שאַמונען ניט געלינגען אָנצוהאַלטן די מאַכט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די סטאַביליזאַציע פון דער פּאָליטישער לאַגע אין לעוואַנען האָט אָוועקגערוקט דעם אַרויסטריט פון די באַוואָפנטע קויכעס פון די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, וואָס זענען שוין געווען גרייט צום שפּרונג אויף דער נאָענט מיזרעכדיקער ערד. אָבער דער טעלעגראַף האָט קעסיידער געבראַכט פרישע ידיעות. אין דער שכייניש־ער יאָרדאַניע איז דעם 13־טן יולי אויפגעדעקט געוואָרן אין לעצטן מאָמענט אַ צוגעגרייטער אויפשטאַנד קעגן דעם אַנטי ־ פאָלקס ־ רעזשים פון דעם יאָרדאַנישן מאַריאָנעטן־קעניג הוסיין, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך די ענגליש־אַמעריקאַנישע קאָלאָניזאַטאָרן. ניט האָבנדיק קייַן שטיצע בּאַ זיך אין לאַנד, האָט ער געמאַכט אַ געשריי וועגן הילף פון אויסלאַנד.

נאָר דאָ איז פאָרגעקומען אַ נאָך גרויזאַמער קלאַפּ. אין דער נאַכט פון 13־טן אַפן 14־טן יולי איז אויסגעבראָכן אַ פאָלקס־רעוואָלוציע אין סאַמע צענטער פון דער נאַפט־אימפּעריע פון ראָקפעלער און לאָרד פרעדעריק ראָדבער אין איראַק(1).

די מיליטערישע אָפּטיילונגען, וואָס לויטן באַפעל פון דעם איראַקער קעניג פייסאַל, זענען זיי געשיקט געוואָרן צו הילף זייַן יאָרדאַנישן גוטן־ברודער הוסיין, האָבן אַרומגערינגלט פייסאַלס פּאַלאַץ, אַנטוואָפנט די וואַך און אויס־פירנדיק דעם פאָלקס־ווילן דערשאָסן די גאַנצע קעניגלעכע מישפּאָכע. אין דער זעלבער צייַט זענען די גאַסן פון באַגדאַד פאַרפלייצט געוואָרן דורך די

---

(1) פרעדעריק ראָדבער איז פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון דער נאַפט־געזעלשאַפט „שעלל טראַנספּאָרט ענד טריידינג קאָמפּ.", וועלכע האַלט אַז אין אירע הענט דאָס קאָנטראָל־פּעקל אַקציעס פון דער באַוווסטער ענגליש־האָלענדישער נאַפט־געזעלשאַפט „ראָיאַל דאַטש שעלל".

ה

פאלקס־מאסן, וואס זענען אויפגעשטאנען אפן רוף פון די פאטריאטישע ארבעטער־און אנדערע ארגאניזאציעס קעגן דעם פינצטערן רעזשים פון פייסאל־נורי סאיד.

דעם 14־טן יולי אינדערפרי האט די באגדאדער ראדיא־סטאנציע געבראכט די ווענדונג צום איראקער פאלק, מיצאד דער הויפט־קאמאנדע פון דער איראקער ארמיי. אין דער ווענדונג האט זיך געזאגט:

ברידער! די ארמיי איז א טייל פון פאלק, זי געהערט צו אייך, זי האט רעאליזירט דאס, וועגן וואס איר האט געטרוימט, דעריבער מוזט איר זי שטיצן אין איר קאמף קעגן די בלוטזויגער און קעגן נורי־סאידס קליקע. אונדזער ניצאכן קען ערשט דאן זיין א פולקאמער, ווען דאס פאלק וועט העלפן צו פארטיידיקן די יונגע איראקער רעפובליק”.

עס איז נאך ניט פארשטומט געווארן דאס טרויעריקע גלאקן־קלינגעריי אין לאנדאן און אין וואשינגטאן, אייניקע דעספאטן און פירשטן פון נאענטן און מיטעלן מיזרעך האבן נאך ניט באוויזן צו קומען צו זיך פון זייער פאר־גליווערונגס־צושטאנד, ווי אין איראק איז שוין פארענדיקט געווארן מיטן פארפוילטן רעזשים. דער קאפ פון דעב ענגלישן אגענט נורי סאיד, וואס איז געווען ארויסגעשטעלט אף א שטעקן קעגנ:בער דעם יוסטיץ־פאלאץ אין באג־דאד, האט געדינט ווי א דערמאנונג פון דעם אומפארמיידלעכן אומקום פון קאלאניאליזם אפן מיזרעך.

כאראקטעריזירנדיק די באדייטונג פון דער איראקער רעוואלוציע, האט אבדעל קערים קאסעם, פרעמיער מיניסטער פון דער איראקער רעפובליק, גע־זאגט: „א רעוואלוציע וואס דאס פאלק האט דיקטירט — דאס איז א פאליטישע און סאציאלע רעוואלוציע וואס איר ציל איז: צו באפרייען דאס פאלק פון דער פעאדאלער הערשאפט, זיכערן פאר׳ן פאלק גערעכטיקייט, באפרייען דאס פאלק פון דאבקעס און קראנקהייטן”.

די פראקלאמירונג פון דער איראקער רעפובליק איז באגעגנט געווארן מיט א הייסער סימפאטיע ניט בלויז אין איראק און אין דער אראבישער וועלט, נאר אויך אין אלע דעמאקראטישע לענדער.

כוץ די אראבישע מעלוכעס איז די שאלעם־ליבנדיקע איראקער רעפובליק אנערקענט געווארן פון דעם ראטנפארבאנד, פון דער כינעזישער פאלקס־רע־פובליק, און אויך פון אלע אנדערע סאציאליסטישע לענדער, פון די אומאפ־הענגיקע מיזרעך מעלוכעס, און שפעטער אויך פון די קאפיטאליסטישע מעלוכעס.

דעם אגרעסיווען באגדאדער פאקט און צוזאמען מיט אים אויך דער קאלאניזאטארישער הערשאפט אין איראק איז דערלאנגט געווארן א טויט־קלאפ. אבער די אימפעריאליסטישע קויכעס פון די פאר. שטאטן און קיידעם קאל די נאפט־מאנאפאלן האבן אין דער שאפונג פון דער אומאפהענגיקער איראקער רעפובליק דערזען א דירעקטע געפאר פאר זייערע ריזיקע רעוואכים, וואס זיי באקומען פון דער עקספלאטאציע פון די נאפט־קוואלן און פון די פעלקער פון נאענטן און מיטעלן מיזרעך.

די פלענער פון דער שוין צוגעגרייטער אינטערווענץ זענען צוגעפאסט

געוואָרן צו דער נײַער לאַגע. נאָרד אַמעריקאַנער מיליטער איז אײַליק אַרויס־געזעצט געוואָרן דעם 15־טן יולי אין לעוואַנען און דעם 17־טן יולי האָבן זיך אַרויסגעזעצט ענגלישע סאָלדאַטן אין יאַרדאַניע. אַט די באַוואָפנטע אײַנמערונג איז געווענדעט געווען קעגן דער אומאָפּהענגיקייט און פרײַהייט פון די יונגע אַראַבישע מעלוכעס און קודעם כאָל קעגן דער נאָר וואָס פּראָקלאַמירטער איראַקער רעפּובליק. ווידער האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט בלײַענע מילכאָמע־וואָלקנס.

אין דער מעלדונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג פון 16־טן יולי האָט זיך געזאָגט:

„די באַוואָפנטע אינטערווענץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין לעוואַנען שאַפט פאַר דער וועלט אַן ערנסטע געפאַר און איז באַלאָדן מיט אַ סאך ווײַטגייענדיקע קאָנסעקווענצן. די פעלקער קענען נים פאַרבלײַבן גלײַכגילטיק צו דער כוצפּעדיקער אימפּעריאַליסטישער אַגרעסיע און צו דער ברוטאַלער פאַרגוואַלטיקונג פון דער סוווערעניטעט און נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט פון די אַראַבישע לענדער, צום אומפאַרשעמטן אייוער זײַן אַף די פּרינציפּן פון דער „און“.

די סאָוועטישע רעגירונג לאַדט אײַן די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אָפּצושטעלן די באַוואָפנטע אַרײַנמישונג אין די אינערלעכע איניאָנים פון די אַראַבישע לענדער און זי שלאָגט פאָר טייקעף און דרינגענדיק אַרויסצופירן איר מיליטער פון לעוואַנען.

די סאָוועטישע רעגירונג מעלדעט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד קען נים פאַרבלײַבן גלײַכגילטיק צו געשעענישן וועלכע שאַפן אַן ערנסטע געפאַר אין אַ געגנט, וואָס גרענעצט זיך מיט איר, און זי לאָזט איבער פאַר זיך דאָס רעכט אָנצוווענדן די נויטיקע מיטלען, וואָס פאָדערן זיך פאַר די אינטערעסן פון פאַרהיטן דעם שאָלעם און די זיכערקייט“.

די סאָוועטישע דערקלערונג האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע באַפרידיקונג בא די פרײַהייטס־ליבנדיקע פעלקער. אונטערן דרוק פון דער אַלוועלטלעכער געזעלשאַפטלעכקייט האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן געמוזט אײַנגיבן ענדערן זייער טאַקטיק און אָנערקענען די איראַקער רעפּובליק. פונדעסטוועגן האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד פאַרגעזעצט דאָס שיקן מיליטער קײַן לעוואַנען און יאַרדאַניע, און אַ געפאַר פון אַ מילכאָמע איז אַף ווײַטער פאַרבליבן. אַף דער ספּעציעלער סעסיע פון דער גענעראַל פאַרזאַמלונג פון דער „און“, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן אַף דער פאָדערונג פון ראַטנפאַרבאַנד, איז פולשטענדיק דעמאַסקירט געוואָרן די אַגרעסיווע פּאָליטיק קעגן שאָלעם פון די אָנגעוויזענע קאָלאָניאַלע גרויסמאַכטן, דאָז זענען אַרויס אַף דער שײַן די געפערלעכע און שמוציקע געשעפטן פון די אַמעריקאַנער און ענגלישע „נאַפט־קעניגן“ אין דער געגנט. עס איז דערוויזן געוואָרן אַז בלויז דער ראָקפעלערישער „סטאַנדאַרט אויל“ און אַנדערע אַמעריקאַנישע קאָנצערנען באַקומען איבער אַ מיליאַרד דאָלאַר פּראָפיט אַ יאָר.

דאָווקע די פון דעם אַבאָדאָן־געשעפענסט איבערגעשראָקענע „נאַפט־קעניגן“

און זייערע אדוואקאטן אין די רעגירונגס־רעזידענצן פון וואשינגטאן און לאנדאן, האבן באשטימט צו שפילן „וואַ־באנק״־קאַרט און אויעקשטעלן פאר א מילכאמע־געפאר די גאנצע וועלט, צוליב זייערע רעוואכים. די רעדער פון דער קריגס־מאשין פון די אימפעריאליסטישע מעלוכעס האבן אנגעפאנגען צו ארבעטן לויט די אימפולסן פון די מעכטיקע מאנאפאלן. אזא לעקציע קען ניט אויסמיידן די אויפמערקזאמקייט פון די פעלקער. אפאנים אז די אגרעסארן און זייערע אינספירירערס באטראכטן די היסטארישע געשעענישן פון א גאר נידעריקן טורעם. אזעלכע לעקציעס האבן דאך ניט קיין מינדערוויכטיקע באַדייטונג. עס איז קיין סאפעק אז די פעלקער וועלן מיד ווערן פון צוזען דעם קאמף פאר הויכע רעוואכים מיצאד א נישטיקער גרופע גרויסע מאנאפאלן און זיי וועלן געפינען אין זיך גענוג קויעך א סאף צו מאכן צו דער טייער־קאסטנדיקן און אפטמאל בלוטיקן קאמף, און גלייכצייטיק אויך מאכן א סאף צו די מאנאפאלן.

ווי אזוי זשע האט זיך אויפגעפירט די ייִסראעלישע רעגירונג אין די באדינגונגען פון א פרישער פארשארפטער לאגע אפן נאענטן מיזרעך?

אלע פאקטן דערווייזן אז די ייִסראעלישע רעגירונגס־קרייזן זענען געקומען צו א פארשטענדיקונג מיט די אגרעסארן. די ייִסראעל־טעריטאריע איז דער־לויבט געווארן פאר דער אמעריקאנער און ענגלישער אוויאציע. אין סאמע ברען פון דער אמעריקאניש־ענגלישער אינטערווענץ אין לעוואנען און אין יארדאניע איז קיין טעל־אוויוו געקומען דער ספעציעלער שליעך פון ווייסן הויז, ראבערט מערפי, וועלכער האט געפירט געהיימע אונטערהאנדלונגען מיט ייִסראעלישן פרעמיער בענגוריאן וועגן ייִסראעלס ווײַטערדיקער באטייליקונג אין די אנגריף פלענער פון די פאר. שטאטן און ענגלאנד אין דער זאנע.

די סאוועטישע רעגירונג איז געצוווּנגען געווען צוצושטעלן א ספעציעלע נאטע מיט א פראטעסט און א ווארענונג. אין דער נאטע איז אנגעוויזן געווען, אז: „די שטעלונג פון דער ייִסראעלישער רעגירונג פארוואנדלט ייִסראעל אין א דירעקטן מיטשוטעף צו די אגרעסיווע טאטן פון די פאראייניקטע שטאטן און ענגלאנד קעגן די פעלקער פון לעוואנען, יארדאניע און אנדערע אראבישע מעלוכעס״.

די פאליטיק פון בענגוריאנס רעגירונג האט ארויסגערופן א בארעכטיקטן אומרו צווישן דער באפעלקערונג פון לאנד. די פאליט־ביורא פון דעם צענטראל קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין ייִסראעל האט אין שייכעס מיט מערפים וויזיט פארעפנטלעכט א מעלדונג, ווו עס האט זיך געזאגט:

„מערפים וויזיט אין ייִסראעל און דאס גלייכצייטיקע פארוואנדלען אונדזער לאנד אין א קארידאר פאר די אינטערווענטארן און פאר זייערע וואפן, זאגן איידעס וועגן גאר א נאענטער אליאנץ צווישן די אינטערווענטארן און בענגוריאנס רעגירונג.

פאראן א גאר ערנסטער כשאד אז די פארהאנדלונגען צווישן מערפי און בענגוריאנען האבן פאר א ציל נאך מער צו פארפלאנטערן ייִסראעל אין די אמעריקאנישע מאכינאציעס קעגן איראק און דער פאראייניקטער אראבישער רעפובליק און אריינציען אונדזער לאנד אין א געפערלעכער קריגס־אוואנטורע,

וואס קען ברענגען א געפאר פארן שאלעם אף דער נארער וועלט און באדראט די זיכערקייט פון יִסראעל און דאס לעבן פון אונדזער פאלק".

די קאמוניסטישע פארטיי פון יִסראעל האט פארשפרייט טויזנטער פלוגבלעטלעך איבערן לאנד מיט אן אויפפאדערונג צו ליקווידירן דעם לופט־בריק איבער יִסראעל, און פארדאמט די שטיצע וואס ווערט געגעבן פון בענגוריאנס רעגירונג פאר די פאראייניקטע שטאטן און ענגלאנד אין זייער אגרעסיע אפן נאענטן מיזרעד.

דער מיליטערישער אטאשע פון דער נארד אמעריקאנער געזאנדשאפט אין טעל־אוויוו, אונטערן דרוק פון דער געזעלשאפטלעכקייט, האט געמאלדן אפיציעל, אז פון 10־טן אויגוסט אן, איז אפגעשטעלט געווארן דער לופט־פארקער פון אמעריקאנישע עראפלאנען קיין יארדאניע איבער דער יִסראעל־טעריטאריע. אבער דאס איז געווען א פרישער ליגן, ווייל אפילע די רעאקציאנערסטע צייטונג „ביירוט", האט אנערקענט, אז די אמעריקאנישע עראפלאנען, וועלכע באזירן זיך אף דער טעריטאריע פון לעוואנען, זענען פאר זייער פליען איבער דעם צאפן־טייל פון יִסראעל. זי האט געשריבן אז: „יעדן פרימארגן און יעדן אוונט פליען די עראפלאנען איבער גאליל". די צייטונג "לאמערכאוו" האט געשריבן אז אף דער זיצונג פון דער יִסראעל־רעגירונג איז אפגעווארפן געווארן די פאדערונג פון מאפאם און „אכדוט האאוואדא" אפצושטעלן דעם לופט־פארקער פון די אמעריקאנישע עראפלאנען איבער יִסראעל. די צייטונג „אל האמישמאר" האט אין שייכעס דערמיט אונטערגעשטראכן, אז די אמעריקאנער לופט־בריק איבער יִסראעל עקזיסטירט פאקטיש די גאנצע צייט און אז די אמעריקאנער „מעגן זי שטענדיק נוצן, ווען נאר דאס וועט פאר זיי זיין באקוועם".

די אינטערווענטן זענען געצוווּנגען געווען זיך צו פארנעמען פון דער לעוואנער און יארדאנישער ערד. עס האט אנגעהויבן אפגעשוואכט צו ווערן די געשפאנטקייט אין דער זאנע. אבער די יִסראעלישע רעגירונגס־קרייזן האבן נאך אלץ פארגעזעצט מיטן „ארייַנשרייבן יִסראעל אין דער וועלט־מאפע". זייערע פארשטייערס זענען נאך אלץ ארויסגעטראטן מיט דערקלערונגען, פון וועלכע עס איז קענטיק געווען אז זיי ווילן ניט רעגולירן די באציִונגען מיט די אראבער. צום בייַשפיל: דעם 29־טן אקטאבער האט דער גענעראל דאיאן אין דער רעדע וואס ער האט געהאלטן אין נאטאניע, אונטערגעשטראכן אז „די איצטיקע גרענעצן פון יִסראעל דארף מען ניט האלטן פאר הייליקע. און אויב אימיצער וועט וואגן זיי צו פארלעצן, וועט יִסראעל זיין בעקויעד צו ענדערן די גרענעצן לעטויוועס זיך".

זיי האבן געשטיצט די אימפעריאליסטישע ליניע אין די איניאנים, וואס האבן געהאט א שייכעס צו יארדאניע. פון זינט דער רעוואלוציע אין איראק ביזן הייַנטיקן טאג איז נאך ניט אפגעשאפן געווארן דער פראוואקאטארישער לאזונג פון די יִסראעלישע עקסטרעמיסטן וועגן „באזעצן די מיזרעך־ברעגן פון יארדן", אין פאל אויב אין יארדאניע וועט זיך ענדערן דער „סטאטוס־קווא". עס איז באוווּסט, אז יִסראעלישע לופט־קויכעס זענען געווען פול־שטענדיק צוגעגרייט צו א מעגלעכן ארייַנמארש אין יארדאניע. ווי אן ענדערונג

פון דעם „סטאטוס־קוואָ" זענען די ישׂראלישע רעגירונגס־קרײַזן גענויגט צו באַטראַכטן ניט בלויז די אָנוועזנהייט פון מיליטער פון אַנדערע אַראַבישע לענדער אויף דער יאַרדאַנער טעריטאָריע, נאָר אויך דאָס פאַלן פון הוסיינס צעפּוילטן רעזשים.

ווען הוסיינס טראָן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, איז די מערהייט פון די ישׂראלישע צײַטונגען אַרויסגעטראָטן מיט פּראָוואָקאַטאָרישע דערקלערונגען וועגן דער נויטווענדיקייט אַרײַנצופירן ישׂראל־מיליטער אין יאַרדאַניע. דאָ האָט איר אַ טיפּישע יעדיע פון דער רעגירונגס־צײַטונג „דאַוואַר" פון 30־טן סעפּטעמבער: „בעשום אויפן ווילן מיר דאָ ניט פּריידיקן די טעאָריע, אַז עס איז אומגלגלעך פאַר אונדז צו באַזעצן די מיזרח־ברעגן פון טײַך יאַרדן. עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז דאָס איז יאָ מעגלעך. עס איז אויך מעגלעך אַז דאָס וועט זײַן אַ נויטווענדיקייט און ניט געקוקט אויף דער ריזיקע, וועט מען דערפון זיך ניט טאָרן אָפּזאָגן". געוויסע ישׂראלישע קרײַזן מיטן „ביירוט" אין דער שפּיץ, האָבן אָפן געפאָדערט צו אַנעקסירן צו ישׂראל דעם רעכטס־ברעגיקן טייל פון יאַרדאַניע, באַטיטלענדיק אים ווי „אייגענע טעריטאָריע". דעם 5־טן אויגוסט האָט די צײַטונג „ביירוט" געשריבן: „פאַר יעדן פּרײַז וועלן מיר ראַטעווען בעט־לעכעם און כעווראָן, וואָס געהערן צו דער ישׂראל־טעריטאָריע און וועלכע זענען איצט באַזעצט דורך הוסיינס סאָלדאַטן".

וועגן דעם צוגאַנג פון דער ישׂראלישער רעגירונג צו דער יאַרדאַנישער פראַגע פון שטאַנדפּונקט „פון קויעד־פּאָזיציע", האָט אויך גערעדט בענגוריאָן אין זײַן אינטערוויו מיטן קאָרעספּאָנדענט פון דער ענגלישער צײַטונג „סאַנדי טײַמס". ער האָט דערקלערט: „מיר וועלן ניט זאָגן וואָס מיר וועלן טאָן, אויב דער „סטאַטוס־קוואָ" אין יאַרדאַניע וועט זיך ענדערן, מיר וועלן אָבער אויך ניט זאָגן וואָס מיר וועלן ניט טאָן, ווײַל עפּנטלעכע געשפּרעכן קענען נאָר קאַליע מאַכן. אויב עס וועט געענדערט ווערן דער „סטאַטוס־קוואָ", איז גע־ווּנטשן צו נײַטראַליזירן די מיזרעוו־געגנט און זי שטעלן אונטערן קאָנטראָל פון דער „און". דאָס האָט מען געמוזט לייענען אויף אַזאַ מין אויפן: דער ישׂראלישער פּרעמיער־מיניסטער לייקנט ניט אָפּ די מעגלעכקייט פון מילי־טערישן אַרײַנמאַרש אין יאַרדאַניע און באַגלײַך, זאָגט ער זיך קלאָר אַרויס, פאַר דער אָקופּאַציע פון די מיזרעוו־ברעגן פון יאַרדאַניע, קעדיי שפּעטער איבערצוגעבן דעם ראַיאָן אונטער דער פּאָליצייִשער אויפזיכט פון דער „און"־מיליטער.

אין דער צײַט פון דער פאַרשאַרפונג פון די באַציִונגען צווישן דער פאַרייניקטער אַראַבישער רעפּובליק און איראַק, האָבן די ישׂראלישע רעגי־רונגס־קרײַזן אָפן אָנערקענט, אַז אַזאַ פאַרשאַרפונג איז פאַר זיי גינסטיק. און ישׂראל הייכט עס, וועט שפּילן אויף די ווידערשפּרוכן צווישן די אַראַבער. עס וואָלט געווען צו פּאַשעט מ'זאָל רעכענען, אַז אַזאַ פּאָליטיק פירט ישׂראל אויסשליסלעך לויט די אָנווײַזונגען פון דרויסן. לויט דעם, ווי די ישׂראלישע רעגירונגס־קרײַזן שאַצן אָפּ ישׂראלס לאַגע און די אויסערן פּאָליטישע פּער־ספּעקטיוון, קעמפן זיי אויף אַלע אויפאַנים קעגן דער פאַרשטאַרקונג פון די אומאָפּהענגיקע אַראַבישע מעלובעס און קעגן די פאַרייניקונגס־טענדענצן וואָס

אַנטפּלעקן זיך אין דער אַראַבישער וועלט, וואָס דאָס איז קלוימערשט „געפערלעך פאַר יִשׂראֵלס עקזיסטענץ". דער עמעס איז אָבער, „אַז ווען די יִשׂראֵלישע שטעלונג פאַלט אַרײַן אין אַ צײַטווײַליקע סטירע צו די שטרעבונגען פון די אימפּעריאַליסטישע קרײַזן פון די פאַר. שטאַטן, וואָס האָבן ניט איינמאָל געפּרוּווט שטעלן זייער קאַרט, צום בײַשפּיל, אַפן „אַנטי־קאָמוניזם" פון אייניקע אַראַבישע נאַציאָנאַליסטישע טוערס, איז גענוג געווען אַ מינדסטער דרוק פון דרויסן קעדיי צו פאַרהיפּנאָטיזירן די יִשׂראֵל־רעגירונג און זי צו צווינגען „צו פאַרפּאַקן" אַף אַ געוויסער צײַט די אָנפאַלן און אָפּצושטעלן די מיליטערישע דעמאָנסטראַציעס קעגן די אָדער אַנדערע שכייניש מעלוכעס. אויך דערין באַשטייט די ראָל פון די יִשׂראֵלישע רעגירונגס־קרייזן, ווי אַ געווער פון די אימפּעריאַליסטישע מאַכטן אַפן נאָענטן מיזרעך.

אָנהייב 1959 זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין וויז, לויט יִשׂראֵלס אײַנספּיראַציע, אויסגעטראַכטע ידיעס וועגן פּלענער פון אַ „יִדישער מאַסן עמיגראַציע" קיין יִשׂראֵל פון רומעניע און אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער. די פעלשונגען זענען טייקעף אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך אָפיציעלע פאַרזאַנען אין יִשׂראֵל. דער ציל דערפון איז באַשטאַנען אין פאַרזייען בײַ די אַראַבישע רעגירונגען און בײַ די אַראַבער אומצוטרוי צו די סאָציאַליסטישע לענדער און צעשטערן זייערע קעגנזײַטיקע פרײַנטשאַפט און אָפּשוואַכן דערמיט די אַראַבישע לענדער און זיי אַוועקשטעלן אין אַ לאַגע פון אינטערנאַציאָנאַלער איזאָלירונג. עס איז באַקאַנט, אַז אייניקע נאַציאָנאַליסטישע פּרעסאָרגאַנען אין בײרוט, קאַירע, דאַמעשעק, זענען אַרײַנגעפאַלן אין דער פּאַסטקע פון דער אומגעלומפּערטער פּראָוואָקאַציע און זיי האָבן זיך געלאָזט אין אַ טאַנץ אונטער דער פּרעמדער מוזיק. די אַפּלייקענונגען מיצאַד רומעניע און ראַטנפאַרבאַנד האָבן צוריקגעשטעלט דעם עמעס און דעמאַסקירט די רעכילעסניקעס.

דער דאָזיקער קליינער עפּיזאָד האָט נאָכאַמאָל אַנטפּלעקט איינע פון די הויפּט ליניעס פון דער אויסערן פּאָליטיק פון די יִשׂראֵלישע רעאַקציאָנערע קרײַזן. די ליניע באַשטייט אין אונטערגראָבן קוידעם קאָל די פרײַנטשאַפט און צוזאַמענאַרבעט פון די אַראַבישע לענדער מיט דעם ראַטנפאַרבאַנד און אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער; צווייטנס, אין צעבלאָזן די ווידערשפּרוכן צווישן די אַראַבישע לענדער און אויך צווישן די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע קוויכעס אין די לענדער, קעדיי אָפּצושוואַכן דעם באַפרײַונגס־קאַמף פון די אַראַבער; דריטנס, אַף וויפל עס איז נאָר מעגלעך, אין צעטרייסלען דעם „באַנדונגער פראָנט" פון די אַזיאַטישע און אַפריקאַנער פעלקער, וואָס איז געווענדעט קעגן קאָלאָניאַליזם. די געזעלשאַפטלעכקײַט פון די אַראַבישע לענדער האָט געהאַט די פולסטע מעגלעכקײַט זיך איבערצוצײַגן, אַז אַזאַ מין פּאָליטישע ליניע איז גינסטיק פאַר די רעאַקציאָנערע ציִעניסטישע קרײַזן.

אַזעלכע זענען די רעאַלע פאַקטן פון דער פּאָליטיק פון די יִשׂראֵלישע רעגירונגס־קרײַזן. דאָס בילד פון דער יִשׂראֵלישער אויסערן־פּאָליטיק, וואָס מיר האָבן דאָ געגעבן, האָבן אונדזערע מעל־אָוויוּוער קריטיקערס דערקלערט ווי אַן איינזײַטיקס. דאָ, זאָגן זיי, האָט מען אַרויסגענומען נאָר דאָס שלעכטע.

ס'איז אבער ניט ריכטיק. מיר האבן געוויזן די גענעראל־ליניע פון יִסראעלס אויסערן פאליטיק. די רעגירונגס־קרייזן פון יִסראעל פארטיידיקן אפן די דאזיקע פאליטיק און זיי פירן זי דורך אקשאנעסדיק. זעלבסטפארשטענדלעך, אז פון צייט צו צייט טרעטן ארויס די רעגירונגס־לייט פון יִסראעל מיט פרידלעכע רעדעס, און זיי באמיען זיך אויך צו פארמאסקירן זייערע אגרעסיווע טאטן מיט די אדער יענע פראזעס אדער ארגומענטן, ווי לעמאשל, די ווערטיע וועגן די פעדאינס, קעדיי צו בארעכטיקן די סיניי־אוואנטורע. נאר ווי זאגט זיך עס אין דער עוואנגעליע: „לויט די פרוכט זייערע דערקענט מען זיי". מישפעטן לויט די טאטן, דאס איז די איינציק ריכטיקע לייזונג פון אזעלכע דיסקוסיעס. און די פאקטן זענען מער וואגיק ווי פראזעס און מינדלעכע פארזיכערונגען.

פון די פאקטן זעט מען, אז די רעגירונגס־קרייזן פון יִסראעל האבן אויך היינט ניט געמאכט דעם נויטיקן סאכאקל פון די דורכפאלן פון זייער פאליטיק.

## דער שורעש פון יִסראעלס אויסערן פאליטיק

די סיבעס פון אויסערן פאליטישן קורס פון דער יִסראעל־רעגירונג דארף מען, פארשטייט זיך, ניט זוכן אין צופעליקע אומשטענדן אדער אין דיפלאמאטישע טאעסן אדער אין פאלשע אויסרעכענונגען פון איניקע פערזאנען, וואס באטייליקן זיך אין איר. די סיבעס מוז מען זוכן א סאך טיפער. זיי באשטייען אין דער פאלשקייט פון דער איקערדיקער פאליטישער ליניע פון יענע קרייזן, וואס שטייען באם רודער פון דער יִסראעל־מעלוכע. די גרופע פון די רעכטע בורזשואזע ציעניסטן, וואס שטייט היינט בא דער מאכט אין יִסראעל, האט שוין לאנג־יאריקע פארבינדונגען מיט די גרעסטע אימפעריאליסטישע מאנאפאלן פון די פאראייניקטע שטאטן, ענגלאנד, פראנקרייך און מערעוו־דייטשלאנד, וועלכע שטעלן פאר מיט זיך די טרעגערס פון דער אגרעסיווער קאלאניאלער פאליטיק אפן נאענטן און מיטעלן מיזרעך. די דערמאנטע קרייזן, וואס זענען בלוט און פלייש פון די אימפעריאליסטישע קויכעס, באמערקן ניט און ווילן אויך ניט באמערקן די היסטארישע האפענונגסלאזיקייט פון קאלאניאליזם און זיין אומפארמיידלעכן סאף. פונקט קאפויער, מיט דער הילף פון קאלאניאליזם רעכענען זיי צו פארפעסטיקן און אויסצושפרייטן די גרענעצן פון יִסראעל. אזוי ווי בלינדע קלאמערן זיי זיך אין זייערע פארעלטערטע באגריפן און אויסגעלעבטע פארורטיילן און זיי האפן אויפצובויען די מעלוכע דורך די אלטע מעטאדן פון אונטערדריקן די שכייניש פעלקער.

יִסראעלס רעגירונגס־קרייזן, — דאס איז דער רעאקציאנערסטער פליגל פון דער אינטערנאציאנאלער יִדישער פאליטישער ריכטונג וואס איז באקאנט אונטערן נאמען ציעניזם. דער ציעניזם ווי אן אידעאלאגיע און פאליטישע ריכטונג איז אנטשטאנען סאף ניינצנטן יארהונדערט און האט דערגרייכט א געוויסע פארשפרייטונג צווישן א טייל פון דער יִדישער בורזשואזיע אין אזעלכע לענדער, ווי דייטשלאנד, עסטרייך־אונגארן און רוסלאנד, און שפעטער אויך אין פראנקרייך און אין די פאראייניקטע שטאטן.

די רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגיע פֿון ציעניזם איז צום ערשטן מאָל אַרויס־געבראַכט געוואָרן אין אַ ביכל פֿון אַן עסטרײַך־אונגאַרישן זשורנאַליסט ט. הערצל, וואָס איז דערשינען אין ווין אין יאָר 1895 אונטערן טיטל „דער יודענשטאַט" און איז פֿאַרעכנט ווי די „ציעניסטישע ביבל". אין דעם ביכל האָט הערצל באַגרינדעט דעריקער דורך פּאָליטישע אַרגומענטן די אידייע פֿון דער שאַפֿונג פֿון אַ באַזונדערער ייִדישער מעלוכע אין פּאַלעסטינע. דערבײַ האָט ער געטײַנעט אַז די לייזונג פֿון דער „ייִדישער פֿראַגע", קען קומען בלויז דורך צונויפֿזאַמלען די ייִדן אין דעם „צוגעזאָגטן לאַנד", ווײַ עס וועט ניט זײַן ניט קיין סאָציאַלע און ניט קיין פּאָליטישע אומגלײַכהײַט. שפּעטער האָבן אָנגעפֿאַנגען זיך פֿאַרזאַמלען, קאָנגרעסן פֿון ציעניסטן — ד. ה. פֿון הערצלס נאָכפֿאָלגער פֿון פֿאַרשידענע לענדער.

צווישן די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן און דער אינטעליגענץ אין אַלע לענדער, האָבן די רעאַקציאָנערע אידייען פֿון ציעניזם ניט גענאָסן פֿון פּאָפּולאַריטעט.

דער סאַך פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט, ווען דער ציעניזם האָט זיך באַוויזן אויף דער פּאָליטישער אַרענע, איז, ווי באַוווּסט, פֿאַרצייכנט ווי דער איבערגאַנגס־פּעריאָד פֿון קאַפּיטאַליזם צו דער סטאַדיע פֿון אימפּעריאַליזם. די אַלמעכטיקײַט פֿון די גרויסע מאָנאָפּאָלן, דער ווילדער קאַמף צווישן פֿאַרשידענע פֿינאַנץ־גרופּעס און אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן פֿאַר צעטיילן און איבערפֿאַר־טיילן די וועלט, פֿאַר די קוואַלן פֿון רוי־שטאָף און פֿאַר פֿרעמדע טעריטאָריעס, די פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער עקספּלאָאַטאַציע פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס און די נעמיינע אומענטשלעכע אונטערדריקונג פֿון דער הונדערטער מיליאָניקער באַ־פֿעלקערונג פֿון די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער, — דאָס אַלץ האָט גע־מוזט ברענגען צו פֿאַרשאַרפֿטע ווידערשפּרוכן באַם אימפּעריאַליזם, צו מיל־כאָמעס און רעוואָלוציעס.

אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט אויף אַט דער באַזע, האָבן זיך באַטייליקט, ווי עס איז נאַטירלעך, אויך ייִדישע אַרבעטער אין אַ גאַנצער רײַ לענדער,, ווו זיי זענען געווען אונטער אַ טאָפּלטן יאָך, שוין אַרײַנגערעכנט דעם נאַציאָנאַלן יאָך, וועלכן עס האָבן אונטערגעהאַלטן די רעאַקציאָנערע קרײַזן פֿון דער בורזשואַזיע און פֿון די גוטבאַזיצערס, די פֿאַרשפּרייטער פֿון פֿינצטערע רעדיפֿעס. פֿון די רייען פֿון ייִדישן פֿאָלק זענען אַרויס אַ סאַך אָנגעזעענע קעמפֿערס פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון אַרבעטער קלאַס און פֿון דער גאַנצער מענטשהײַט.

די ברייטע פֿאַרשפּרייטונג פֿון מאַרקסיזם, הויפּטזעכלעך אין רוסלאַנד, דײַטשלאַנד און עסטרײַך־אונגאַרן, האָט אַרויסגערופֿן בײַ דער בורזשואַזיע אַ שטרעבונג ניט צו דערלאָזן צו זײַן אַנטוויקלונג, פֿאַרפֿלאַנצנדיק, צווישן אַנדערע מיטלען, די ראַפֿינירטע פֿאָרמען פֿון נאַציאָנאַליזם און רעוויזיאָניזם.

די דאָזיקע דערשײַנונג האָט זיך געמערקט אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען פּאַראַלעל מיטן וווּקס פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, צווישן אַלע נאַציאָנאַלי־טעטן, און אויך צווישן די ייִדן. דער ציעניזם איז אַרויסגעטראָטן אויף דער פּאָליטישער אַרענע ווי איינע פֿון די פֿאָרמען פֿון דער נאַציאָנאַליסטישער

אידעאָלאָגיע פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע, וואָס איז געשטאַנען אַף דער זייַט פון אימפּעריאַליזם.

הערצל און אַנדערע ציוניסטישע לידערס זענען אַרויסגעטראָטן ווי אָפענע און אַקשאַנעסדיקע סאָנים פון מאַרקסיזם און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אַן אַנשפּאַר פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן זיי געזוכט אויסער די מאַסן, נאָר אין דיפּלאָמאַטישע הינטערקוליסן־קאָמבינאַציעס מיט פאַרשידענע אייראָפּעישע רעגירונגען, לעגאַבע וועלכע זיי פלעגן אַן אויפהער אונטער־שטרייַכן זייערע גוטע קאַוואַנעס. אַ ניידער זיך ניט צו באַטייליקן אין דעם אַרומיקן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן קאַמף איז אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן דורך דער ציוניסטישער דאָגמע אַף אַלע אירע אַנהענגער.

אָבער אַרום און אַרום איז געוואַקסן און געקאָכט אַ קאַמף פול מיט טיפן רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט, אין וועלכן עס זענען אַרייַנגעצויגן געוואָרן אַלץ ברייטערע מאַסן פון יידישן פאָלק. דער מעכטיקער לעבנסשטראָם האָט זיך געטראָגן אַלץ האַסטיקער, מיטשלעפּנדיק מיט זיך אויך יענע ציענסטישע עלעמענטן, וואָס זענען אַף וועלכן עס איז אויפן פאַרבונדן געווען מיטן פאָלק. דעריבער זענען די אַקטיווע ציעניסטן פאַרבליבן בלויז אַ הייַפל מענטשן, אָפּגעזונדערטע פון דעם לעבן פון פאָלק. זיי האָבן אויך ניט געקענט דאָס לעבן. ערשט שפּעטער זענען צוגעשטאַנען צו זיי, ווי פאַרשידענע פראַקציעס און גרופּירונגען פון ציעניזם, אייניקע אַנדערע יידישע נאַציאָנאַליסטישע גרופּעס, וואָס זענען אידעיִש באַקעמפט געוואָרן דורך די מאַרקסיסטן־לעניניסטן, ווייַל זיי זענען אַפן אַריבער אַף די בורזשואַזע פּאָזיציעס, צווישן זיי אויך אייניקע בונדיסטן, אָדער די אַנהענגער פון דער „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויר־טאָנאָמיע” פון א. בגער אין עסטרייַך(1).

דער גרויסער שאָדן פון ציעניזם איז באַשטאַנען דערין, וואָס די דאָזיקע באַוועגונג האָט געשטרעבט אָפּצווענדן די יידישע מאַסן פון דעם קלאַסנקאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע קויכעס, אָוועקצופירן די האָרעפּאַשנע יידן אַפן וועג פון ענגן נאַציאָנאַליזם, צערייַצן די קלוימערשט עקזיסטירנדיקע ווידערשפּרוכן צווישן די אַרבעטער פון יידישער נאַציאָנאַליטעט און אַנדערע, שילדערנדיק די דאָזיקע ווידערשפּרוכן ווי אַן אייביקן און דויערנדיקן אַנטאַגאָניזם. אַנשטאָט זיך צו באַטייליקן צוזאַמען מיט זייערע קלאַסן־ברידער אין דעם אַלגעמיינעם קאַמף קעגן די פאַרשקלאַפערס, די אימפּעריאַליסטן, האָט מען גערופן די יידישע האָרעפּאַשניקעס זיך אָפּצוזונדערן פון די האָרעפּאַשניקעס פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, אייַנגערעדט זיי צו אַנערקענען „די אייניקייַט פון די אינטערעסן” פון די יידישע אַרבעטער מיט די אינטערעסן פון די גרויסע יידישע קאַפּיטאַליסטן און פינאַנציעלע טוזן, אין די ראַמען פון דער אַזוי

---

(1) בונד — דאָס איז געווען אַ קליינבירגערלעכע יידישע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי װאָס איז געווען טעטיק אין רוסלאַנד פאַר דער רעוואָלוציע, און האָט געפירט אַ קאַמף מיט די באָלשעוויקעס. וו. א. לענין האָט שטאַרק קריטיקירט די אָפּאָרטוניסטישע און נאַציאָנאַליסטישע אַנשויונגען פון די בונדיסטן. נאָכן ניצחון פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיך דער בונד געשטעלט אַף קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע בורזשואַזע פּאָזיציעס, און אין 1921 האָט ער זיך זעלבסט ליקווידירט.

גערופענער „נאַציאָנאַל קולטורעלער אויטאָנאָמיע", און סאַך קאָל סאַך אוועק־צוגיין פון דעם „גאָלעס" גענטער צום באַרג סיני, קעדיי אויפצובויען אַ באַזונדערע ייִדישע מעלוכע אין פּאַלעסטינע. אַט די לעצטע אויפגאַבע, אָפּט מאָל באַדעקט מיט דער פּסיידאָ־רעליגיעזער פראַזעאָלאָגיע, האָט געהאַט אַ באַשטימטן פּאָליטישן ציל לעטויוועס דעם אימפּעריאַליזם — אויפצובויען אויפן נאָענטן מיזרעך אַ פאָר־פּאָסטן פון קאָלאָניאַליזם.

די געשיכטע פון ציעניזם איבערצײַגט מיט דער פולסטער קלאָרקײַט אַז די ציעניסטישע אידייען זענען אויסגענוצט געוואָרן דורך די הערשנדיקע קלאַסן פון די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס, ווי ענגלאַנד, פראַנקרײַך, די פאַרייניקטע שטאַטן און דײַטשלאַנד, קעדיי צו פאַרווירקלעכן זייערע קאָלאָניזאַטאָרישע קאַוואָנעס אויפן נאָענטן מיזרעך, און די ציעניסטישע לידערס, פון זייער זײַט, זענען שטענדיק און אומפאַרמײַדלעך געשטאַנען צו דינסט פון די מעלוכעס, און האָבן מיט זיי פאַרבונדן זייערע האָפענונגען אין אַלע פראַגעס וואָס האָבן געהאַט אַ שײַכעס צו דער שאַפונג פון אַ ייִדישער מעלוכע.

שוין גלײַך באַם אָנהויב פון זײַן אַנטוויקלונג, איז דער ציעניזם אײַנגעגאַנגען אויף אַ פאַרשטענדיקונג מיט די קאָלאָניזאַטאָרן, אַרויסווײַזנדיק זיך דערמיט ווי אַ סוינע פון דער נאַציאָנאַל־באַפרײַערישער באַוועגונג פון די אונטערגעיאָכטע פעלקער פון דעם נאָענטן מיזרעך.

בעראָש פון דער ציעניסטישער אָנפירערשאַפט זענען געווען פאַרשידענע גרופּעס: אַ פראָ־ענגלישע, אַ פראָ־דײַטשישע, אַ פראָ־פראַנצויזישע, אַ פראָ־טערקישע. געווען אַפילע אַזאַ גרופּירונג וואָס האָט געזוכט צו באַקומען שטיצע פאַרן ציעניזם מיצאַד דעם צאַרישן רוסלאַנד. די אַלע גרופּעס זענען געשטיצט געווען פון גרויסע קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָלן וואָס האָבן פאַרשטאַנען אַז די ציעניסטישע אידייען שטעלן מיט זיך פאָר פאַר זיי אַ געוויסן ווערט, דערצו נאָך ווען דער באַרג ציען געפינט זיך ניט ווײַט פון דעם וויכטיקסטן קרייץ־פונקט פון די וועלט־קאָמוניקאַציעס.

מען מוז דאָ באַמערקן, אַז אויך פריער איז אויסגענוצט געוואָרן דער געדאַנק פון קאָנצענטרירן די ייִדן אין פּאַלעסטינע, קעדיי דערמיט צו באַרעכטיקן די דעראָבערונגס־פּלענער אויפן נאָענטן מיזרעך. לעמאָשל, דעם 20־טן אַפּריל 1799, האָט נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, גרייטנדיק זײַן מאַרש אויף סיריע און עגיפּטן, אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן אויפרוף צו די ייִדן פון דער גאַנצער וועל.ט מיט זײַן אײַנגעבוירענער פּיפּיקײַט האָט נאַפּאָלעאָן געשריבן אין דעם אויפרוף: „ייִסראָעל איז אַן אויסדערוויילט פאָלק. דעספּאָטן האָבן צוגערויבט בײַ אײַך די ערד פון אײַערע אָוועס! פאַריאָגטע, וואַכט אויף מיט פרייד..." און אַזוי ווײַטער.

די רײַכע ייִדישע אַריסטאָקראַטיע האָט מיט היסלאָוועס אויפגענומען נאַפּאָלעאָנס רוף. דער ראָוו אַרן בען־לעווי האָט זיך אויך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו די „ייִדן פון דער גאַנצער וועלט". אין דעם אויפרוף האָט ער מיט די אונטערטעניקסטע אויסדרוקן געענטפערט נאַפּאָלעאָנען. ער האָט געזאָגט, אַז פאַר אים, דאָס הייסט פאַר בען־לעווין, „בלײַבט גאָרניט וואָס צוצוגעבן צו דער ווענדונג, צו אײַך (ייִדן), מיצאַד גאָטס שליעך, באָנאַפּאַרט,

דעם העכסטן און געבילדעטסטן אנפירער פון דער פראנצויזישער ארמיי אין אפריקע און אזיע". לעווי האט גערופן אלע יידן זיך אויפצוהייבן צו א מילכאמע און זיך צו באוואפענען, מיטן לאזונג, „אונדזער שווערד איז פאר גאט און פאר באנאפארטן". די אליאנץ איז אבער ניט פארווירקלעכט געווארן, פאשעט דערפאר, ווייל נאפאלעאן האט גאר קיינמאל ניט געטראכט ערנסט וועגן די אינטערעסן פון די יידן.

אין 1840, ווען עס איז אויפגעשווומען די פראגע וועגן סטאטוט פון סיריע, וואס איז געווען באזעצט פון ענגלישן מיליטער, האט דער בריטישער לארד אשליי (שעפטסבערי), פארגעשלאגן דעם אויסערן מיניסטער לארד פאלמערסטאן, צו דערקלערן א „יידישע קאנצענטראציע אין פאלעסטינע", ווייל דערין האט ער געזען די פאסיקסטע לייזונג פון דער „סירישער פראגע".

די פארבינדונגען מיט די רעגירונגס־קרייזן פון די קאלאניאלע לענדער זענען געווארן נאך נענטערע אין דער עפאכע פון אימפעריאליזם, ווען דער ציעניזם האט זיך באוויזן אף דער אריענע ווי א זעלבסטשטענדיקער שטראם, ביז צו דער ערשטער וועלט־מילכאמע איז, ווי באוווסט, פאלעסטינע געווען א טייל פון דער אטאמאנישער אימפעריע. די ציעניסטישע לידערס האבן דאן אנגעהאלטן דעם קורס לויטן סולטאנישן רעזשים. דער גרינדער פון ציעניזם, הערצל, האט אויסגעפויעלט אן אוידיענץ באם טערקישן סולטאן אבד־על־האמיד דעם צווייטן, קעדיי צו באהאנדלען מיט אים די פראגע וועגן דער יידישער עמיגראציע קיין פאלעסטינע. אין א יאר ארום האט זיך הערצל ווידער באוויזן אין קאנסטאנטינאפאל, ווו ער האט פארגעזעצט זיינע שמועסן מיט דעם סולטאנס רעגירונג. ער האט געפרוווט דאן איבערצייגן דעם טערקישן סולטאן, אז אין פאל אויב עס וועט אין פאלעסטינע געשאפן ווערן א יידישע מעלוכע, וועט זי אפן בעסטן אויפן רעאליזירן די אינטערעסן פון דעם סולטאנס רעגירונג און זי וועט זיין איר געטרייסטער וועכטער אפן נאענטן מיזרעך. י. גרינבוים, דער מעכאבער פון דעם ווד „די ציעניסטישע באוועגונג" (באנד 2, זייט 33), באשרייבט גאר בילדעריש דעם שמועס פון דעם ציעניסטישן לידער מיטן סולטאן: „דער שמועס מיטן סולטאן דויערט איבער צוויי שא. הערצל מעלדעט דעם סולטאן וועגן זיין גרייטקייט מיטצוהעלפן טערקיי ביי־צוקומען די פינאנציעלע שוועריקייטן וואס זי לעבט איבער... ער פאדערט דערווייל נאך גארניט... ער וויל בלויז אנקניפן פריינטלעכע באציונגען. טערקיי און די יידן וועלן זיך דערנענטערן און זיך באפריינדן. דער סולטאן דארף בלויז געבן א צייכן, א קלארן צייכן, וואס עס וועלן פארשטיין אלע יידן אין דער וועלט, אז צווישן טערקיי און די יידן איז געשלאסן געווארן א פריינט־שאפט־בונד. און ער, הערצל, וועט אין דער צייט צוגרייטן א פראיעקט ווי אזוי געזונט צו מאכן די פינאנצן פון דער טערקישער אימפעריע, און ער וועט שוין אויסגעפינען די נויטיקע מיטלען".

אבער דער סולטאן, אוים מוירע אז אין פאלעסטינע זאלן ניט ארייַנדרינגען אנדערע מעלוכעס, האט ניט געגעבן זיין האסקאמע אפן ארייַנפאר פון יידן קיין פאלעסטינע.

ניט געקוקט דערויף האט הערצלס נאכפאלגער, וואלפסאן, געפרווט

דורכצופירן דאָס וואָס הערצלען איז ניט געלונגען, און ער האָט געזוכט קאָלערליי טערוצים צו פאַרברייטערן דעם קאָנטאַקט מיט די טערקן. דעם 26־טן דעצעמבער 1909 האָט וואָלפסאָן דערקלערט אין זײַנער אַ רעדע: „מיר געפינען ניט קײַן ווידערשפּרוכן צווישן די אָטאָמאַנישע אינטערעסן און אונדזערע ציעניסטישע שטרעבונגען. עס איז אומעגלעך צו צעשיידן די וואָס געהערן איינער צום אַנדערן און וואָס דערגענצן זיך קעגנזײַטיק. די איינזיקײַט פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע, איר פּלאַץ אין דער וועלט, ווי אַ גרויסמאַכט, איר ווױלשטאַנד, זיכערקײַט און די דערפאָלגרײַכע אַנטוויקלונג פון אירע עקאָנאָמישע אָרגאַנען — דאָס זענען די פאָרלויפיקע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע באַדינגונגען פאַר אַלע אונדזערע טאַטן”.

אפן זיבעטן ציעניסטישן קאָנגרעס אין 1907 האָבן די ציעניסטישע לידערס געשוווירן טרײַהייט צום סולטאַן אַבדול האַמיד, און דער ציעניסטישער זשורנאַל „האַשילאַאַך” האָט געשריבן, קעדיי אַרויסצוווײַזן זײַנע אונטערטעניקסטע געפילן צום טערקישן מוישל: „אונדזער איינציקער כּיוון איז צו דערשטיקן די אַראַבישע באַוועגונג”.

די ציעניסטן אָבער, האָבן אויך געהאַט אין זינען דאָס, וואָס אין אייראָפּע האָט מען די אָטאָמאַנישע אימפּעריע באַטראַכט פאַר אַ „צום בעט צוגעשמידטן קראַנקן” און דאָס, וואָס אַ סאַך אייראָפּעישע מעלוכעס האָבן געשאַרפט זייערע נעגל אַף די אָטאָמאַנישע ראַכוועסדיקע טעריטאָריע אפן נאָענטן מיזרעך.

אַף אַט דעם גרונט האָבן זיך פאַרקניפּט אויך די פאַרבינדונגען פון די ציעניסטישע אָנפירערס מיטן פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם און מיטן קייזערלעכן דײַטשלאַנד. דער זעלבער הערצל האָט זיך געכאַנפעט און האָט געפּרוווט צו באַקומען כיין בײַ ביסמאַרקן. נאָכן אָפּדרוקן זײַן בראָשור „דער יודענשטאַט”, האָט זי הערצל טייקעף צוגעשיקט צום דײַטשן קאַנצלער מיט אַן אונטערטעניקן בריוו אין וועלכן ער האָט געשריבן: בלויז אַזאַ מענטש ווי איר, וואָס האָט מיט זײַן אײַזערנער נאָדל אַף אַ וווּנדערבאַרן אויפן פאַרייניקט דײַטשלאַנד, אַזוי אַז מען באַמערקט ניט אַפילע די שטעך, בלויז ער איז אַף אַזוי פיל גרויס, קעדיי מיר צוזאָגן ענדגילטיק, צי איז טאַקע מײַן פּראָיעקט אַן אידייע פון באַפרײַונג”. און ווײַטער זאָגט הערצל אין זײַן בריוו צו ביסמאַרקן: „אויב מײַן פּראָיעקט איז פּריצײַטיק, גיב איך אים אָפּ צו דער דיספּאָזיציע פון אײַער רעגירונג, זי זאָל אים אויסנוצן דאַן, ווען זי וועט עס געפינען פאַר נויטיק”.

שפּעטער האָט זיך הערצל באַגעגנט מיטן קייזער ווילהעלם דעם צווייטן און אים צוגעזאָגט, אַז אויב דײַטשלאַנד וועט שטיצן די ציעניסטישע פּלענער, וועלן די ייִדישע קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינע זיך פאַרוואַנדלען אין די בעסטע שאָמרים פון די דײַטשע אינטערעסן. בעיים דער באַגעגעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אַף דער טעריטאָריע פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע (דאָס איז געווען גלײַך נאָך דער אויבנדערמאָנטער באַגעגעניש מיטן טערקישן סולטאַן), האָט הערצל געבעטן בײַ דײַטשלאַנד, זי זאָל נעמען אונטער איר פּראָטעקטאָראַט „די ייִדישע ערד־געזעלשאַפט אין סיריע און פּאַלעסטינע”. די ציעניסטישע היסטאָריקער האָבן פאַרצייכנט, אַז דער קייזער האָט זיך גינסטיק באַצויגן

צו דער אידייע און לויטן בריוו פון קייזערלעכן פערזענלעכן ראטגעבער, גראף איילענבורג, וואס מען האט געפונען אין לאנדאן אין 1954, האט דער קייזער ווילהעלם דער צווייטער „גרויסמוטיק באוויליקט" צו נעמען אונטער זיין פראטעקטאראט די יידישע קאלאניזאציע אין פאלעסטינע.

אין די אלע אונטערהאנדלונגען האבן די היסטאריש־רעליגיעזע אויסרע־כענונגען פון ציעניזם געשפילט א מינדערוויכטיקע ראל. אויב עס איז ניט מעגלעך רעאל אויסצופויעלן פאלעסטינע פאר דער יידישער קאלאניזאציע, זענען די ציעניסטישע לידערס גרייט געווען מאסקים צו זיין מיט דער טערי־טאריע פון דער אפריקאנער קאלאניע אוגאנדא, וואס האט זיך געפונען אונטער ענגלאנדס הערשאפט.

אזא אידייע איז געבוירן געווארן אנפאנג איצטיקן יארהונדערט אין די קרייזן פון דער ענגלישער רעגירונג און בא יענער גרופע פון דער ציעניסטישער באוועגונג וואס איז געווען פארבונדן מיט ענגלאנד. אוגאנדא, וואס גרענעצט זיך מיט אביסיניע, בעלגישן קאנגא און סודאן, אויב זי זאל קאלאניזירט ווערן דורך יידן מיט דער ענגלישער הילף, מוז לויטן פראיעקט זיך פארוואנדלען אין א שוימער פון די בריטישע אינטערעסן, אין א אנשפאר פונקט פארן בריטישן אימפעריאליזם אין יענעם טייל אפריקע. די ציעניסטן און אפן ערשטן ארט הערצל גופע, האבן גלייך אנגענומען דעם ענגלישן פראיעקט. אבער אזא פראיעקט איז ניט געווען גינסטיק פאר דייטשלאנד, וואס האט געשטרעבט צו פארפעסטיקן איר איינפלוס אין אפריקע און בעשום אויפן ניט געוואלט דערלאזן, אז ענגלאנד זאל דארט פארשטארקן איר הערשאפט. דעריבער האט די פרא־דייטשע ציעניסטישע גרופע, בעראש מיטן דאקטאר נאסיג, ווענן ווען מיר וועלן נאך רעדן שפעטער, זיך געשטעלט שטורמיש קעגן דעם ענגלישן פראיעקט. אפן זיבעטן ציעניסטישן קאנגרעס איז נאסיג ארויס מיט א פלאם־פייערדיקער רעדע קעגן דעם ענגלישן פלאן. ער האט אונטערגעשטראכן, אז פאר יידן איז דער איינציקער פלאץ פאלעסטינע און ניט עפעס אנדערש. דער עמעס איז אבער, אז ווען דער קייזער ווילהעלם דער צווייטער האט שפעטער ארויסגערוקט א פלאן צו בילדן יידישע קאלאניעס אין די גרענעצן פון דער אטאמאנישער אימפעריע, אבער ווייט פון פאלעסטינע, האט דער זעלבער נאסיג טייקעף געשטיצט דעם פלאן.

אין זייער אייפער האבן די ציעניסטישע לידערס ניט אויסגעמיטן אויך די רעגירונג פון צארישן רוסלאנד. זיי האבן ניט אויפגעהערט צו זוכן וועגן צו דער צארישער רעגירונג, אפילו נאך דעם בלוטיקן אנטי־יידישן פאגראם, וואס די צארישע הענקערס האבן דורכגעפירט דעם 3־טן אפריל 1903 אין קעשענעוו. דער פאגראם האט ארויסגערופן א גוואלדיקע אויפרעגונג צווישן די ארבעטער סיי אין רוסלאנד און סיי אין דער גאנצער וועלט. זומער 1903 האט זיך הערצל באוויזן אין פעטערבורג און באקומען אן אודיענץ באם אינערן מיניסטער פלעווע און באם פינאנץ מיניסטער וויטע. אפילו די אפי־ציעלע ציעניסטישע געשיכטע־שרייבער אנערקענען, אז דער וויזיט איז געווען א דירעקטע טויווע פאר דער צארישער רעגירונג, וואס האט געזוכט צו פאר־ווישן דעם שלעכטן איינדרוק, וועלכן עס האבן ארויסגערופן אין דער גאנצער

וועלט די אַנטי־ייִדישע פּאָגראָמען, אָרגאַניזירטע אין רוסלאַנד דורך דער צאַרישער מאַכט.

די געשיכטע־שרײַבער פון ציוניזם דערציילן, אַז דער מיניסטער פּלעווע, האָט צוגעזאָגט הערצלען די שטיצע פון דער צאַרישער רעגירונג פאַרן ציוניזם און האָט אפילע צוגעזאָגט מיטצוהעלפן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אויב דער ציל איז די אויסוואַנדערונג פון ייִדן פון רוסלאַנד, מעג עס זײַן קײַן פּאַלעסטינע. שפּעטער האָט פּלעווע באַגרינדעט אין אַ שריפטלעכער פאָרעם דעם שטאַנדפּונקט פון דער צאַרישער רעגירונג לעגאַבע דעם ציוניזם, און הערצל האָט זייער הויך אָפּגעשאַצט דעם דאָקומענט. קעדיי אָפּצוצאָלן מיט אַ טויווע פאַר אַ טויווע, האָט דער ציוניסטישער לידער געוואָרנט זײַנע גלויבנס־ברידער, זיי זאָלן זיך אין רוסלאַנד ניט פאַרנעמען מיט קײַן פּאָליטישע איניאַנים, און דעריבער זאָלן זיי זיך ניט באַטייליקן אין רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען.

נאָך דעם ווי אין רוסלאַנד האָט געזיגט די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס האָט געבראַכט פאַר אַלע פעלקער וועלכע באַוווינען רוסלאַנד און פאַר די ייִדן בעסויכעם, צו באַפרײַונג פון דעם נאַציאָנאַלן יאָך, האָבן די רעאַקציאָנערע ציוניסטישע פירערס אָנגענומען אַ שאַרף קעגנערישע שטעלונג אין באַצוג צו דער רעוואָלוציע און צו דער ראַטן־רעגירונג. די זעלבע פײַנטלעכע שטעלונג האַלטן זיי אָן אויך ביז הײַנט צו טאָג.

נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָט דער גרעסטער טייל ציוניסטן זיך אָריענטירט אויף ענגלאַנד. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס פּאַלעסטינע איז אַרונטערגעפאַלן אונטער ענגלאַנדס מאַנדאַט. ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, האָבן די ענגלישע קאָלאָניזאַטאָרן פאַרענטפערט זייער אָקופּירן פּאַלעסטינע מיט דער קלוימערשטער שטרעבונג אונטערצושטיצן דאָס שאַפן אין פּאַלעסטינע „אַ ייִדישע נאַציאָנאַלע היים".

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז סײַ דעם מאַנדאַט און סײַ די ייִדישע קאָלאָניזאַציע האָבן די ענגלישע האַנדלס־געזעלשאַפטן געפּרווט אויסצונוצן קעדיי צו פאַרפעסטיקן זיך צום שטאַרקסטן אין פּאַלעסטינע. צוערשט איז אין פּאַלעסטינע אַרײַנגעדרונגען און האָט דאָרט פאַרפעסטיקט איר אײַנפלוס די „אימפּעריאַל קעמיקאַל אינדוסטרים" — אַ פיליאַל פון אַן ענגלישן כעמישן קאָנצערן. נאָך איר האָט פאַרפלאַנצט אירע וואָרצלען אין פּאַלעסטינע אַ צווייטע קאָרפּאָראַציע, די „פּאַלעסטיין עלעקטריק קאָרפּאָריישן". דאַן האָט זיך אין פּאַלעסטינע אָנגעהויבן דער בוי פון ענגלישע כעמישע פאַבריקן.

עס זענען אויפגעבויט געוואָרן דער „פּאַלעסטיין פּאָטאַש", די כייפער נאַפט־רעפינעריע, עס האָבן זיך געגרינדעט פינף בענק, פאַרבונדענע מיט ענגלאַנד און עטלעכע פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן. גרויסע ענגלישע פירמעס זענען אַליץ טיפער און טיפער אַרײַנגעדרונגען אין די נאַפט־געגנטן, אין די אַרומיקע קאָלאָניעס און אין די טעריטאָריעס אונטערן ענגלישן מאַנדאַט. אין די דרײַסיקער יאָרן האָט שוין ענגלאַנד געהאַלטן אין אירע הענט אַלע שליסל־פּאָזיציעס פון דער פּאַלעסטינער עקאָנאָמיק. דאָס האָט פאַרשטאַרקט די לאַגע פון דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם אויפן נאָענטן מיזרעך, און ביז הײַנט

שפּילט דער ענגלישער קאַפּיטאַל גאָר אַ וויכטיקע ראָל אין דער עקאָנאָמיק פון יִשׂראל.

גלײַכצײַטיק איז אפן נאָענטן מיזרעד געוואַקסן דער פאַרביסענער קאָנקורענץ־קאמף צווישן די פאַריייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד. די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן אָנגעפאַנגען אײַנצושטעלן ענגערע פאַרבינדונגען מיט די ציוניסטישע לידערס. די זאַך דערקלערט זיך קוידעם קאָל דערמיט, וואָס דער נאָענטער מיזרעד האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אַ באַדײַטנדיקע ראָל אין דער נאַפט־אינדוסטריע, און דעריבער אויך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס. ווען אין יאָר 1932 האָט געזאָלט רעווידירט ווערן דער ענגלישער מאַנדאַט איבער איראַק, האָט די רעגירונג פון די פאַר. שטאַטן געפאָדערט, אַז קיין שום ענדערונג זאָל ניט געמאַכט ווערן אָן איר צושטימונג. אין וואַשינגטאָן האָט מען זיך געשראָקן, אַז אַ מעגלעכער מאַנעווער מיצאַד ענגלאַנד זאָל ניט מיטהעלפן צו פאַרשטאַרקן ענגלאַנדס לאַגע אין די אַראַבישע לענדער. אַן ענלעכער דעמאַרש איז אויך געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1937, ווען די קעניגלעכע קאָמיסיע האָט איבערגעגעבן צו דער ענגלישער רעגירונג איר באַריכט וועגן פאַלעסטינע, האָט דער אַמעריקאַנער געזאַנדטער אין לאָנדאָן, בינגהיים, דערמאָנט דעם ענגלישן אויסערן מיניסטער אַנטאָני אידען וועגן ענגלאַנדס היסכײַעוועסן זיך צו באַראַטן מיט דער רעגירונג פון די פאַרייניקטע שטאַטן וועגן יעדער מעגלעכער ענדערונג אין פאַלעסטינע, וואָס וועט וואַרשײַנלעך פאָרגעשלאָגן ווערן אין שײַכעס מיטן באַריכט פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע".

די אַקטיוויטעט פון דער אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטיע איז געוואַקסן אין דער זעלבער מאָס, ווי די גרויסע אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָלן האָבן פאַרפעסטיקט זייער אײַנפלוס אין פאַלעסטינע און אויך אין אַנדערע טיילן פון נאָענטן מיזרעד. מיט דער הילף פון אַ סאַך קאָנצערנס, און דעריקער, פון דער אַמעריקאַנער האַנדלס געזעלשאַפט „פּאַלעסטיין עקאָנאָמיק קאָרפּאָריישן", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1926, האָט זיך אַלץ מער אויסגעשפּרייט אין פאַלעסטינע די האַשפּאָע פון די פאַרייניקטע שטאַטן. עס זענען דאָרט געגרינדעט געוואָרן אַ כאָד פיליאַלן פון דער „פּאַלעסטיין עקאָנאָמיק קאָרפּאָריישן" און אויך אַנדערע אָפּצווײַגן פון די אַמעריקאַנער קאָנצערנס. די „פּאַלעסטיין עקאָנאָמיק קאָרפּאָריישן" האָט בּיסלעכווײַז קאָנצענטרירט אין אירע הענט די קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס אין דער פאַלעסטינער אינדוסטריע און האַנדל. באַם רודער פון דעם קאָנצערן איז געשטאַנען דזשאָן ד. ראָקפעלער (יוניאָר) וואָס האָט געאַרבעט צוזאַמען מיטן ניו־יאָרקער באַנק־הויז לימען. איינער פון די שוטפים פון דער באַנק איז געווען האַראָלד זאַלד, אַ ברודער פון ראָבערט זאַלד, וואָס איז געווען דער פירער פון דער ציעניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די פאַרייניקטע שטאַטן. פאַר דירעקטאָר פון דער „פּאַלעסטיין עקאָנאָמיק קאָרפּאָריישן" איז באַשטימט געוואָרן בענדזשאַמין קאָהען, אַ ראַטגעבער פון שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט פון די פאַרייניקטע שטאַטן. ביסלעכווײַז האָט אָנגעהויבן צו געווינען פּאָזיציעס אין פאַלעסטינע אויך אַ צווייטע גרויסע אַמעריקאַנער האַנדלס־געזעלשאַפט „אַמפּאַל" (אַמעריקאַנער פּאַלעסטינער געזעלשאַפט צו פינאַנסירן די פּראָפּ. פּאַוויינישע אונטערנעמונגען).

נאָך דער גרינדונג פֿון מערינאַס יִסראָעל האָבן די אַמעריקאַנער קאַפּי־טאַליסטישע מאָנאָפּאָלן אַ דאַנק די פּאָר זייער גינסטיקע מאָס־מיטלען פֿון יִסראָעלישער רעגירונג, פֿאַרשטאַרקט דעם אימפּאָרט פֿון קאַפּיטאַל אין לאַנד און דערמיט אויסגעשפּרייט אַלץ מער און מער זייער האַשפּאָע אַרויסשטויסנ־דיק דעם ענגלישן קאַפּיטאַל.

שוין אין 1954 האָבן די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן אַרײַנגעלייגט אין דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָר פֿון יִסראָעל אַ גרעסערן בײַלעק ווי אין וועלכן עס איז אַנדערן לאַנד. און ניט אומזיסט האָט דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט א. וו. מעדיל געשריבן אין זײַן בוך „וווּהין גייט יִסראָעל"? דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1956, אַז יִסראָעל שטעלט פֿאָר מיט זיך „איינעם פֿון די הויפּט צענטערס אויף אַרײַנצוציען פֿרישע פּריוואַטע קאַפּיטאַל־אינוועס־טיציעס פֿון די פֿאַר. שטאַטן„. אין 1956 האָט, לויט די דאַטעס פֿון „דזשי דזשוּיש אַגענסי דיידזשעסט אויף פֿרעם ענד איווענטס" (באַנד 11, זײַט 1936) דער צופֿלוס פֿון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל פֿאַרגעשטעלט 56 פּראָצענט און אין 1957 — 73 פּראָצענט פֿון אַלע אַנדערע אויסלענדישע אינוועסטיציעס אין יִסראָעל.

דאָס פֿירט צו נאָך אַ גרעסערער אונטערטעניקייט פֿון דער יִסראָעל־עקאָ־נאָמיק צום אויסלענדישן קאַפּיטאַל.

דאָ ברענגען מיר ציפֿערן וועגן דער באַטייליקונג פֿון דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל אין אַ גרופּע פֿון יִסראָעלס וויכטיקע אינדוסטריעלע אונטערנע־מונגען: (באַם אָנפֿאַנג פֿון 1958־טן יאָר).

| אינדוסטריעס | די צאָל פֿון אונטער־נעמונגען | לאָקאַלער קאַפּיטאַל | אויסלענ־דישער קאַפּיטאַל |
|---|---|---|---|
| | (אין מיליאָנען יִסראָעל־פֿונטן) | | |
| באַשפּײַזונג — — — — — — | 30 | 2,5 | 2,4 |
| קיל־אונטערנעמונגען — — — | 21 | 1,6 | 1,8 |
| טעקסטיל — — — — — — | 36 | 2,2 | 4,0 |
| שנײַדערײַ, שוכוואַרג און לעדער | 12 | 0,6 | 2,1 |
| האָלץ־באַאַרבעטונג — — — — | 11 | 0,6 | 1,9 |
| פּאַפּיר און פּאָליגראַפֿיע — — | 11 | 1,0 | 2,5 |
| מעטאַל־באַאַרבעטונג — — — | 65 | 4,1 | 4,7 |
| מאַשינען־בוי, אויטאָמאָבילן און צודאָטן — — — — — | 17 | 1,0 | 2,3 |
| פּרעציזע מאַכשירים און זייגערס | 11 | 0,3 | 1,2 |
| עלעקטרישע אַרטיקלען און אײַנ־ריכטונגען — — — — — | 26 | 0,9 | 2,2 |

לויט די אונטערנעמונגען — אריינגערעכנט אויך די ווייטערדיקע אינדוסטריעס: מינען, צעמענט, כעמיקאל, פארבן, קאוטשוק, פלאסטיק און אנדערע, וואס נעמען ארום בעסאכאקל 408 איינסן, איז די קאפיטאל־אינוועסטיציע פאנאנדערגעטיילט אף אט דעם אופן: דער יסראעלישער קאפיטאל באשטייט פון 34,7 מיליאן יסראעלישע פונטן און דער אויסלענדישער קאפיטאל (דאס ראוו אמעריקאנער און ענגלישער) 56 מיליאן יסראעלישע פונט.

מיר האבן שוין פריער גערעדט אויספירלעד וועגן די אינטערנאציאנאלע און די אינערלעך־פאליטישע באדינגונגען פון דער שאפונג פון דער יסראעל־מעלוכע, ווי אויך וועגן דער אויסערן־פאליטישער ליניע פון אירע רעגירונגס־קרייזן. מיט דעם אלעמען זענען דאך פארבונדן אויך באשטימטע עקאנאמישע אומשטענדן.

מעדינאס יסראעל איז אנטשטאנען אף דער טעריטאריע פון אן עקאנאמיש אפגעשטאנענעם לאנד. דאס, וואס די עקאנאמיק פון יסראעל איז נים געווען אנטוויקלט, האט שוין גלייך פון אנפאנג געשאפן פאר איר זייער ערנסטע שוועריקייטן, וואס פארגרעסערן זיך נאך מער צוליבן פעלן פון עקאנאמישע פארבינדונגען מיט די ארומיקע לענדער. דאס ארויסיאגן די אראבער, וואס האבן מערסטנס זיך באשעפטיקט מיט אגריקולטור, האט זיך זייער נעגאטיוו אפגעשפיגלט אף דער לאנדווירטשאפט פון לאנד, מען דארף אויך דערביי נעמען אין אכט דאס, וואס די מערהייט אימיגראנטן וואס קומען ארייזן אין יסראעל פון די אייראפעישע לענדער, געהערן לעראוו צו שטאטישע פראפעסיעס. די אימיגראציע וואס די ציעניסטן ארגאניזירן פון אנדערע לענדער, שאפט פאר יסראעל, ווי דאס ווערט אנערקענט דורך אפיציעלע פערזאנען, גרויסע פינאנציעלע שוועריקייטן, ווייל דאס איינארדענען נייע איינוווינער, אפילע מיט דער הילף פון קאנפיסקירן דאס אראבישע האב און גוטס(1) פאדערט גרויסע געלטער.

און כוץ דעם אלעמען, דורך פירן אן אגרעסיווע אויסערן פאליטיק, באשווערן די רעגירונגס־קרייזן פון יסראעל די באפעלקערונג פון לאנד און אין אלגעמיין די גאנצע מעלוכע מיט אומגעהויערע מיליטערישע אויסגאבעס וואס האבן מיט זיך פארגעשטעלט, אפילע לויט אפיציעלע ציפערן 322,5 מיליאן יסראעל־פונט אין משעך פון בודזשעט־יאר 1959-1958, ד. ה. 45 פראצענט פון אלע הויצאעס פון דער מעלוכע.

דאס זענען די הויפט סיבעס פון דעם אלגעמיין באקאנטן פאקט, וואס אין משעך פון די גאנצע עלף יאר פון יסראעלס עקזיסטענץ האט די מעלוכע נים געקענט אויסקומען מיט אייגענע מיטלען און געלעבט בלויז מיט דער הילף פון אויסלענדישע — מערסטנס אמעריקאנער — קרעדיטן, סובסידיעס און נעדאוועס.

---

(1) לויט די דאטעס פון דער „און" האט די יסראעל־רעגירונג קאנפיסקירט די אייגנטומס. וואס געהערן צו די אראבישע פלייטים אף א סומע פון 560 מיליאן דאלאר.

דאס האט געמוזט זיך אפשפיגלען אף דער אויסערן־פאליטיק, ווייל אין דער בורזשואזער געזעלשאפט ווערן געפירט געשעפטן לויטן באוווּסטן קלאל: אף וועמענס געלט מען לעבט, דעם זינגט מען א לידל.

אט די אלע אויבנדערמאנטע אויספירן האבן אין דער יִסראעלישער בורזשואזער פרעסע ארויסגערופן סקעפטישע באמערקונגען לעגאבע די אויטארן פון דעם בוך. וועלן מיר דעריבער ברענגען מער פראטימדיקע סטאטיסטישע דאטעס, גענומענע פון אפיציעלע יִסראעלישע קוועלן. דא ברענגען מיר דאטעס (אין מיליאנען אמעריקאנער דאלארן) וועגן דעם אויסערן־האנדל פון דער יִסראעל־מעלוכע פון 1949 ביז 1957.

| יאר | אימפארט | עקספארט | איבערוואג פון אימפארט לעגאבע דעם עקספארט |
|---|---|---|---|
| 1949 | 253,1 | 29,7 | 223,4 |
| 1950 | 298,8 | 36,9 | 261,9 |
| 1951 | 379,8 | 46,8 | 333,0 |
| 1952 | 321,1 | 44,4 | 276,7 |
| 1953 | 281,2 | 59,7 | 221,5 |
| 1954 | 286,5 | 88,1 | 198,4 |
| 1955 | 325,0 | 90,2 | 234,8 |
| 1956 | 364,0 | 107,2 | 256,8 |
| 1957 | 422,0 | 137,0 | 285,0 |

פון דעם בילד זעט מען אז יִסראעל האט א כראנישן דעפיציט פון דעם באלאנס פון דעם אויסערלעכן האנדל, דורכשניטלעך איבער 250 מיליאן דאלאר א יאר. מיט אנדערע ווערטער הייסט עס, אז מיטן עקספארט איז יִסראעל ניט אימשטאנד צו דעקן דעם קאסט פון די אימפארטירטע סכוירעס. און דערמיט וואקסט יִסראעלס אפהענגיקייט פון די אויסלענדישע פירמעס.

עס וואקסט אז אויך אין יִסראעל א ריזיקער דעפיציט פון צאלונגס־באלאנס. פון 1948 ביז 1956 האט ער פארגעשטעלט מיט זיך דורכשניטלעך 300 מיליאן דאלאר א יאר. אין דעם פינאנץ־יאר 1956־1957 איז דער דעפיציט פון דעם צאלונגס־באלאנס געשטיגן ביז 350 מיליאן דאלאר. פאר אזא קליינעם לאנד ווי יִסראעל איז דאס אן אומגעהויער גרויסע סומע. דערביי ווייזן די ציפערן אז יִסראעל איז געצוווּנגען צו פארקריכן אלץ מער אין כויוועס.

צום 31־טן מאַרץ 1957 (דאָס פינאַנץ־יאָר אין ישׂראל פאַנגט זיך אָן דעם 1־טן אַפּריל) איז דער מטבע־רעזערוו דערגאַנגען ביז 532 מיליאָן דאָלאַר. לעשעם פאַרגלייַך, באַמערקן מיר דאָ, אַז די מטבע־הכנסות פון ישׂראל, אין משך פון 7 יאָר, ד. ה. פון 1949 ביז 19566 זענען באַשטאַנען פון 492 מיליאָן דאָלאַר. בלויז פאַרן בודזשעט־יאָר 1958־1957, ווי דאָס איז מיט גרויס זאָרג באַמערקט געוואָרן אויף דער זיצונג פון קנסת אין פעברואַר 1958, וועט ישׂראל דאַרפן אויסצאָלן צינזן פאַר די כּוֹוועס אַ קיימעלאָן פון 11 מיליאָן ישׂראלישע פונטן.

די אַלע אָנגעגעבענע פאַקטן זאָגן אייַדעס, אַז מדינת ישׂראל לעבט ניט לויט אירע מעגלעכקייטן און ווערט אויסגעהאַלטן דורך אויסלענדישע מאַנאָפּאָלן, אין דער ערשטער ריי דורך די אַמעריקאַנער, כּדי צו דעקן דעם דעפיציט און צוליב אַנדערע צוועקן זענען אויסגעשפּרייט געוואָרן אויף ישׂראל פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דער אַזוי גערופענער „אַמעריקאַנער הילף פאַר שוואַך אַנטוויקלטע לענדער”. אין משך פון אַ ריי יאָרן איז לויט דער מטבע־ליניע גילטיק געווען דער פערטער פּונקט פון טרומאַנס פּראָגראַם, דאָס געזעץ פון יאָר 1951 וועגן דער קעגנזייַטיקער זיכערקייַט, דאָס געזעץ פון יאָר 1954 וועגן פאַרקויף פון דעם איבעריק פון לאַנדווירטשאַפט־לעכע פּראָדוקטן. ביזן יאָר 1957 האָט לויט די דאָזיקע פּראָגראַמען ישׂראל באַקומען 335 מיליאָן דאָלאַר.

אויסער דעם, איז לויט דער ליניע פון „פּראַדזשענט פאָנד” וואָס איז אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע ווערט סובסידירט דורך אַמעריקאַנער קאַפּי־טאַליסטן פון יידישן אָפּשטאַם, און אויך דורך גרויסע מאָנאָפּאָלן, פאַרבונ־דענע מיט די נאַפט־גרובן אויפן נאָענטן מיזרח ביזן יאָר 1957 איז איבערגעגעבן געוואָרן דער ישׂראל־רעגירונג 700 מיליאָן דאָלאַר. גלייַכצייַטיק זענען אָנגע־נומען געוואָרן מיטלען כּדי צו פאַרשפּרייטן אין די פאַר. שט. ספּעציעלע ישׂראל־הלוואָעס. לויט די ידיעות פון דעם זשורנאַל „ישׂראל אויקלי”, פון פעברואַר 1957, איז אַזאַ הלוואָע געוואָרן רעאַליזירט אויף 320 מיליאָן דאָלאַר.

אין שייַכות מיט די צען יאָר־פייַערונגען אין ישׂראל, האָט מען אָפּגע־מערקט מיט גרויס פרייד, אַז פאַר די יאָרן פון ישׂראלס עקזיסטענץ האָבן די אַמעריקאַנער שטייַער־צאָלערס, הלוואָה־געבערס און אָפּאָטראָפּסים אויס־געגעבן אויף ישׂראל 3,5 מיליאַרד דאָלאַר(1). די קאַפּיטאַלן זענען אַוועק, אויסער אויף צו דעקן דעם דעפיציט, מערסטנס אויף די מיליטערישע באַווייזונגען, אָבער אויך טיילווייַז זענען זיי געוואָרן אַרייַנגעלייגט אין דער עקאָנאָמיק.

וואָס מער עס וואַקסן די אַמעריקאַנער אינוועסטיציעס אין ישׂראל, אַלץ אָפּענער ווערט דאָס באַלעבאַטעווען פון די אַמעריקאַנישע מאָנאָפּאָלן און אַלץ גרעסער ווערט די אָפּהענגיקייַט פון דער ישׂראלישער עקאָנאָמיק

(1) לעשעם פאַרגלייַך איז כּדאַי אָנצומערקן, אַז אַלע אַראַבישע לענדער לעגאַבע וועלכע די אַמעריקאַנער רעגירונגס־קרייזן זינגען וועגן זייער ניט־פאַרינטערעסירטער ליבע, האָט איז דעם פעריאָד פון אַכט יאָר (פון 1948 ביז 1955) באַקומען 163 מיליאָן דאָלאַר. (זע דהי מידל איסט אין וואָרלד אַפּפערס” פון ג. לענקצאַוווסקי, ניו יאָרק 1957, זייַט 356).

און פאליטיק פון די פאר. שט. די דאזיקע אפהענגיקייט איז „באפעסטיקט" געווארן און „פארגעזעצלעכט" דורך די געהעריקע דאקומענטן. נאך אין יאר 1951 איז אונטערגעשריבן געווארן צווישן די פאר. שט. און יִיסראעל אן אפמאך „וועגן פריינטשאפט, האנדל און נאוויגאציע" וואס אין זיין פרעאמבל ווערט אנגעוויזן, אז די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע באקומען ניט־פארפיקסירטע רעכט און פריווילעגיעס אין די ספערעס פון דער עקאנאמישער און קולטורעלער טעטיקייט. נאכן אונטערכאסמענען דעם דאזיקן פארשקלאפונגס־אפמאך, זענען די איינצלנע אמעריקאנער ראטגעבערס פארביטן געווארן אף א גרויסער אמעריקאנער מיסיע, וואס ווירקט אפן אנטשיידנסטן אויפן אף אלע אספעקטן פון לעבן פון דער יִיסראעל־מעלוכע. אין דער ספערע פון דער אמעריקאנער מיסיע געפינען זיך ניט בלויז די עקאנאמיק און די פינאנסן, נאר אויך די קולטור און די ארמיי. לויט די דאטעס פון דער צייטונג „דזשערוזאלעם פאסט" פון 27־טן מארץ 1959, געפינען זיך אין יִיסראעל איבער 200 ספעציאליסטן וואס ארבעטן ווי ראטגעבערס אין א סאך מיניסטעריומס און אויך ווי קאנסולטאנטן אין גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

די פאר. שטאט. האבן פארפלייצט דאס לאנד מיט אפטיילונגען פון זייערע טרוסטן און פירמעס, פיליאל־אונטערנעמונגען, אגענטורן. אין אלגעמיין איז יִיסראעל ארייַנגעפאלן אין עקאנאמישער אפהענגיקייט פון אזעלכע טרוסטן און מאנאפאלן ווי „קון לעב ענד קא", די באסטאנער פינאנץ־גרופע, די מולטימיליאנערן מעללאן און אנדערע אמעריקאנער מאנאפאלן וואס ווירקן אנטשיידן אף יִיסראעלס אויסערן און אינערן פאליטיק. די פאר. שטאט. פירן דורך זייער ארייַנדרינגונג אין יִיסראעל ניט נאר דירעקט, נייערט אויך דורך הינטערוועגן. צו דעם צוועק נוצן זיי אויס זייערע יִינגערע שותפים פון די אגרעסיווע בלאקן. מיט דער דירעקטער הילף פון די פאר. שט. איז דורכגעפירט געווארן די אריינדרינגונג פון מייַרעוו־דייַטשע מאנאפאלן אין יִיסראעל. אין יאר 1952 האבן די פאר. שט. מיטגעווירקט דורך קאלערליי מיטלען, עס זאל אונטערגעשריבן ווערן אן אפמאך צווישן דער דייַטשער פעדעראלער רעפובליק און יִיסראעל. לויט יענעם אפמאך האט זיך די דייַטשע פעדעראלע רעפובליק פארפליכטעט אויסצוצאלן צו יִיסראעל, אין משך פון 12 יאר, 841 מיליאן דאלאר, ווי א פארגיטיקונג פאר די שאדנס וואס יידן האבן געליטן פון היטלער־דייַטשלאנד אין דער צייַט פון דער צווייטער וועלט־מילכאמע. יִיסראעל האט שוין באקומען קימאט א העלפט פון דער סומע. פארשטייט זיך, אז די געלטער ווערן ניט פארנוצט אף די באדערפענישן פון די ארבעטער, נייַערט זיי דינען אף צו באריַיכערן די יִיסראעל־בורזשואזיע און העלפן דער פארפעסטיקונג אין לאנד פון די אמעריקאנער און מייַרעוו־דייַטשע מאנאפאלן.

די אפהענגיקייַט לעגאבע די קאפיטאליסטישע פאראייניקטע שטאטן וועלכע זענען גאר ניט פארינטערעסירט אין דער אינדוסטריעלער אנטוויקלונג פון אנדערע לענדער, יִיסראעל בעסויכעם, נאר פונקט פארקערט, וואס פארפלייצן די לענדער מיט זייערע פארלעגענע סכוירעס, האט דערפירט דערצו,

אַז אין ישׂראל איז קימאַט ניטאָ קיין אינדוסטריע פון פּראָדוציר־מיטלען. ישׂראל פאַרמאָגט הויפּטזעכלעך אַ לייכטע אינדוסטריע, וואָס איז אָפּהענגיק פון אַמעריקאַנער רוי־שטאָפן און אויך מאָנטיר־אונטערנעמונגען, וועלכע זענען נאָך אָפּהענגיקער פון האַלב־פאַבריקאַטן וואָס קומען מעייווער דעם יאָם. צווישן אַנדערס באַדייט עס, אַז אויב די האַלב־פאַבריקאַטן וועלן ניט אָנקומען פון די פאַר. שט. קענען אין יעדן מאָמענט שטיין פאַר אַ געפאַר פון באַנקראָט ניט בלויז אייניקע אונטערנעמונגען, נאָר אויך גאַנצע צווייגן פון דער ישׂראל־עקאָנאָמיק און צענדליקער טויזנטער אַרבעטער קענען אָנפילן די רייען פון אַרבעטסלאָזע.

ס'איז קיין בידעש ניט, וואָס די ישׂראלישע רעגירונגס־קרייזן האָבן געשטעלט ווי אַ פאַרגיטיקונג, די אַרבעט פון אַ סאַך ישׂראלישע וויסנשאַפטסלייט צו דינסט פון דער נאָרד אַמעריקאַנער אַגרעסיווער פּאָליטיק. דעם 20־טן מאַרץ 1959 האָט דער ראַטגעבער פון דער אַמעריקאַנער געזאַנדשאַפט פ. פּאַטלער, געמאָלדן אין דעם אינדוסטריעלן האַנדלס־קלוב אין טעל־אָוויוו, אַז די „אַמעריקאַנער באַוואָפנטע קויכעס באַנוצן זיך מיט דער הילף פון די ישׂראלישע וויסנשאַפטסלייט" (די צייטונג „כערוט" פון 22־טן מאַרץ 1959). דעם 27־טן יאַנואַר 1959 האָט די צייטונג „דאַוואַר" געשריבן אַז די געלערנטע פון ביימפער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט פירן דורך אַרבעטן, פאַרבונדענע מיט פאַרשנעלערן דאָס פליען פון ראַקעטעס און אַעראָפּלאַנען. לויט דער אויפגאַבע פון די מיליטערישע קרייזן פון די פאַר. שט. אַרבעטן ישׂראלישע געלערנטע באַם שטודירן די אַטאָמישע ענערגיע, באַ דער שאַפונג פון רעכן־און קאַלקו־לאַציע־מאַשינען און באַ אַנדערע פּראָבלעמען, ווי אַ פּויעל־יוצע פון דער מאַטעריעלער אָפּהענגיקייט לעגאַבע די פאַר. שט. זענען די ישׂראלישע וויסנ־שאַפטלעך־פאַרשערישע אינסטיטוטן און לאַבאָראַטאָריעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָפּטיילונגען פון די אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלעכע צענטערס און אַנ־שטאַלטן, אָפּהענגיק פון די ראָקפעלער־און פאָרד־פאָנדן און אַנדערע.

די אָריענטאַציע פון די רעגירונגס־קרייזן פון ישׂראל לעגאַבע די אויס־לענדישע קרעדיטן און נעדאָוועס איז גאַנץ בוילעט. די אויסערן מיניסטאָרן ג. מייער האָט אָנגערופן די קריטיק פון דער דאָזיקער פּאָליטיק „דעמאַגאָגיע". פונדעסטוועגן איז עם די אַכילעס־פּיאַטע פון דער ישׂראל עקאָנאָמיק. ניט אומ־זיסט האָט אַרויסגערופן אין ישׂראל אַזאַ שטורמישע און קימאַט פּאַנישע רעאַקציע דער באַשלוס פון דער נאָרד אַמעריקאַנער רעגירונג אָפּצושטעלן פון יוני 1960 די אומזיסטע שטיצע פאַר ישׂראל און באַגרענעצן זיך בלויז מיט פאַרקויף פון די אַגריקולטורע איבערבלייבן און געבן קרעדיטן דורך דעם פאָנד פון אַנטוויקלונגס־האַלוואָעס. אין שייכעס דערמיט האָט דעם 7־טן אַפּריל געשריבן די צייטונג „דאַוואַר", אַז דער באַשלוס פון דער נאָרד אַמעריקאַנער רעגירונג ווערט אָפּגעשאַצט אין ישׂראל, אַלס „אַן אָנזאָג פון אַ געוויסן איבער־בראָך אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק אין אונדזער זאָנע בכלל און בנוגע ישׂראל בפרט". דעם זין פון אַזאַ איבערבראָך זעט די צייטונג דערין, וואָס „וואַשינגטאָן האָט באַשלאָסן צו שפּילן אויף אַלע פערד פון דעם נאָענטן מיזרעך".

דאָס אַלץ קלערט גאַנץ גענוי אויף די סיבע, פאַרוואָס די רעגירונגס־רעדער אין ישׂראל דרייען זיך אין דער אונטערשטער שורע לויטן פּאַרלאַנג פון די גרויסע אויסלענדישע מאָנאָפּאָלן, און קודעם־כּל פון די אַמעריקאַנער, און פון די פירנדיקע קרייזן פון די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן, וואָס דריקן אויס דעם ווילן פון די דאָזיקע מאָנאָפּאָלן.

פאַרשטייט זיך, אַז ניט די פּאַרייניקטע שטאַטן און ניט די אַנדערע אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס וואָלטן ניט געקענט באַלעבאַטעווען אין ישׂראל, ווען זיי וואָלטן ניט געווען ענג פאַרבונדן מיט די אָנפירנדיקע ציוניסטישע פּאַרטייען.

די דורכפירערס פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק אין ישׂראל זענען די ציוניסטישע פּאַרטייען וואָס זענען פאַרטראַטן אין דער רעגירונגס־קאָאַליציע. די הויפּט־ראָל צווישן זיי שפּילט די אָנפירנדיקע פּאַרטיי מאַפּאַי, וואָס אין איר שפּיץ שטייט דער פּרעמיער־מיניסטער בען־גוריאָן.

מאַפּאַי (מיפלאָגעט פּאָלײ ערעץ ישׂראל), וואָס באַדייט „די פּאַלעסטינער אַרבעטער־פּאַרטיי" איז די גרעסטע פּאָליטישע פּאַרטיי אין לאַנד. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1930 דורך דער פאַראייניקונג פון „האַפּועל האַצאַיר און אַ טייל פון „אַכדוט האַאַוואָדאַ". אַ כּוץ איר ספּעציפישער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע אונטערשיידט זי זיך ניט וועגן קיין האָר פון די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, און האָט ברייט באַנוצט די מעטאָדן פון אָפּציען די אַרבעטער פון דעם קלאַסנקאַמף, פון אַרונטעררייסן שטרייקן און האַכנאָעדיק קניען פאַר דער בורזשואַזיע, סײַ פאַר דער ייִדישער און סײַ פאַר די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער. אין דעם ערשטן פּעריאָד פון מאַפּאַיס עקזיסטענץ איז די פּאַרטיי געווען ענג פאַרבונדן מיט דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי. איצט טרעט אַרויס מאַפּאַי, ווי עס באַטאָנט די ישׂראלישע פּראָגרעסיווע פּרעסע, לויט אַמעריקאַנערס אײַצע, פאַר אַ פּאָליטיק פון אַ פעסטער האַנט לעגאַבע די אַראַבער. לויטן טײַטל פון די געלע נאָרד אַמעריקאַנער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן די מאַפּאַישע פירערס אָפּגעשפּאָלטן די היסטאַדרוט (ד. ה. די ישׂראלישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען) פון דער אַלוועלטלעכער פעדעראַציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

דאָס גופע, וואָס דאָווקע בען־גוריאָנס רעגירונג איז אַרויסגעטראָטן ווי דער איניציאַטאָר פון דער אַגרעסיע קעגן עגיפּטן און פון אײַנשליסן ישׂראל אין די „דאַללעס־דאָקטרין" זאָגט אײדעס אַז מאַפּאַי איז דער דורכפירער פון דער פּאָליטיק פון די רעאַקציאָנערסטע קאָלאָניאַליסטן און דינט ווי אַ געווער אין די הענט פון אינטערנאַציאָנאַלן אימפּעריאַליזם.

צווישן די איבעריקע פּאַרטייען שפּילט אַ באַדײַטנדיקע ראָל אין לאַנד מאַפּאַם (מיפלאָגעט האַפּויאַלים האַמעוכעדעט — די פאַראייניקטע אַרבעטער פּאַרטיי), וואָס גייט אַרײַן אין דער רעגירונגס־קאָאַליציע. לעהייפּעך צום מאַפּאַי, רעכנט זיך נאָך אַד האַיאָם מאַפּאַם פאַר אַ „מאַרקסיסטישער" פּאַרטיי. מאַפּאַם איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1948 פון דער פאַראייניקונג פון צוויי לינקע ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען: „האַשאָמער האַצאַיר" (יונגער היטער) און אַ טייל פון „אַכדוט האַאַוואָדאַ" (אַרבעטס־פאַראייניקונג).

די ציוניסטישע פּאַרטיי „האַשאָמער האַצאַיר" איז געשאַפֿן געוואָרן פֿון דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, מיט דעם זעלבן נאָמען, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין פּוילן און אין עסטרייך אין יאָר 1913. נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָבן די מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי אָנגעפֿאַנגען זייער טעטיקייט אין פּאַלעסטינע. אין דעם מאַנדאַטן־פּעריאָד האָט דער „האַשאָמער האַצאַיר" אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט די ענגלענדער אין קאַמף קעגן די ייִדן קאָמוניסטן. אין יאָר 1953 האָט זיך פֿון מאַפּאַם אָפּגעשפּאָלטן אַ גרופּע לינקע פּאַרטיי־מיטגלידער מיט מ. סנע בעראָש. אויף דער באַזע פֿון אָט דער גרופּע איז געשאַפֿן געוואָרן די ייִזראַעלישע לינק־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך שפּעטער איינגעגלידערט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ייִסראָעל.

וועגן דער פּאָליטישער ליניע פֿון מאַפּאַם זאָגן איידעס די ווייטערדיקע פֿאַקטן: מיט ווערטער טרעט ארויס די מאַפּאַם־אָנפֿירערשאַפֿט פֿאַר נייטראַליטעט פֿון ייִסראָעל, אָבער דאָס איז בלויז אַ פּוסטע פֿראַזע. ערעוו דער מילכאָמע פֿון ייִסראָעל מיט עגיפּטן, האָבן די מאַפּאַם־מיטגלידער, וואָס זענען מיניסטאָרן אין בען־גוריאָנס רעגירונג, געשטימט קעגן דער מילכאָמע, אָבער ווען די ייִסראָעל־אַרמיי האָט באַזעצט דעם סיניי־האַלב־אינדזל, איז מאַפּאַם די ערשטע אַרויסגעטראָטן קעגן דעם צוריקציִר פֿון ייִסראָעל־מיליטער פֿון דער עגיפּטישער טעריטאָריע. ערעוו דער איינשליסונג פֿון ייִסראָעל צו דער „דאַלעס־דאָקטרין" איז מאַפּאַם אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, אָבער אין פּאַרלאַמענט האָט מאַפּאַם זיך אָפּגעהאַלטן פֿון שטימען.

אַ פֿשאָרעסדיקע און אומקאָנסעקווענטע איז אויך די פּאָזיציע פֿון מאַפּאַם אין די אינערלעכע פֿראַגעס. האָגאַם לעהייפֿעך צום מאַפּאַי טרעט אַרויס מאַפּאַם אין די אינערלעכע ענינים מיט פֿאָדערונגען פֿון „גלייכבערעכטיקונג" לעגאַבע דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג, טראָגן אָבער די פֿאָדערונגען אין גרונט בלויז אַ דעקלאַראַטיוון כאַראַקטער. אָביעקטיוו העלפֿט צו מאַפּאַם׳ס קיבוצים (קאָאָפּעראַטיוון) זענען אויפֿגעשטעלט אויף דער ערד וואָס איז קאָנפֿיסקירט געוואָרן בײַ די אַראַבער, דער רעגירונגס־פּאַרטיי דורכצופֿירן אַ פּאָליטיק פֿון דיסקרימינאַציע לעגאַבע דער אַראַבישער מינדערהייט.

ניט מער מאַרקסיסטיש איז אויך די פּאַרטיי „אַכדות האַאַוואָדאַ" וואָס האָט איבערגעלעבט עטלעכע קריזיסן און שפּאַלטונגען. דאָס איז אַ לינק־ציוניסטישע קליינבירגערלעכע פּאַרטיי פֿון רעוויזיאָניסטישן(1) כאַראַקטער.

די פּאַרטיי „אַכדות האַאַוואָדאַ" איז געשאַפֿן געוואָרן אין יאָר 1946 פֿון דער פֿאַרייניקונג פֿון צוויי פּאַרטייען: „האַטנואַ לעאַכדות האַאַוואָדאַ" (די באַוועגונג פֿאַר אַרבעטס־פֿאַרייניקונג) און „פּאָאַלע ציאָן סמאָל" (לינקע אַרבעטער פֿון ציען).

„האַטנואַ לעאַכדות האַאַוואָדאַ" איז ביזן יאָר 1944 געווען אַ לינקער פֿליגל פֿון מאַפּאַי, שפּעטער האָט זי זיך אָפּגעטיילט פֿון מאַפּאַי און געוואָרן

(1) אין מאַרקסיסטישן זין. (באַמ. פֿון איבערזעצער).

א זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיי. די פּאַרטיי „פּאָלע ציאָן סמאָל“ איז די קלענסטע פון די לינקע ציעניסטישע פּאַרטייען. אין יאָר 1948 האָט זיך „אַכדוט האַאַוואָדאַ“ פאַראייניקט מיטן מאַפּאַם, און אין יאָר 1954 זיך אָפּגעשפּאָלטן און פון דאַן אָן איז זי זעלבסטשטענדיק. פּונקט ווי מאַפּאַם, פּרעדיקט אַכדוט האַאַוואָדאַ דעם ציעניסטישן סאָציאַליזם און שטענדיק טרעט זי אַרויס שטיצנדיק די אַגרעסיווע פּאָליטיק פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי. אויפן קאָנגרעס פון דער פּאַרטיי „אַכדוט האַאַוואָדאַ“, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאַרץ 1958, האָבן די פּאַרטיי טוערס אָנערקענט די אידעע פון קאָעקזיסטענץ פון מעלוכעס מיט פאַרשיידענע סאָציאַלע סיסטעמען, אָבער גלײַכצײַטיק זענען זיי אַרויס מיט שאַרפע רעכילעסדיקע אָנפאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד. ניט קאָנסעקווענט איז אויך די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין דער אַראַבישער פראַגע. פאָרמעל פאָדערט זי אָפּצושאַפן דעם מיליטערישן רעזשים אין די אַראַבישע געגנטן פון יִשׂראל, אָבער אין דער ווירקלעכקײַט מאַכט זי ניט קיין איינציקן שריט, דער איניען זאָל דערלייזיקט ווערן.

די גרעסטע בורזשואַזע פּאַרטיי אין יִשׂראל איז די פּאַרטיי פון אַלגעמיינע ציעניסטן („האַציאָנים האַקלאַלים“). די פּאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1922. אין משך פון לאַנגע יאָרן איז די פּאַרטיי פון די אַלגעמיינע ציעניסטן געווען צעטיילט אויף צוויי סעפּאַראַטע גרופּעס, אָבער אין יאָר 1936 איז פאָרגעקומען זייער פאַראייניקונג. די לינקע גרופּע פון דער פּאַרטיי האָט פאַרטראָטן די אינטערעסן פון די אַזוי גערופענע ליבעראַלע קאַפּיטאַליסטן און דאָס קלײנבירגערטום און האָט געשטיצט די היסטאַדרוט. די רעכטע גרופּע פון דער פּאַרטיי האָט פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די מער רעאַקציאָנערע קרײַזן, וואָס זענען אַרויסגעטראָטן פאַר „דער פרײַהייט פון פּריוואַטער איניציאַטיוו“. די גרופּע איז ענג פאַרבונדן מיטן פאַרבאַנד פון די גרויסע אינדוסטריאַלן, מיט די רײַכע הויז־אייגנטימער און באַלעבאַטים פון די ציטרוס־פּלאַנטאַציעס. אין יאָר 1948 איז אין דער פּאַרטיי פון די אַלגעמיינע ציעניסטן פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג. ס׳איז פון איר אַרויסגעטראָטן די לינקע גרופּירונג און די איבערגעבליבענע האָבן באַקומען מער רעאַקציאָנערע עלעמענטן.

וואָס שײַעך דער אינערן פּאָליטיק פאָדערן די „אַלגעמיינע ציעניסטן“ גרעסערע פּריווילעגיעס פאַרן פּריוואַטן גרויס־קאַפּיטאַל און מער פרײַהייט פאַר דער פּריוואַטער איניציאַטיוו. דאָס איז אַ טיפּישע פּראָ־אַמעריקאַנישע פּאַרטיי, וואָס פאַרמאָגט אירע אָפּטיילונגען אין מײַרעוו־אייראָפּע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. די יִדישע בורזשואַזיע פון די לענדער פינאַנסירט מיט אַ ברייטער האַנט די טעטיקײַט פון די אַלגעמיינע ציעניסטן.

קיין איינע פון די אויבנדערמאָנטע פּאַרטייען שפּיגלט ניט אָפּ די אינטערעסן פון די יִשׂראלישע אַרבעטער־מאַסן. לויט זייער אידעיִשער ריכטונג פאַרטיידיקן זיי די אינטערעסן פון די בורזשואַזע און די קלײנבירגערלעכע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

כאָטש די פּאַרטייען פון דער רעגירונגס־קאָאַליציע, דינט אויך פאַר אַן אָנשפּאַר פון דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אין יִשׂראל, די פּאַרטיי

„כיירוט״ („טנואט האכערוט״—באפרייונגס־באוועגונג).

„כיירוט״ איז געשאפן געווארן אין יאר 1948 פון דעם עקסטרעם רעכטן פליגל פון דער ציעניסטישער באוועגונג. די אולטרא־רעאקציאנערקייט פון אירע אנשווייונגען רופן ניט ארויס בא קיינעם קיין ספייקעס, און אייניקע ציעניסטן האבן אפילו באטראכט די ניי־געבוירענע פארטיי פאר א פאשיסטי־שער, און אזא אפשאצונג ווערט פולשטענדיק באשטעטיקט דורך איר טעטיקייט.

„כיירוט״, האט אומקאנדיציאנעל פארטיידיקט די אינטערעסן פון דער קאמפראדארישער און פון דער אויסלענדישער בורזשואזיע. דער אמאליקער פירער פון דער פארטיי, זשאבאטינסקי, פלעגט דערקלערן, לעמאשל, אז שטרייקן מוזן דערקלערט ווערן ווי „אקטן פון פאראט און מוזן צוליב ציעניס־טישע אינטערעסן דערשטיקט ווערן מיט אלע מיטלען״. די יוגנט־ארגאניזא־ציעס פון כיירוט און אירע מיליטערישע קעמערלעד, האבן אכזאריעסדיק פארפאלגט די ארבעטער, זענען איבערגעפאלן ארבעטער־קלובן, פלעגן מיימעסן שטרייקערס. די קעפ פון „כיירוט״ האבן זיך אזוי ווייט דערקייקלט, אז זיי האבן זיך פראקלאמירט „אלס פיאנערן מון קאמף קעגן סאציאליזם, מארקסיזם און קאמוניזם״. דער פארטיי־לידער, מ. בעגין, האט זיך אויסגעדריקט: „צען יאר זוכן מיר א יידישן מוסאליני, העלפט אים אונדז צו געפינען. מוסאליני איז א מענטש, וועלכער האט געראטעוועט די מענטשהייט פון קאמוניזם״.

בעגין טרעט טאמיד ארויס פאר א פאליטיק פון פארפאלגן די אראבער. אין זיין ביכל „דער אויפשטאנד—די געשיכטע פון אירגון צווי לעומי״, וואס איז ארויסגעגעבן געווארן אין ניו יארק אין 1951 אין העברי שומאנס פארלאג, בארימט זיך דער הויפט פירער פון „כיירוט״ מיט דער ווילדער שכיטע, וועלכע איז דורכגעפירט געווארן דורך זיין טעראריסטישער ארגאניזאציע. „מיר״ — שרייבט ער — „האבן פארזייט א גוואלדיקע פאניק צווישן 635 טויזנט ארא־בער. די פאליטישע און עקאנאמישע באדייטונג פון אזא געשעעניש קען קוים איבערגעשאצט ווערן״. איינער פון די מיטגלידער פון צענטראל קאמיטעט פון „כיירוט״, אלטמאן, האט דערקלערט אפ׳ צענטן צוזאמענפאר פון דער פארטיי אין יאר 1954: „מיר מוזן דערווייזן פאר דער גארער וועלט, אז מיר זענען די עקסטרעמע אנטיקאמוניסטישע באוועגונג, און מיר באזיצן די קלארסטע פרא־מייערוו־אריענטאציע״.

כאראקטעריסטיש איז אויך, אז אט די פרא־אמעריקאנער פארטיי איז געווען פון די אנרעגערס פון דעם איבערפאל אף עגיפטן. אין מיטן אקטאבער 1956 האט בען־גוריאן געפאדערט אף א זיצונג פון דער קנעסעט, אז יסראעל זאל אנהייבן א פרעווענטיווע מילכאמע קעגן די אראבער. אין דעם פאל, ווי אויך אגעוו אין א סאך אנדערע איניאנים, איז די רעגירונגס־פארטיי „מאפאי״ געווען פולשטענדיק איינין מיט „כיירוט״.

די פאליטיק פון „כיירוט״ רופט ארויס שוין פון לאנג אן אן אויפרעגונג צווישן דער יסראעלישער געזעלשאפטלעכקייט, ווי אויך צווישן די פראגרעסיווע פארשטייער פון יידישן פאלק אין אלע לענדער. דער וועלט בארימטער וויסנ־שאפטסמאן אלבערט איינשטיין האט אין זיין צייט באטיטלט די פארטיי, אלס א ׳געמיש פון אולטרא־נאציאנאליזם, רעליגיעזן מיסטיציזם און ראסן־סופע־

ריאַריטעט״. מיט ענלעכע אַרויסזאָגונגען איז אויך אַרויסגעטראָטן פּראָפעסאָר סידניי הוק.

ס'איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַ דאַנק דער שטיצע פון בען־גוריאָנס רעגירונג און מיט דער הילף פון די אַמעריקאַנער סובסידיעס, וואָס באַטרעפן לויט אָפיציעלע דאַטעס 200 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר, באַקומט כּירוטס טעטיקייט אין ישׂראל אַן אַלץ ברייטערן פאַרנעם.

די שטייגנדיקע אָפּהענגיקייט פון ישׂראלס אויסערן־פּאָליטיק לענגאַבע דער פּאָליטיק פון די גרויסע קאָלאָניאַלע מעלוכעס, ווי די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך, וואָס זענען פאַרינטערעסירט אַנצוהאַלטן אַ פּערמאַנענטע אָנגעצויגנקייט אויפן נאָענטן און מיטעלן מיזרעך, איז די הויפּט סיבה פון דער אַגרעסיווקייט פון בען־גוריאָנס קורס. ווי דאָס האָט מיט רעכט דערקלערט נ. ס. כרושטשאָוו, איז ישׂראל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטעקן פון דער אימפּעריאַליסטישער רעאַקציע אויפן נאָענטן מיזרעך.

אַלע פאַקטן ווײַזן, אַז ניט דער אַראַביש־ישׂראלישער קאָנפליקט, נאָר דאָווקע די שטרעבונג פון די אימפּעריאַליסטן צוריקצושטעלן די קאָלאָניאַלע הערשאַפט אויפן נאָענטן מיזרעך, איז די הויפּט סיבה פון דער הערשנדיקער שפּאַנונג.

„מיר גלויבן — האָט געזאָגט נ. ס. כרושטשאָוו אין זײַן שמועס מיטן רעדאַקטאָר פון דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון דער ענגלישער צײַטונג „טיימס״, הער א. מאַקדאָנאַלד — „אַז ווען די גרויסמאַכטן זאָלן זיך ניט אַרײַנמישן, וואָלטן די אַראַבישע לענדער און ישׂראל גאָר גיך דערגרייכט אַ פאַרשטענדיקונג צווישן זיך און זיי וואָלטן זיך צונויפגעשמועסט וועגן זייערע קעגנזײַטיקע באַציִונגען. דאָס וואָלט מיטגעווירקט צו דער דערגרייכונג פון אַ פּאַציפיקאַציע אין יענער געגנט און וואָלט געהאָלפן צו געפינען אַ וועג קעדיי אַ סאָף צו מאַכן צו דער אָנגעשטרענגטער לאַגע, וואָס הערשט דאָרט איצט״. („פּראַוודאַ״, 16־טער פעברואַר 1958).

## די אינערלעכע לאַגע אין לאַנד

ווי מיר האָבן שוין אָנגעמערקט, האָט די אַגרעסיווע אויסערן־פּאָליטיק פון די רעגירונגס־קרייזן פון ישׂראל, וואָס שטייט צו דינסט פון די קאָלאָניאַלע אינטערעסן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרייך, דערפירט דאָס לאַנד צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער איזאָלאַציע, געמאַכט דאָס לאַנד פאַר אַ געווער און פאַר אַן אויסטויש־מאַטבייע אין די הענט פון די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס. דאָס רופט זיך זייער שווער אָפּ אויף דער גאַנצער לאַגע פון דער באַפעלקערונג פון לאַנד, ווײַל אַ רעגירונג, וואָס פירט פאַרן פאָלק אַ פרעמדע אויסערן פּאָליטיק, קען ניט פאַרזיכערן אַ רויִקן לעבן פאַר אירע בירגער און אײַנפלאַנצן אין זיי דעם גלויבן אין דער זיכערקייט פון זייער צוקונפט. פאַרקערט, אַזאַ רעגירונגס־פּאָליטיק רופט מיט רעכט אַרויס בײַ די אַרבעטער אַ שטאַרקן אומצופרידנקייט וועגן מאָרגנדיקן טאָג, און וועגן גורל פון זייערע קינדער.

עס איז ניטאָ קיין צווייפל, אַז די אויסערן פּאָליטיק פון ישׂראל איז אַ העמשעך פון דער אינערן־פּאָליטיק, וואָס ווערט רעאַליזירט דורך די בורזשואַזע רעגירונגס־פּאַרטייען.

גוט באַצאָלטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַרשפּרייטן אין אייניקע לענדער פון בורזשואַזן מיזרעח אַ לעגענדע, אַז מעדינאַס ישׂראל איז דער „צענטער פון דעמאָקראַטיע" אויפן נאָענטן מיזרעך, און אַז זי איז „אַ אינדזל פון מיזרעח־דיקן לעבנס־ניוואָ צווישן יאַם פון די אָפּגעשטאַנענע אַראַבישע מעלוכעס".

אַזעלכע באַהויפּטונגען קענען בלויז אַרויסרופן דערשטוינונג, וואָרעם אין דער ווירקלעכקייט, ווי מיר האָבן דאָס שוין פריער דערוויזן, שפּילט גאָר ניט ישׂראל אויפן נאָענטן מיזרעך די ראָל פון אַ „דעמאָקראַטישן צענטער", נאָר זי פירט אויס אַ פונקציע וואָס איז גאָר ניט אין איינקלאַנג מיט דעמאָקראַטיע, די פונקציע פון אַן אַנשפּאַר־באַזע פאַר די קאָלאָניאַלע מעלוכעס.

וואָס זשע שטעלט מיט זיך פאָר מעדינאַס ישׂראל, לויט איר אינערלעכער סטרוקטור?

ישׂראל איז אַ בורזשואַזע מעלוכע. די אַנטגילטיקע ראָל סיי אין פּאָליטישן, סיי אין עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד, שפּילט דער קלאַס פון דער בורזשואַזיע. די פּריוואַט קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע גיט אַרויס אומגעפער 80 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אין לאַנד, און דערביי האָט דאָרט אַ גרויסע האַשפּאָע ווי מיר האָבן שוין געזען, דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך דאָס, וואָס אַ סאַך פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטן וווינען אין אויסלאַנד און אין ישׂראל געפינען זיך זייערע פאַרטרויונגס־מענטשן וואָס פאַרוואַלטן מיט זייערע אונטערנעמונגען, פּלאַנטאַציעס און אַנדערע אייגנטומס.

אין 1958 האָט די צאָל פון אַרבעטער אין ישׂראל באַטראָפן 160 טויזנט מאַן אין דער אינדוסטריע און 92 טויזנט מאַן אין דער לאַנדווירטשאַפט.

ישׂראל פאַרמאָגט בעסאַכאַקל אַרום 80 טויזנט קליינע פּערמערס, אַזאַ קליינע צאָל דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די ייִדן פון די אייראָפּעיִשע און אַמעריקאַנער לענדער, פון וועלכע זיי האָבן אויסגעוואַנדערט קיין ישׂראל, האָבן זיך מיט לאַנדווירטשאַפט קיינמאָל ניט באַשעפטיקט, און די אַנשטרענגונגען פון דער ישׂראלדיקער מאַכט צו סטימולירן דעם איבערגאַנג פון שטאָטישע מענטשן אין דאָרף האָבן זיך ווייניק איינגעגעבן. אַפילע די מאַראָקאַנער ייִדן, וואָס די ייִדישע אַגענץ באַזעצט זיי אין לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, זענען אָפט געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון די דערפער אין די שטעט אַריין צוליב דעם שלעכטן מאַצעוו אין וועלכן עס געפינען זיך די ישׂראלישע פּאַרמערס.

אין ישׂראל פאַרנעמען, לויט דער צאָל, זייער אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ די קליינע האַנטווערקער און קליינהענדלער.

לויט דער פּאָליטישער סטרוקטור איז ישׂראל אַ בורזשואַזע רעפּובליק. דער פּרעזידענט ווערט אויסגעוויילט דורכן פּאַרלאַמענט אויף 5 יאָר, און דאָס צוזאַמענשטעלן די רעגירונג ווערט פון דעם פּרעזידענט אָנפאַרטרויט איינעם פון די לידערס פון די פּאַרלאַמענט־פראַקציעס. די רעגירונג איז פאַראַנטוואָרט־

לעך פארן פארלאמענט. פאקטיש געפינט זיך די גאנצע געזעצגעבערישע און אויספיר־מאכט אין די הענט פון א קליינער גרופע פירערס פון די יִשׂראלדיקע בורזשואזע נאציאנאליסטישע ארגאניזאציעס, וואס שטייען אין א ענגער פארבינדונג מיט די אמעריקאנער מאנאפאלן און פינאנציעלע קארפאראציעס. אין שפיץ פון דער גרופע שטייט דער איצטיקער פרעמיער־מיניסטער בען־גוריאן, וואס האט קאנצענטרירט אין זיינע הענט און אין די הענט פון איינציקע זיינע נאענטסטע געהילפן קימאט די גאנצע מאכט אין דער מעלוכע.

מעדינאס יִשׂראל פארמאגט ניט קיין שטענדיקע קאנסטיטוציע און קיין סיסטעם פון אייגענער געזעצגעבונג. אין לאנד זענען נאך גילטיק א סאך געזעצן פון דער סולטאנישער טערקיי, געזעצן און פאראדענונגען פון דער ענגלישער קאלאניאלער מאכט וועגן באלאגערונגס־צושטאנד און וועגן רעזשים אין קריגס־צייט וואס שייעך דער נייער געזעצגעבונג, ווערן דורך די רעגירונגס־קרייזן פון יִשׂראל, אונטערן פאן פון אויפלעבן די אלט־יִדישע טראדיציעס, צוריק איינגעשטעלט די געזעץ־נארמעס וואס האבן עקזיסטירט מיט טויזנטער יארן צוריק, פארפיקסירטע אין טאנאך, טאלמוד און אין די רעאקציאנערע קלעריקאלע קאדעקסן פון די יִדישע קעהילעס פון מיטלאלטער.

דאס געמיש פון טערקישער, ענגלישער און אלט־יִדישער געזעצגעבונג, אפט פול מיט סטירעס, אבער שטענדיק ארכאיש און רעאקציאנער, איז באקוועם פאר דער יִשׂראלדיקער אדמיניסטראציע. אפילע די ציעניסטישע פרעסע איז אפטמאל געצוווּנגען אויפצודעקן צאלרייכע פאלן פון העפקיירעס מיצאד דער מאכט, פאראנדקעס, וועלכע דער שטארקער איז שטענדיק גערעכט, ניט רעדנדיק פון דער קארופציע פון הויכע באאמטע.

מיט וואס דערקלערט זיך דער פאקט וואס יִשׂראל פארמאגט נאך ניט ביז איצט קיין קאנסטיטוציע? ווייזט אויס, אז די יִשׂראל־רעגירונג האלט אן אזא רעזשים, ווייל זי וויל אויך אף וייטער האבן פרייע הענט קעדיי צו קענען דורכפירן אנטי־דעמאקראטישע געזעצן און פאראדענונגען, ווי צום ביישפיל, דאס געזעץ וועגן „קריגס־געריכטן", „באוואכונג פון דער זיכערקייט", שפיאנאזש און אזוי ווייטער, וואס זענען געצילט קעגן די אראבער און די יִדישע הארעפאשניקעס.

אין דער ציווילער געזעצגעבונג פון יִשׂראל פילט זיך א שטארקע ווירקונג פון די קלעריקאלע קרייזן, וואס האבן אריינגעבראכט אין איר רעליגיעז־רעאקציאנערע עלעמענטן. אין דעם „צענטער פון דעמאקראטיע" זענען צוריקגעשטעלט געווארן און עס זענען גילטיק אזעלכע געזעץ־נארמעס, וואס האבן עקזיסטירט מיט טויזנטער יארן צוריק, ווי צום ביישפיל וואס שייעך די פרויען. לויט די יִשׂראל־געזעצן האט ניט די פרוי קיין רעכט אף יערושע, פרויען קענען ניט ארויסטרעטן ווי אידעס אין די געריכטן פון ערשטער אינסטאנץ. אין יִשׂראל איז צוריקגעשטעלט געווארן און פארפעסטיקט געזעצלעך דאס רעכט פון „כאליצע". לויט אט דעם געזעץ מוז אן אלמאנע אן קינדער כאסענע האבן נאך איר מאנס טויט מיטן פארשטארבענעמס ברודער, און אויב דער ברודער פון איר פארשטארבענעם מאן איז מינדעריעריק, מוז די אלמאנע ווארטן אף איר גוירל ביז דער שוואגער וועט ווערן פוליאריק.

אזוי זעען אויס אין דער ווירקלעכקייט די שטריכן פון דער ישׂראעלישער דעמאָקראַטיע.

איצט לאָמיר באַטראַכטן אַף וויפל עס זענען ריכטיק די רייד וועגן דעם, אַז ישׂראל איז „אַן אינדזל פון מיטלערוודיקן לעבנס־ניוואָ”. קודם־כּל מוז מען געניי פעסטשטעלן, וואָס עס ווערט פאַרשטאַנען אונטערן נאָמען „מיטלערוודיקער לעבנס־ניוואָ”. די פּאַראַמעטן פון פּריערים אין איטאַליע, שפּאַניע און פּאָרטוגאַל ווינען דאָך אויך אַפן מיטלעווו און אויך זיי קאָנען דעריבער באַטראַכט ווערן ווי מוסטערן פון מיטלערוודיקן לעבנס־ניוואָ. וואַרשיינלעך וועט מען דאַרפן באַטראַכטן ווי אַ מוסטער פון מיטלערוודיקן לעבנס־ניוואָ די קלאָגעדיקע לאַגע פון אַריבער 5 מיליאָן אַרבעטסלאָזע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער פון די 2 מיליאָן אַרבעטסלאָזע אין מערב־דייטשלאַנד. עס איז באַוווּסט, אַז אַ הויכער לעבנס־ניוואָ הערשט אין אַ פּאָר קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווי די שווייץ און שוועדן און נאָך עטלעכע. אָבער אויך דאָרט לעבט ווײַט נישט די גאַנצע באַפעלקערונג אין גוטע באַדינגונגען, אַף וויפל אַרבעטסלאָזיקייט, עקספּלאָטאַציע פון מענטש דורך מענטש און אַנדערע דערשיינונגען פון קאַפּיטאַליזם עקזיסטירן אויך דאָרט, אין יענע לענדער.

אָבער לאָמיר אַ קוק טאָן, ווי עס זעט אויס דער לעבנס־ניוואָ פון די בירגער אין ישׂראל. ערשטנס באַגעגענען מיר זיך דאָרט, פּונקט ווי אין יעדן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, מיט דער טאָג־טעגלעכער דערשיינונג. דער סאַמע קלענסטער טייל פון דער באַפעלקערונג באַשטייט פון פאַרמעגלעכע מענטשן. איינער פון די אויסלענדישע אָבסערוואַטאָרן, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג באַזוכט ישׂראל, האָט געשריבן אַף די זײַטן פון דער בורזשואַזער פּרעסע, אַז יעדער ניי־אָנגעקומענער מענטש אין ישׂראל זעט אין די קאַפעען און רעסטאָראַנען אַ מאַכנע אויפגעקומענע גווירים, רייך געוואָרענע פון ספּעקולאַציע אין דער מלחמה־צײַט. אָבער די ברייטע אַרבעטער־מאַסע אין ישׂראל איז פּאַראַרעמט און לעבט אין דאַקעס און נויט.

קעדיי פעסטצושטעלן די מאַטעריעלע לאַגע פון די בירגער פון לאַנד מוז מען זיך דערוויסן ווי גרויס איז דאָס לעבנס־מינימום. לויט די דערקלערונגען פון מיניסטער פאַר סאָציאַלער הילף פון ישׂראל, באַטרעפט דאָרט דאָס לעבנס־מינימום 50 ישׂראלדישע פונט אַ כוידעש.

פאַרמאָגן די בירגער פון ישׂראל דאָס דאָזיקע מינימום?

לויט די ציפערן פון זעלבן מיניסטער פאַר סאָציאַלער הילף, האָבן אין יאָר 1957 מער ווי 50 פּראָצענט ישׂראל־בירגער ניט געהאַט דאָס דאָזיקע מינימום, און ווען מען גיט נאָך צו די 200 טויזנט אַראַבער, באַקומט זיך אַז צוויי דריטל פון דער ישׂראל־באַפעלקערונג פאַרמאָגן ניט דאָס נויטיקע מינימום אַף צו לעבן.

דער קאַפּיטאַליסטישער כאַראַקטער פון דער ישׂראלדיקער עקאָנאָמיק, איר פאַרקריפּלטע, איינזײַטיקע אַנטוויקלונג האַמעווען דעם וווּקס פון דער ווירטשאַפט. מערינאַם ישׂראל פאַרמאָגט אייניקע רוי־שטאָף־רעסורסן קעדיי צו אַנטוויקלען די אינדוסטריע און באַפעסטיקן די אַגריקולטור. אָבער די מעלוכע־פירערס זעען ניט זייער אויפגאַבע אין אויסנוצן די רוי־שטאָף־רעסורסן

פון לאנד פאר די אינטערעסן פון פאלק. 20 קילאמעטער פון פארט איילאט געפינען זיך קופער־מינעס. מען פארזיכערט אין ישׂראל אז דארט זענען געווען קופער־מינעס און א גיסעריי נאך אין שלוימע המלכס צייטן. אבער ניט קוקנדיק אף דער פינאנציעלער און טעכנישער הילף מיצאד די פאראייניקטע שטאטן, ווערט אין אייאט ארויסבאקומען אן אומבאדייטנדיקע צאל קופער. אויך א גאר קנאפע באדייטונג האט דער ארויסבאקום פון פאטאש און בראם פון ים המלח, פון פאספאטן אין נעגעוו־מידבער, ווי אויך גאר ווייניק ווערן אויסגענוצט אלע אנדערע רוי־שטאף־רעסורסן פון לאנד, ווייל דער אין ישׂראל הערשנדיקער אויסלענדישער קאפיטאל איז ניט פאראינטערעסירט אין דעם וווּקס פון דער נאציאנאלער אינדוסטריע. די אמעריקאנער און ענגלישע האנדלס־געזעלשאפטן באטראכטן ישׂראל ווי א מארק פאר זייערע סחורות. פלייש ווערט אריינגעפירט קיין ישׂראל פון ארגענטינע, ווייץ און מאיס — פון די פאראייניקטע שטאטן, אייזן און שטאל פון די פאראייניקטע שטאטן און ענגלאנד.

דאס אלץ ניט נאר וואס עס האמעוועט די אנטוויקלונג פון דער ישׂראל־עקאנאמיק, נייערט עס פארשטארקט איר אפהענגיקייט פון די אמעריקאנער מאנאפאלן. יעדע ענדערונג פון דער מארק־קאניוקטור אין די פאראייניקטע שטאטן ווירקט טיקעף אף דער עקאנאמיק פון ישׂראל, אזוי אז — לויטן בילדערישן אויסדרוק פון איינעם אן עקאנאמיסט — ווען די עקאנאמיק פון די פאראייניקטע שטאטן קומט אפ בלויז מיט א לייכטער פארקילונג, ווערט גלייך די ישׂראל־עקאנאמיק קראנק אף א טאפלטער לונגען־אנצינדונג. עס איז ניט שווער זיך פארצושטעלן וואס אזוינס עס קומט פאר אין ישׂראל ווען אין די פאראייניקטע שטאטן הייבט אן זיך צו אנטוויקלער אן עקאנאמישער קריזיס. שוין אין יאר 1957 איז יעדער פינפטער ארבעטער אין ישׂראל געווען אדער אינגאנצן ארבעטסלאז אדער געארבעט בלויז געציילטע טעג אין וואך.

אנאליזירנדיק די נארד אמעריקאנער עקאנאמישע „הילף" אין בען־גוריאנס רעגירונגס־טעטיקייט, האט דער גענעראל סעקרעטאר פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין ישׂראל, כאווער ש. מיקוניס, פעסטגעשטעלט אין זיין באריכט אפן 13־טן צוזאמענפאר פון דער קאמפארטיי: „די היסכייוועסן צו די פאראייניקטע שטאטן, פארבונדענע מיט זייער „הילף", זענען א דראונג פאר דער זיכערקייט און פארן שאלעם פון פאלק, זיי גראבן אונטער די מענ־פאר דער זיכערקייט און פארן שאלעם פון פאלק, זיי גראבן אונטער די מעג־לעכקייטן פאר דער אנטוויקלונג פון לאנד, ליידיקן אוים דורך שטייערן די קעשענעס פון די ארבעטער. די אמעריקאנער הילף איז לוינענדיק פאר דעם אויסלענדישן מאנאפאליסטישן קאפיטאל און פאר דער גרויס־בורזשואזיע, וואס איז מיט אים פארבונדן. די הילף באר״כערט און פארשטארקט די ישׂראלדיקע האנדלס־און באנק־בורזשואזיע. אזא איז די קלאסן־באדייטונג פון ישׂראלס אונטערטעניקער פאליטיק לעגאבע די פאראייניקטע שטאטן".

א פלאג פאר דער ישׂראלדיקער עקאנאמיק און פאר דער באפעלקערונג איז די מיליטאריזאציע. אין דער פראפאגאנדע פאר דער ווייטערדיקער אימיגראציע, רעדן די רעאקציאנערע ציעניסטישע קרייזן אין בען־גוריאנס רעגירונג

וועגן צונויפזאמלען אלע ייִדן אין איין „נאציאנאלער היים", און זיי פארבינדן דאס מיט לאזונגען וועגן דער מיליטאריזאציע פון לאנד.

דעם 13־טן אקטאבער 1958 האט בען־גוריאן, באגרינדענדיק אף דער ווינטערדיקער קנעסעט־סעסיע, די נויטווענדיקייט פון א נייַער פארגרעסערונג פון דעם רעקרוטן־קאנטינגענט, געמאכט א רוף צו פארשטארקן דעם אנגענומענעם קורס וועגן פארסירן יִשׂראלס באוואפענונג קעדיי צו שאפן „א צוימונגס־קראפט קעגן די אראבער". די מיליטערישע אנפירערס פון די נאטא־לענדער און די יִשׂראל־גענעראלן האבן לעצטנס געפירט אונטערהאנדלונגען וועגן דער אוניפיקאציע פון דער יִשׂראל־ארמיי מיט די נאטא־לענדער און וועגן דער פארשטארקונג פון דער מיליטערישער צוזאמענארבעט.

די רעגירונגס־קרייַזן פון יִשׂראל, אפישירן אף קאלערליי אופנים זייערע קאוואנעס צו דערגרייכן אין די נאענטסטע יארן די צאל איינוווינערס אין לאנד ביז 5 מיליאן נפשות. דערבייַ ווערן געמאכט עטלעכע גאנץ כאראקטעריסטישע אויסרעכענונגען: אויב אין דעם מאמענט פון דער מילכאמע מיט עגיפטן איז די פראפארץ געווען פון 1 יִשׂראלי אף 40 אראבער, מוז אין יאר 1960 די פראפארץ זייַן פון 1 יִשׂראלי אף 20 אראבער און אין די ווייַטערדיקע יארן מוז מען דערגרייכן צו א פראפארץ פון 1 אף 5. אזוי ארום באטראכטן די יִשׂראלדיקע רעגירונגס־קרייַזן יעדן אוילע אלס „קאנאנען פלייש", ווי א פאטענציעלן זעלנער, וועלכער מוז פאקטיש קעמפן פאר די אינטערעסן פון די אמעריקאנער און ענגלישע מאנאפאלן.

דער אויסגעשפראכענער מיליטאריסטישער כאראקטער פון מעדינאס יִשׂראל, אנטפלעקט זיך אויך אין דער מיליטערישער מאסן־צוגרייטונג פון דער יוגנט, און אין אלע אנדערע אספעקטן פון לעבן. יִשׂראל איז דאס איינציקע לאנד אף דער וועלט וווּ דאס אבליגאטארישע דינען אין מיליטער איז גילטיק ניט בלויז פאר מענער, נאר אויך פאר פרויען. שוין פון 14 יאריקן עלטער אן מוזן אלע ייִנגלעך און מיידלעך אין יִשׂראל דורכגיין א מיליטערישע אויסשולונג. פראקטיש געפינען זיך אלע גרענעץ־געגנטן פון לאנד אין א קריגס־צושטאנד.

דער מילכאמע־פסיכאז אין לאנד באקומט די העסלעכסטע פארמען: אין יִשׂראל ווערן זייער אפט דורכגעפירט מיליטערישע איבונגען, פרוּוו־מאביליזאציעס פון רעזערוויסטן, עס ווערן דורכגעפירט אימיטאציעס פון „פייַנטלעכע לופט־איבערפאלן", עס וואיען דאן סירענעס, עס הערן זיך אויפרייַסן, פרויען און קינדער ווערן געיאגט אין באמבע־באהעלטענישן און די מיטגלידער פון לופט־שוץ פארנעמען זייערע פאסטנס. מיט אזעלכע מיטלען פארפאלגן די רעגירונגס־קרייַזן פון יִשׂראל דעם ציל צו זייען א פחד צווישן דער באפעלקערונג און גלייַכצייַטיק אפצווענדן די בליקן פון דער געזעלשאפטלעכקייט פון די אנגעווייטיקטע אינערלעכע פראגעס. די פארן יִשׂראלדיקן בודזשעט צו גרויסע אויסגאבעס פאר דער ארמיי רופן זיך זייער שווער אפ אף דער עקאנאמיק פון דער מעלוכע און קוידעם קאל אפן לעבן פון די ארבעטער־מאסן.

דא ברענגען מיר ציפערן פון די הוצאות אין מעשעד פון די ערשטע

צען יאָר פון יִסראָעלס עקזיסטענץ: אין פאַרלויף פון דעם פּעריאָד איז אין אַלגעמיין אויסגעגעבן געוואָרן אין אויסלענדישער וואַליוטע פאַר דער נאַציאָ־נאַלער עקאָנאָמיק אַנדערטהאַלבן מיליאַרד דאָלאַר, און בלויז פאַר מיליטערישע צוועקן האָט מען אויסגעבראַכט 700 מיליאָן דאָלאַר. כוץ דעם ווערן באַשטימט אויך גרויסע סומעס פון אינערן בודזשעט פאַר דער מיליטאַריזאַציע. פאַר די יאָרן 1956 און 1957 האָבן די דירעקטע מיליטערישע הויצאָעס פאַרגעשטעלט מיט זיך 2 מיליאַרד יִסראָעלדיקע פונטן. בלויז די אַגרעסיע קעגן עגיפּטן האָט אָפּגעקאָסט דעם לאַנד 500 מיליאָן יִסראָעל־פונט.

די מיליטאַריזאַציע פון לאַנד, די אַגרעסיווע מילכאָמע קעגן עגיפּטן, דאָס באַטייליקן זיך אין די פּראָוואָקאַציעס, אָנגעפירטע פון די קאָלאָניזאַטאָרן, דאָס אַלץ האָט פאַרערגערט אין די לעצטע יאָרן די לאַגע פון די אַרבעטער־מאַסן. דער פינאַנץ־מיניסטערשקאָל האָט אָנערקענט אין זיינער אַ רעדע אין דער קנעסעט, אַז די צוגרייטונגען צו מילכאָמע האָבן „געלייגט אַ שטעמפּל אויף אַלע אַספּעקטן פון לעבן און, פאַרשטייט זיך, אויף דער עקאָנאָמיק און ווירטשאַפט". שוין איצט צאָלט אויס יעדער יִסראָעלדיקער אַרבעטער אָדער אָנגעשטעלטער, פאַר שטייערן, דירעקטע און אומדירעקטע, אַריבער 35 פּראָצענט פון זיין פאַרדינסט. דערפאַר זענען אָבער געשטיגן, לויט די דאַטעס פון דעם יִסראָעל־עקאָנאָמיסט דר. צידראָוויטש, אויף 3,5 מאָל די פאַרדינסטן פון די גווירים. דאָס באַשטעטיקט אויך דער פּרעזידענט פון מאַפּאַם, מ. יאַארי. ער שרייבט: „דער רעזשים אין אונדזער לאַנד האָט באַוויזן, פאַר דער צייט פון יִסראָעלס עקזיסטענץ, צו שאַפן אַ שיכט מיליאָנערן וואָס אייניקע פון זיי זענען רייך געוואָרן פון די צושטעלונגען פאַר די רעגירונגס־אונטערנעמונגען און פאַר די היסטאַדרוט־אַנשטאַלטן. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט די מאַקסי־מאַלסטע פאַרדינסטן פון אימפּאָרט און עקספּאָרט. אין דעם גייעג נאָך ספּעקולאַנטישע פאַרדינסטן האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל די בענק און קאָלערליי פּראָצענטניקעס".

אָבער דער העכער שורער פון דער רעגירונגס־צייטונג „דאַוואַר" רופט זיך אָפּ מיט כויזעק וועגן דער באַהויפּטונג אַז יִסראָעל איז קלוימערשט אַ בורזשואַזע מעלוכע. אים געפעלן, ווייזט אויס מער די רייד פון דעם דעפּוטאַט פון ענגלישן פּאַרלאַמענט, דזשאָרדזש טאָמסאָן, וואָס צוזאַמען מיט אייניקע פּראָנצויזישע און ענגלישע זשורנאַליסטן זאָגט ער אין ליבעראַליסטישן זשור־נאַל „פאָרוואַרד" (אין נאָוועמבער 1958), אַז יִסראָעל איז דאָס סאַמע סאָ־ציאַליסטישע לאַנד אין דער גאַנצער וועלט. טאָמסאָנס אַרגומענטן זענען גאַנץ פּאַשעטע: די ערד מיט אַלע אירע מינעראַלן געהערט אין יִסראָעל צו די ציאָניסטישע פאָנדן, ד. ה. צו דער געזעלשאַפט; קימאַט אַ דריטל פון דער אינדוסטריע — די אייזנבאַן־ליניעס, די עלעקטרישע סטאַנציעס — געהערן לויט טאָמסאָנען צו דער מעלוכע, צו דער היסטאַדרוט אָדער צו דער יִדישער אַגענץ; דער גרעסטער טייל פון דער אַגריקולטור־פּראָדוקציע ווערט אויסגעאַר־בעט אין די קאָאָפּעראַטיוון און די קיבוצים, ווו עס איז שוין „איינגעפירט דער קאָמוניסטישער פּרינציפּ פון פאַרטיילונג". אויב צו דעם אַלעמען צוגעבן נאָך דאָס, וואָס דער פּרעמיער־מיניסטער בען־גוריאָן רופט זיך אַז אַליין פון

צײַט צו צײַט „סאָציאַליסט‟, מעג טאַקע ייִסראָעל גאַנץ דרייסט זיך רעכענען פאַר אַ סאָציאַליסטיש לאַנד.

אַזוי זאָגט דער הער טאַמסאָן. אָבער סײַ דער הער שורער, סײַ בען־גוריאָן, מײַדן אויס צו באַטיטלען ייִסראָעל ווי אַ סאָציאַליסטיש לאַנד. אין זייערע אַרויסטריטן ווערט די מעלוכע היפּש ענלעך צום צווייפּנימדיקן גאָט יאַנוס, וואָס האָט איין פּאָנעם פון אַ זאַקן און דעם צווייטן פון אַ יונגערמאַן, וועלכע קוקן פאָרויס און אָף צוריק, צו דער פאַרגאַנגענהײַט און צו דער צוקונפט. צו די פאַראייניקטע שטאַטן און צו אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער קוקט ייִסראָעל מיט אַ פּאָנעם פון אַן אָנשטענדיקער קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע, וואָס נעמט גערן אין אירע אָרעמס אויסלענדישע אונטערנעמערס און נעמט אויף פּריוואַטע קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס, וואָס שפּילן, ווי עס איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, די וויכטיקסטע ראָל אין דעם עקאָנאָמישן, און בעמיילע אויך אין דעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. אָבער צו מענטשן וואָס זענען גענייגט צום סאָציאַליזם, ווענדעט זיך ייִסראָעל מיטן יוגנטלעכן אָנבליק פון אַ קימאַט סאָציאַליסטישער מעלוכע, ווו עס לעבן זיך אײַן גאַנץ פלינק די סאָציאַליסטישע און קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן.

דער הער שורער געפינט זיך אויך דאָ אין יענער קאָמפּליצירטער לאַגע, וועגן וועלכער דער פּאָעט האָט אויסגעשריען:

אָך, צוויי נעשאָמעס אין מײַן האַרץ איצט לעבן
און איינע פון דער צווייטער פּאָטער ווערן — ביידע שטרעבן.

אָנרופן ייִסראָעל סאָציאַליסטיש לאַנד, הייסט אויסדרייען זיך מיטן רוקן צו די פאַראייניקטע שטאַטן, פון וועמענס צאָרן אָדער גענאָד עס איז אָפּהענגיק דער דאָלאַרן־רעגן, וועלכער פרישט דאָך אָביסל אָפּ די טרוקנדיקע פּאַלעסטינער ייִסראָעלישע ערד. זאָגן, אַז ייִסראָעל איז אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד — הייסט אונטערגראָבן אין אַ סאַך הינזיכטן ייִסראָעלס אײַנפלוס צווישן די ייִדן אין די סאָציאַליסטישע לענדער און אויך צווישן די אַרבעטער פון די מײַרעוו־לענדער, און בעמיילע, פאַרקלענערן די מעגלעכקײַט פון „אַבסאָרבאַציע‟.

לאָמיר דעריבער לאָזן צו רו דעם הער שורער מיט זײַנע טראַגי־קאָמישע ווידערשפּרוכן און לאָמיר זיך נעמען צו די אַרגומענטן פון דעם הער טאָמסאָן.

קוידעמקאָל קומט אונדז אָפּן זיקאָרן אַ גלענצנדיקע דערקלערונג פון דעם איראַנער שאַך, וואָס אַרויסגייענדיק פון די זעלבע „טעאָרעטישע‟ האַשאָרעס וועגן סאָציאַליזם, האָט ער געזאָגט, באַם אויפנעמען די רעדאַקטאָרן און זשורנאַליסטן פון טעהעראַנער צײַטונגען און זשורנאַלן אָט וואָס:

„זינט מײַן פּאָטער האָט אָנגעהויבן זײַן אַרבעט, איז אין איראַן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער רעזשים, און דער איצטיקער רעזשים האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין סאָציאַליסטישן. די אײַזנבאַנען, דער נאַפט, די טעלעפאָן־און די ראַדיאָ־סטאַנציעס זענען נאַציאָנאַליזירט געוואָרן און זיי געהערן צו דער מעלוכע. אין דעם איצטיקן מאָמענט שטייען מיר אין דעם סאָציאַליסטישן זין אַ סאַך ווײַטער ווי פיל סאָציאַליסטישע לענדער‟.

אפילע אן ברילן זעט מען אז אין גרונט פון די האשארעס פון דעם איראנער מאנארד ליגן די זעלבע מעטאדאלאגישע פרינציפן, וואס באגייסטערן דעם שעפערישן ענטוזיאזם פון דעם הער טאמסאן. טאקע די קאמבינאציע פון סאציאליסטישע עלעמענטן און קאפיטאליסטישע (אפילע פעאדאלע) שטעלן פאר מיט זיך, לויט דער מיינונג פון די מאדערנסטע רעוויזיאניסטן, די ספעציפישע באזונדערקייטן פון דער היינטיקער (בורזשואזער) געזעלשאפט. אויב אין דעם טעהעראנישן וואריאנט קומט אזא טעאריע אין א געוויסער מאס אן אנעקדאטישן טאם, פארריכט זי ניט בעשום אויפן דעם לאנדאן־טעל־אוויווער ווארִיאנט.

פונקט ווי פארן איראנער שאכינשאך גילט אויך פארן הער טאמסאן דער ארגומענט, אז אויב עס איז פאראן מעלוכע־אייגנטום, איז עס שוין סאציאליזם. אבער דאס מעלוכע־אייגנטום אף ערד און אף אנדערע פראדוציר־מיטלען זענען ניט קיין דערשיינונגען בלויז פון אונדזער יארהונדערט. אין די לענדער פון אוראלטן מיזרעך, אריינגערעכנט די פערסישע אימפעריע פון קעניג קוירעש און דאס יִסראעל־קעניגרייך פון יעראוואם, איז שטארק פארשפרייט געווען די פארמען פון מעלוכע־און געמיינדע־אייגנטום. דאס איז געווען פארבונדן מיט דער ערד־ארבעט־סיסטעם, וואס האט זיך באזירט אף קינסטלעכע באוואסערונג. די מעלוכע־מאכט האט אין די לענדער פון אוראלטן מיזרעך אויסגעפירט אפט מאל א זייער וויכטיקע געזעלשאפטלעך־עקאנאמישע פונקציע, ווי צום ביישפיל באם בויען און אפהיטן די גרויסע באוואסערונג־איינריכטונגען — די דאמבעס, קאנאלן, וואסער־רעזערווארן, ווי אויך באם אויסטריקענען זומפן. דאך האט קיינער ניט, ניט אמאל און ניט היינט, זיך דערטראכט אפילע צו דערקלערן יענע לענדער פאר סאציאליסטישע. דאס זענען געווען לענדער פון שקלאפן־אייגנטימער, וואס מיטן וואוקס און מיט דער אנטוויקלונג פון שקלאפעריי, האבן זיי אלץ מער קאנצענטרירט אין זייערע הענט די געמיינדע־ערד. די שקלאפן־אייגנטימער — אט זיי האבן געהערשט איבער דער עקאנאמיק און זיי פלעגן עס אנמערקן די ליניע פאר די אוראלטע מיזרעך־דעספאטיעס.

דער פעאדאליזם האט צייטנווייז געהאט גאנץ פארשפרייטע פארמען פון מעלוכע־אייגנטום אף איינקע פראדוקציע־מיטלען, וואס האבן פונדעסטוועגן ניט אויפגעהערט צו זיין פעאדאל־אייגנטום. די קעניגן פון די אמאליקע גרויסע פעאדאלע אימפעריעס וואלטן ארויסגעשפרונגען פון זייערע קווארים, ווען זיי זאלן זיך דערוויסן אז מען קלייבט זיך זיי צו אנערקענען פאר „זיילן פון סאציאליזם", ווייל ס'איז דאך גוט באקאנט, אז זיי פלעגן אפט מאל פרעגלען אף די שייטערס די פרעדיקערס פון אוטאפישע סאציאליסטישע אידעען, ווי אפיקארסים און ווי שטערערס פון דער געזעלשאפטלעכער רו. „די מעלוכע — דאס בין איך" — האט מיט פאטאס דערקלערט דער פראנצויזישער קעניג לוים דער 14־טער, ווען ער האט צוזאמען מיט זיינע הויפלייט אויסגעליידיקט די מעלוכע־קאסע.

אפילע אין די 70־ער יארן פון פארגאנגענעם יארהונדערט, ווען ביסמארק האט פארמעלוכישט די דייטשע אייזנבאנען, קעדיי צו ראטעווען

פון באנקראט א גרופע דייטשע פארבונדענע מיט זיי, קאפיטאליסטישע בענק, איז ניט איינגעפאלן, ניט זיינע אנהענגער, ניט די קעגנער, וועגן „סאציאליסטישן" כאראקטער פון א"א מאסמיטל. די אידעע צו דערקלערן דאס בורזשואזע מעלוכע־אייגנטום פאר סאציאליסטיש איז געבוירן געווארן אף יענער שטופע פון דער אנטוויקלונג פון דער בורזשואזער געזעלשאפט באם אימפעריאליזם, ווען פאר די ברייטע מאסן פון דער באפעלקערונג, איז קלאר געווארן, אז דער קאפיטאליזם איז שוין היסטאריש אפגעלעבט און עס זענען שוין צייטיק געווארן די באדינגונגען פארן סאציאליסטישן איבערבוי פון דער געזעלשאפט. אייגנטלעך איז די דאזיקע אידעע אן אייגנארטיקע אפשפיגלונג אין דער אידעאלאגישער ספערע פון דעם פאקט פון היסטארישן באנקראט פון קאפיטאליזם.

דערביי איז בוילעט און קלאר, אז דאס מעלוכע־אייגנטום אין די באדינגונגען פון דער פאליטישער הערשאפט פון דער בורזשואזיע, הערט נים אויף אויך איצט צו זיין א קאפיטאליסטיש אייגנטום — אן אייגנטום וואס ווערט אויסגענוצט פאר די אלגעמיינע אינטערעסן פון דעם הערשנדיקן בורזשואזן קלאס (און אייניקע מאל פון די גוטבאזיצערס) קעגן די אינטערעסן פון די ארבעטער און די הארעפאשנע פויערים. דאס, וואס אין די אדער יענע קאפיטאליסטישע לענדער באמערקט זיך דער וווקס פון דעם ספעציפישן געוויכט פון מעלוכע־אייגנטום, פארוואנדלט נאך ניט די קאפיטאליסטישע ארדענונג אין א סאציאליסטישער. נאך וו. אי. לענין האט אנגעוויזן —און ענגלאנדס געשיכטע נאך דער צווייטער וועלט־מילכאמע האט עס באשטעטיקט — אז די נאציאנאליזירונג פון אייניקע אינדוסטריעלע אפצווייגן אדער אונטערנעמונגען (די נאציאנאליזירונג פון דער קוילן־און מעטאלורגישער אינדוסטריע אין ענגלאנד אין יאר 1946) ווערט אויסגענוצט בא אימפעריאליסטישע באדינגונגען אפט מאל מיטן צוועק ארויסצוהעלפן די פינאנציעלע געשעפטן פון פארשיידענע גרופעס קאפיטאליסטן און אריבערצוטראגן די העזייקעס פון צייטווייליק ניט רענטאבל געווארענע אונטערנעמונגען אף די אקסלען פון די שטייער־צאלער, ד. ה. פון דער גאנצער געזעלשאפט. די מאשין פון א בורזשואזער מעלוכע ווערט פארוואנדלט אין א געצייג פון בארייכערונג פאר די גרויסע מאנאפאלן.

פון דער אנדער זייט זאגן אידעם די פאקטן, אז אין דער ערשטער צייט פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג אין א רייע לענדער, ווי צום ביישפיל אין יאפאן, האט דער אזוי גערופענער מעלוכע־סעקטאר געשפילט די ראל, בא דער הערשאפט פון בורזשואזיע, ווי א פארשנעלערונג פון דעם פראצעס פון דער קאפיטאליסטישער אקומולאציע. קעדיי צו שאפן א מאדערנע אינדוסטריע פאדערן זיך גרויסע געלט־אינוועסטיציעס, וואס פריוואטע אונטערנעמערס אין לאנד קענען אפט מאל ניט פארמאגן. די מעלוכע האט אין יאפאן אקטיוו מיטגעהאלפן צו לייזן די פראבלעם פון מאביליזאציע פון דעם נויטיקן קאפיטאל, און דערנאך זענען די מעלוכע־אונטערנעמונגען פארקויפט געווארן צו פריוואטע אונטערנעמערס פאר העלפט פרייז, דערביי זענען די מיניסטארן געווארן די ערשטע אינדוסטריאלן־מיליאנערן.

דעריבער ווערט דער כאראקטער פון דעם מעלוכע־אייגנטום אפגעשאצט אין סאציאלן זין קוידעמקאל לויט דעם קלאס וואס געפינט זיך בא דער מאכט אין דעם לאנד, ד. ה. לויט דעם — אין וועמענס הענט און אין די אינטערעסן פון וועלכן קלאס דאס אייגנטום ווערט אויסגענוצט. בלויז באם איבערגאנג פון דער מעלוכע־מאכט אין די הענט פון די ארבעטער און זייערע פארבינדעטע, — דאס הארעפאשנע פויערטום, — וואס פירט צו א גרינטלעכער איבעראנדערשונג פון די פראדוקציע־באציונגען צווישן מענטשן, קען מען ריידן וועגן דעם געזעלשאפטלעכן, ד. ה. סאציאליסטישן מעלוכע־אייגנטום(1).

דאס זעלבע איז אויך שייך דער קאאפעראציע, אריינגערעכנט די יִסראעל־קיבוצים.

„ניטא קיין צווייפל — האט געשריבן לענין — אז די קאאפעראציע אין א קאפיטאליסטישער מעלוכע איז א קאלעקטיווער קאפיטאליסטישער אנשטאלט. באם פריוואטן קאפיטאליזם איז דער אונטערשיד צווישן קאאפעראטיווע אונטערנעמונגען און קאפיטאליסטישע דער זעלבער, ווי צווישן פריוואטע אונטערנעמונגען און קאלעקטיווע.

---

(1) אין צוזאמענהאנג דערמיט באטראכטן מיר נאר די פראגע וועגן דער סאציאלער נאטור פון דעם מעלוכע־אייגנטום אין דער אדער יענער געזעלשאפטלעך־עקאנאמישער פארמאציע. אין די פראגעס וואס האבן א שייכעס צו דעם פאליטישן קאמף אין די ראמען פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, קען מען דא ניט פארבייגיין די אייגנארטיקייטן פון די קאנקרעטע היסטארישע באדינגונגען אין דעם אדער אין יענעם לאנד. בא געוויסע באדינגונגען קען, למשל, דער לאזונג וועגן נאציאנאליזירונג פון דער גרויסער אדער אויסלענדישער אינדוסטריע דינען ווי א מיטל קעדיי אונטערצוגראבן די פאליטישע ווירקונג און די עקאנאמישע פאזיציעס פון דער אינלענדישער אדער אויסלענדישער בורזשואזיע און אפילע דערפירן די מאסן פון ארבעטער־קלאס און הארעפאשנע פויערים צום קאמף פאר דער מאכט און פון אראפשליידערן די הערשאפט פון דער בורזשואזיע. דאך קען דער זעלבער לאזונג ווערן אויסגענוצט דורך דער בורזשואזיע אדער אירע אגענטן אין דער ארבעטער־באוועגונג קעדיי צו דעזאריענטירן דעם ארבעטער־קלאס און אפצושוואכן זיין רעוואלוציאנערן דרוק אף די עקספלואטאטארס דורך פארשפרייטן אילוזיעס וועגן דער מעגלעכקייט אויפצובויען דעם סאציאליזם ניט אראפווארפנדיק די הערשאפט פון די עקספלואטאטארס און אן דעם איבערגאנג פון דער מאכט אין די הענט פון דעם ארבעטער־קלאס. ניט ריכטיק וואלט אויך געווען דורכצופירן א פאראלעל צווישן דער געשיכטע פון יאפאן פון סאף פון דעם פארגאנגענעם יארהונדערט און דער נייסטער געשיכטע פון די מיזרעך־לענדער, וועלכע האבן זיך ערשט ניט לאנג באפרייט פון דעם קאלאניאלן יאך. אין לענדער ווי צום ביישפיל אינדיע, פירט אויס דער רעגירונגס־סעקטאר א ספעציעלע ראל. זייער עקאנאמישע פאליטיק איז געצילט אף צו שאפן אן אייגענע נאציאנאלע אינדוסטריע און צו באפרייען זיך פון דער עקאנאמישער אפהענגיקייט פון די גרויסע אימפעריאליסטישע מעלוכעס. אביעקטיוו טראגט אזא פאליטיק אן אנטי־אימפעריאליסטישן כאראקטער; מען מוז זי באטראכטן ווי א וויכטיקן רינג אין דעם פראצעס פון צעפאלונג פון דער קאלאניאלער סיסטעם פון אימפעריאליזם. אבער ייסראעלס עקאנאמישע פאליטיק האט קיין שום געמיינזאמס ניט מיט דער עקאנאמישער פאליטיק פון אינדיע. די ייסראעלישע עקאנאמישע פאליטיק איז א רינג אין דער פאליטיק פון די אימפעריאליסטישע מעלוכעס, וואס איז געצילט זיך קעגנצושטעלן דער צעפאלונג פון דער קאלאניאלער סיסטעם פון אימפעריאליזם. אף וויפל דאס איז אזוי, קען מען זי ניט אנערקענען פאר א פראגרעסיווער, ווי אומאנגענעם דאס זאל ניט זיין פארן הער טאמסאן אדער הער שורער.

דער סאציאליזם קען נים געבויט ווערן אין וועלכן עס איז אפצווייג פון דער ווירטשאפט, און אוודאי נים אין באזונדערע דערפער אדער קאאפעראטיוון, אויב די מאכט אין לאנד פארבלייבט אין די הענט פון די קאפיטאליסטן אדער גוטבאזיצערס, אויב אין די הויפט טיילן פון דער ווירטשאפט קאמאנדעווען אויסלענדישע אדער אינלענדישע עקספלואטאטארס פון די ארבעטער, ווי עס קומט פאר אין ישראל.

אין אן ארטיקל „וועגן דער קאאפעראציע" וואס לענין האט געשריבן אין יאנואר 1923, זאגט זיך: „אין די טרוימען פון אלטע קאאפעראטארס איז פאראן א סאך פאנטאזיע. אפט מאל זענען זיי מאמעש לעכערלעך מיט זייער פאנטאסטישקייט. אין וואס אבער באשטייט זייער פאנטאסטישקייט? אין דעם, וואס די מענטשן פארשטייען נים די הויפט באדייטונג, די גרונטבאדייטונג פון דעם פאליטישן קאמף פון דעם ארבעטער־קלאס קעדיי אראפצווארפן די הערשאפט פון די עקספלואטאטארס".

וו. אי. לענין האט אנגעוויזן, אז קעדיי די קאאפעראטיוון זאלן קענען ווערן סאציאליסטישע, מוז „די מעלוכע־מאכט ארומנעמען אלע וויכטיקסטע פראדוקציע מיטלען, די מעלוכע־מאכט מוז זיין אין די הענט פון דעם פראלעטאריאט, עס מוז זיין א בונד פון דעם פראלעטאריאט מיט א סאך מיליאנען קליינע און גאר קליינע פויערים, עס מוז זיין פארזיכערט די אנפירונג פון דעם פראלעטאריאט לעגאבע דעם פויערטום א. א. וו." (וו. אי. לענין, באנד 33, זייטן 427־428).

פארשטייט זיך, אז ניט דער הער טאמסאן, און אוודאי ניט די ישראעלישע ציעניסטן, האגאם זיי באטיטלען זיך אפט מאל ווי „סאציאליסטן", דערלאזן אפילו ניט דעם געדאנק וועגן דער הערשאפט פון דעם ארבעטער־קלאס אין ישראל. עס איז פאר זיי גאנץ באקוועם די הערשאפט פון די קאפיטאליסטן. צו דער פארפעסטיקונג פון אט דער הערשאפט איז טאקע געצילט די פאליטיק פון די ישראעלישע רעגירונגס־קרייזן.

אין יאנואר 1959 האט אף דער פארזאמלונג פון דעם אקטיוו פון מאפאי אין טעל־אוויוו, דערקלערט דער האנדלס־און אינדוסטריע־מיניסטער פון ישראל פינכעס סאפיר, ריידנדיק וועגן דער נויטווענדיקייט צו פארקויפן די מעלוכע־אונטערנעמונגען צו פריוואטע פערזאנען, ווי אויך וועגן דער נויטווענדיקייט צו ארגאניזירן א מאסן־אימיגראציע פון יידן פון אויסלאנד און וועגן זייער אבסארבירונג, אז: „צוליב דער אבסארבירונג פון דער אימיגראציע האבן מיר דאס רעכט צו פארשקלאפן אונדזער עקאנאמיק אף עטלעכע דורות פאראויס, און נים בלויז צו פארקויפן צו פריוואטע מענטשן די מעלוכעשע אונטערנעמונגען". א ביסל פריער האט דער זעלבער מיניסטער פראקלאמירט אין ניו יארק, אז ישראעלס הויפט ציל אין פארלויף פון דעם צוקונפטיקן יארצענדליק, אין דער עקאנאמישער פאליטיק, וועט זיין דאס צוציען דעם פריוואטן קאפיטאל פון אויסלאנד".

דער אמעריקאנער גרויס־קאפיטאל ארבעט אין דער זעלבער ריכטונג. ריידנדיק וועגן א פרישער הלוואה פאר ישראל (פון 5 מיליאן דאלאר) האט דער אנפירער פון דעם אמעריקאנער הלוואה־פאנד, מאקינטאש, אונטער־

געשטראַכן, (אין פעברואַר פון 1959), „אַז די האַלוואַ איז באַשטימט אַף צו פאַרשפּרייטן דעם פּריוואַטן סעקטאָר אין דער עקאָנאָמיק פון ייִסראַעל".

אין אַט דער ריכטונג זענען שוין דורכגעפירט געוואָרן די נויטיקע מאָסמיטלען. שוין זינט דעם יאָר 1958 האָט די ייִסראַעל־רעגירונג אָנגעפאַנגען צו פאַרקויפן מעלוכע־אונטערנעמונגען צום אויסלענדישן קאַפּיטאַל. עס זענען פאַרקויפט געוואָרן די אַקציעס פון דער מעלוכע־באַנק, פון דער שיפּס־געזעלשאַפט „צים„, די נאַפט־רערן כייפע־הערצליא, אַקציעס פון דער געזעלשאַפט „רעגעו" און פון אַנדערע אונטערנעמונגען. אין מאָנאַט אַפּריל 1959 האָט דער פינאַנץ־מיניסטער פון ייִסראַעל עשקאָל באַשטעטיקט דעם אָפּמאַך וועגן פאַרקויף פון די נאַפט־רערן אייַלאַט־כייפע צו דער גרופּע פון אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן מיט ע. ראָטשילדן אין דער שפּיץ. די צייַטונגען האָבן דאָן אָנגעמערקט, אַז דאָס איז נאָר איינע פון די דערשייַנונגען פון דער פּאָליטיק פון דער ייִסראַעל־רעגירונג, וואָס פאַרקויפט אויס צום אויסלענדישן קאַפּיטאַל וויכטיקע אינדוסטירעלע אַנשטאַלטן פון לאַנד, געשאַפענע דורך די געלטער פון די שטייער־צאָלערס.

די ייִסראַעלישע ציעניסטן ריידן אַ סאַך וועגן די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, די קיבוצים, ווי וועגן אַ סאָציאַליסטישן קעמערל אין ייִסראַעל. מען קען טאַקע ניט לייקענען, אַז אַ סאַך טויזנטער מיטגלידער פון די קיבוצים לעבן גאַנץ אויפריכטיק נאָך סאָציאַליזם. אין דער ווירקלעכקייַט אָבער, האָבן די קיבוצים קייַן שום שייַכעס ניט צום סאָציאַליזם. מיט אַלע פעדעמער פון זייער עקזיסטענץ זענען די קיבוצים פאַרבונדן מיט קאַפּיטאַליסטישן לעבנס־שטייגער וואָס הערשט אין ייִסראַעל, און מיט די קאַפּיטאַליסטישע פאַרמען פון דער ווירטשאַפט. זיי זענען אָפּהענגיק וואָס שייַעך דעם צושטעל פון מאַשינען, פון אייַנריכטונגען און אינדוסטריעלע פּראָדוקטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט. דורך פאַרמיטלערס זענען זיי פאַרבונדן מיט קאַפּיטאַליסטישע פירמעס, וואָס קויפן אָפּ זייערע פּראָדוקטן, וועלכע דיקטירן פּרייַזן לויט די אויסלענדיקע פאַר די געשעפטן, פאַר די אויסלענדישע מאָנאָפּאָלן א. א. וו.

לויטן מעטאָד פון פאַרטיילן די פּראָדוקציע זענען די קיבוצים אויך זייער ווייַט פון סאָציאַליזם. עס איז באַוווּסט אַז די מיטגלידער פון אַ קיבוץ באַקומען ניט קייַן אַרבעטס־לוין. פאַר זייער טאָג־טעגלעכער צען שאָדיקער אַרבעט קריגן זיי שפּייַז, בגאָדים, דרייַ מאָל אין יאָר טאַשנגעלט — אַ 10־15 ייִסראַעל־פונט און הויצאָעס אַף דער צייַט פון אורלויב. אָט די גאַנצע מאַטעריעלע באַלוינונג איז זייער אַ מאָגערע. אויב מיטגלידער פאַרלאָזן דעם קיבוץ בלייַבן זיי אָן שום מיטלען פון עקזיסטענץ. ניט אומזיסט רופט מען אין פאָלק די קיבוצים „ציעניסטישע מאָנאַסטירן". מען מוז אויך צוגעבן, אַז דאָס לעבן אין די קיבוצים ווערט נאָך קאָמפּליצירטער דערמיט, וואָס ווי מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, מוזן זיי קעסיידער אָנהאַלטן די דינסט פון גרענעץ־וואַך, די קיבוץ־מיטגלידער ווערן באַשעפטיקט פאַר דער בוייונג פון מיליטערישע אָביעקטן: באַהעלטענישן פון באָמבאַרדירונגען א. א. וו.

צוליב די אומגעהויערע גרויסע הויצאָעס קריכן די קיבוצים אַלץ מער און מער אַריין אין דער פּעטליע פון בויוועס. זיי געפינען זיך אין אַ פּול־

שטענדיקער אָפּהענגיקייט פון די לײַ־קאַסעס, וועמען זיי זענען אין 1959 געווען שולדיק 305 מיליאָן ייִסראָעל־פונט, דאָס הייסט אַז יעדער קיבוצניק האָט געהאַט אַף זיַין ביילעק אַ כויוו פון 3.700 פונט. ארויסצופּלאָנטערן זיך פון די כויוועס איז אוממעגלעך, מאַכמעס די קיבוצים צאָלן די לײַ־קאַסעס 20־30 פּראָצענט אינטערעס יערלעך, כוץ דעם, נעמען צו אַ היפּשן ביילעק פון די האַכנאָסעס די אנשטאַלטן וואָס פאַרקויפן די אגריקולטור־פּראָדוקטן, די „טנוּוואַ", און וועלכע האַלטן אין זייערע הענט דעם צושטעל פון וואַסער פאַר די באַלעבאַטישקייטן וואָס נויטיקן זיך אין קינסטלעכער באַוואַסערונג, און אויך אַנדערע אַנשטאַלטן.

אַזאַ מין פינאַנציעלער מאַצעוו, זייער אַז אָרעמע באַזאָרגונג פון די קאָאָפּעראַטיוו־מיטגלידער, שווערקייטן פאַרבונדענע מיט די מיליטערישע פאַרפליכטונגען, — דאָס אַלץ פירט צו דער יערידע פון דער קיבוצים־ווירטשאַפט. דאָס ווערט באַשטעטיקט מיט די וויַטערדיקע ציפערן: היַינט צו טאָג עקזיסטירן אין ייִסראָעל 223 קיבוצים, ווו עס זענען באַשעפטיקט 78 טויזנט מאַן. פון זיי זענען 143 קיבוצים געשאַפן געוואָרן נאָך פאַרן אויפקום פון דער ייִסראָעל־מעלוכע. אין דעם יאָר, ווען ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די ייִסראָעל־מעלוכע, באַמערקט זיך דער שטאַרקסטער צופלוס אין די קיבוצים, און עס איז געשאַפן געוואָרן בעערעך אַ גרויסע צאָל נײַע קאָאָפּעראַטיוון. אָבער פון דעמאָלט אָן האָט זיך דער פּראָצעס אָפּגעשטעלט. פאַר די לעצטע 9 יאָר זענען אין ייִסראָעל געשאַפן געוואָרן בלויז 12 קיבוצים. אין דער פּראַקטיק, אָנערקענט שוויַיגנדיק די ייִסראָעל־רעגירונג, אַז די קיבוצים האָבן ניט קיין צוקונפט. אין די באַהערשטע געגנטן, ביפּראַט אין דער מידבער־געגנט, ווערן לעצטנס געשאַפן ניט קיין קיבוצים. נאָר מאָשאָווים (ערד־אַרבעטער ייִשוּווים). די נײַע ייִשוּווניקעס באַקומען ערד און ווערן פאַרוואַנדלט אין קליינע באַלעבאַטים. אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס ענלעך צום אַמעריקאַנער פאַרמערישן טיפּ לאַנדווירטשאַפט.

פון דעם אַלעם איז בוילעט און קלאָר, אַז אין ייִסראָעל איז ניט נאָר ניטאָ קיין סאָציאַליזם, נײַערט די האַרעפּאַשנע ייִדן פירן ביכלאַל זייער אַ שווער לעבן. אַפּיציעלע דאַטעס זאָגן איידעס, אַז אין מעשעך פון די יאָרן 1958־1959 איז די לאַגע פון די אַרבעטער אין ייִסראָעל ניט פאַרבעסערט געוואָרן.

דעם 25־טן דעצעמבער 1958 האָט דער אויספיר־קאָמיטעט פון דער היסטאַדרוט (צענטראַלע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַרייַנען) מיט אַ מערהייַט פון 45 פאַרשטייערס פון מאַפּאַי קעגן 24 פאַרשטייערס פון די קאָמוניסטן און אייניקע אַנדערע פּאַרטייען ארויסגעטראָגן אַ באַשלוס צו „פאַרגליווערן" (דאָס הייסט אָפּשטעלן אַף אַ טויטן פונקט) און ניט צו העכערן די אַרבעטס־לוינען פאַר אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין פאַרלויף פון די יאָרן 1959 און 1960. בעיִים דער זיצונג פון דעם אויספיר־קאָמיטעט האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטורמישע דיסקוסיע, וואָס אין איר גאַנג זענען ארויסגעזאָגט געוואָרן אַ סאַך ביטערע עמעסן וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטער אין ייִסראָעל.

דער פאַרשטייער פון מאַפּאַם, אודין, האָט פעסטגעשטעלט אַז דער

אנגריף אפן לעבנס־ניווא פון דעם ארבעטער־קלאס אין פארלויף פון די צען יאר פון דער עקזיסטענץ פון דער יׅסראעל־מעלוכע איז באגלייט געווארן מיט טויזנטער „נאכגיביקייטן“ מיצאד דער רעגירונג צו די קאפיטאליסטישע אינדוסטריאלן, ווען זי האט באשאטן מיט צאלרייכע האלוואעס, שטייערהאנאכעס און פארשיידענע צושטעלונגען אפן כעשבן פון די מירעוו־דייטשע פארגיטיקונגען. די אינדוסטריאלן האבן געוווּנען, האט דערקלערט אודין, אויך צוליבן באדייטנדיקן אונטערשיד פון די וואלוטע־קורסן און באקומען אויך פרעמיעס פארן עקספארט. זיי האבן פארפעסטיקט פאר זיך דעם אינערלעכן מארק, וועלכער שלינגט איין סכוירעס פון יעדער קוואליטעט.

פארן לעצטן יארצענדליק, האט אנגעוויזן די מיטגלידערן פון דעם אויספיר־קאמיטעט, די קאמוניסטן ווילענסקא, איז דער פראצענט פון גערונגענע ארבעטער אין יׅסראעל אויסגעוואקסן פון 60 ביז 64 פראצענט. אין דער זעלבער צייט איז דער אנטייל פון די ארבעטער אין דער מעלוכע־האכנאסע געפאלן פון 55 ביז 43 פראצענט. עס איז געשטיגן דער אל פון דירעקטע און אומדירעקטע שטייערן, וואס צוזאמען מיט די מוניציפאלע שטייערן פארשלינגען זיי א דריט־כיילעק פון דעם ארבעטס־לוין. עס וואקסט די אינפלאציע, און צו דער זעלבער צייט זענען א סאך קאפיטאליסטן אין לאנד געווארן מיליאנערן. אין דער פארם פון האלוואעס און הילף האט די רעגירונג געגעבן פאר די קאפיטאליסטן 101 מיליאן פונט, און די שטייערן אף די פארדינסטן פון די קאפיטאליסטישע געזעלשאפטן און אונטערנעמונגען זענען פארקלענערט געווארן פון 46 אף 28 פראצענט.

די פארשטייערס פון דער מינדערהייט האבן אנגעוויזן, אז דאס פארגלייווערן דעם ארבעטסלוין אין דער צייט ווען די פרייזן שטייגן, ווי עס שטייגן אויך די שטייערן און די ארבעטסלאזיקייט, וועט אומפארמיידלעך דערפירן צו א ווייטערדיקער פארקלענערונג פון רעאלן ארבעטסלוין. דער מיטגליד פון אויספיר־קאמיטעט, דער פארשטייער פון דער פארטיי „אכדוט האאוואדא,, רעשינא, האט אונטערגעשטראכן אז די פאליטיק פון פארגליווערן דעם ארבעטסלוין אף א נידעריקן ניווא פאר צענדליקער טויזנטער ארבעטער, טראגט אין זיך א ”סאציאלע קאטאסטראפע„ און איז „גינסטיק נאר פאר יענע, וואס ווערן רייך און שליידערן מיטן געלט“.

די לידערס פון היסטאדרוט און פון מאפאי האבן פארזיכערט אז דאס פארגליווערן דעם ארבעטסלוין וועט ברענגען צו א סטאביליזירונג פון די פרייזן. און פארגעקומען איז דאס פארקערטע. אין פעברואר־מארץ 1959, זענען אין יׅסראעל אפגעשאפן געווארן, ווי עס האט געשריבן „קאל האאם“, די ראציאנאליזירונגס־קארטלעך אף פלייש, פוטער, צוקער, פיש און קאווע און די פרייזן פון די פראדוקטן זענען געשטיגן אף 2,5 מאל אין פארגלייך מיט די פרייזן זייערע אף קארטלעך. פארשטייט זיך, אז קוידעם קאל האבן דאס דערפילט יענע שיכטן פון דער באפעלקערונג, וואס באקומען נידעריקע לוינען, און וועלכע פלעגן ביז דאן איינקויפן פאר זיך דאס וואס זיי פלעגן באקומען לויט די קארטלעך.

פון 24טן פעברואר אן זענען געהעכערט געווארן שטייערן אפן קויף.

ווי עס האט אין שײַכעס דערמיט געשריבן „דזשערוזאלעם פאסט", זענען צוליב דער סיבע געהעכערט געוואָרן אַף 10־15 פּראָצענט די פּרײַזן פון די געברויד־פּראָדוקטן און בוי־מאַטעריאַל. גלײַכצײַטיק איז געמאָלדן געוואָרן אַ העכערונג פון 2,5 ביז 27 פּראָצענט אַף די פּרײַזן און צאָל־אַמט־שטײַערן פון די עלעקטרישע אַרטיקלען, בוי־מאַטעריאַלן, כעמישע פּראָדוקטן און אַ סאַך אַנדערע סכוירעס. און דאָס האָט מיטגעשלעפּט אַ העכערונג פון די פּרײַזן פון אַ ברייטן סכום פון געברויד־פּראָדוקטן און מאַטעריאַלן. ווי עס האָט אויסגעכעשבנט „דזשערוזאַלעם פּאָסט", וועט ווי אַ פועל־יוצא פון דער אָפּשאַפונג פון דער קאַרטן־סיסטעם און פון דער העכערונג פון די שטײַערן אַפן קויף און אין צאָל־אַמט, אין דעם פינאַנציעלן יאָר 1959 אויסגעפּאָמפּעט ווערן פון דער יִשׂראל־באַפעלקערונג אַ צוגאָב פון 35 מיליאָן יִשׂראלישע פונטן.

כוץ דעם איז אין פּראָיעקט פון דעם מעלוכע־בודזשעט פאַרן יאָר 1959—1960 פאָרויסגעזען אַ צוואַנגס־הלוואָע פאַר אימיגראַציע־נויטן אַף אַ סומע פון 40 מיליאָן פונט. די הלוואָע איז פאַרבונדן מיטן שטײַער אַפן פאַרדינסט. די הויפּט־לאַסט פון דער הלוואָע וועט אַרויפגעלייגט ווערן אַף די פּלייצעס פון די אַרבעטער, — האָט אונטערגעשטראָכן „קאָל האָאָם", — ווײַל אַפן כיילעק פון די קאַפּיטאַליסטישע קאָמפּאַניעס פאַלט אוים בלויז 20 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער סומע פון די שטײַערן אַף די פאַרדינסטן. דאָס אַלץ, האָט געשריבן „קאָל האָאָם", איז אַן אָנהויב פון אַ נײַער יאָקרעס־כוואַליע.

זאָלן די אַלע פאַקטן אָפּלייקענען די, וואָס פאַרזיכערן אַז מיר מאָלן קלוימערשט בלויז די טונקעלע זײַטן פון לעבן אין יִשׂראל. ליבט און שאָטן פאַרטיילט אין דעם לאַנד לויט דער פולסטער גערעכטיקײַט פון אַ בורזשואזער געזעלשאַפט — באַ יענעם, ווער עס פאַרמאָגט קימאַט גאָרניט נעמט מען צו דאָס לעצטע, און די וואָס פאַרמאָגן אַ קאַפּיטאַל — פאַרגרעסערן אים.

ייִדן אײַנוווינערס פון מיזרעוו־אײראָפּעיִשע און לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, ווי אויך פון די פאַרייניקטע שטאַטן, זענען אין אַלגעמיין גוט אינפאָרמירט וועגן דער עמעסער לאַגע אין יִשׂראל. די אַמעריקאַנער, ענגלישע און פראַנצויזישע ייִדן יאָגן זיך ניט אויסצוּוואַנדערן קיין יִשׂראל, און אויב זיי פאָרן יאָ אַהין, איז נאָר ווי טוריסטן, אַף צוויי־דרײַ וואָכן. פאַר דער גאַנצער צײַט פון דער עקזיסטענץ פון מעדינאַס יִשׂראל זענען פון די פאַרייניקטע שטאַטן אַהין אַרויסגעפאָרן אַלס עמיגראַנטן בעסאַכאַקל עטלעכע טויזנט נעפּאָשעס.

לויט די אָפיציעלע יִשׂראלדיקע ציפערן האָט דער גרעסטער טייל אימיגראַנטן, וואָס זענען געקומען אין לאַנד אין מעשעך פון צען יאָר, געוווינט פריער אין די מיזרעך־לענדער. אַזוי, צום בײַשפּיל, זענען קיין יִשׂראל געקומען פון איראַק 123 טויזנט נעפּאָשעס, פון מאַראָקאָ 12 טויזנט, פון טיימאַן 45 טויזנט, פון ליביע 32 טויזנט. די אויסוואַנדערער פון די אַראַבישע לענדער שטעלן מיט זיך פאָר איצט 52,3 פּראָצענט פון דער גאַנצער יִשׂראלדיקער באַפעלקערונג.

אין פאַרלויף פון אַ סאַך יאָרהונדערטער האָבן זיי אין אַלגעמיין געלעבט בעשאָלעם מיט די אַראַבער. ניט ווייניק אָנשטרענגונגען זענען געמאַכט גע־

ווארן, פון די רעאקציאנערע ציאניסטן בעסויכאס, קעדיי ארויסצורופן א רויִקע צווישן די אראבער און די ייִדן. וועגן דעם דערציילט גאנץ דיִטלעך אלפרעד ליליענטאל אין זיין בוך „וויפל קאסט יִשׂראל?..״ ליליענטאל דערוויזט אז דורך ליגנערישע מעטאדן, דורך אנווארפן א מוירע און דורך פראוואקאציעס האבן די ציאניסטן קינסטלעך צעפלאמט א קאנפליקט צווישן אראבער און ייִדן, מיטן צוועק צו דערגרייכן א ייִדישע אימיגראציע קיין יִשׂראל. ווען די איראקער רעגירונג האט געגעבן פאר די ייִדן דאס רעכט פון פרייען אויסוואל אויסצוּוואנדערן קיין יִשׂראל, אדער פארבלייבן אין איראק, האבן אין משך פון 11 כאדאשים בלויז 30 טויזנט איראקער ייִדן געמאלדן וועגן זייער פארלאנג אויסצוּוואנדערן. די צאל אויסוואנדערערס האט זיך פארגרעסערט ערשט נאך דעם ווי די ציאניסטישע פרעסע האט צעבלאזן א פראוואקאטיווען קאמפּיין. היינט שילדערט די זעלבע פרעסע אלע אימיגרירטע איראקער ייִדן, ווי מענטשן, וואס האבן זיך געראטעוועט. איינטערעסאנט איז אבער דאס, וואס די „געראטעוועטע״ אליין האבן וועגן דעם איניען גאר אן אנדער מיינונג. די ביבל באשרייבט בילדעריש ווי די אור־אור־עלטערן פון די איראקער ייִדן „האבן געוויינט אף די טייכן פון באוועל, דערמאנענדיק זיך אין דעם האט די נארדאמעריקאנער זשורנאליסטן דאראטי טאמסאן געשריבן אין שייכעס דערמיט, אז „די איראקער ייִדן זענען איצטער ווי זייערע ביבלישע אוועס, די פּליטים אין באוועל, אבער מיטן אונטערשיד, וואס זיי האבן זיך געטוישט מיט די פּלעצער: די נייע יִשׂראלישע קאלאניסטן זיצן היינט בא די ברעגן פון יארדן און זיי באוויינען זייערע היימען אין באוועל״.

אין דעם זעלבן מאצעוו געפינען זיך אויך טויזנטער אימיגראנטן פון אנדערע לענדער.

פאר יעדן פרישן אימיגראנט, פאר הונדערטער טויזנטער יִשׂראל־בירגער שטייען צוויי פּראבלעמען, וואס פארפאלגן זיי ווי א קאשמאר: ארבעט און וווינונג. דער פינאנץ־מיניסטער עשקאל האט געמוזט אנערקענען, אז „שוין איבער זעקס יאר לעבן 20 טויזנט מישפּאכעס אין שרעקלעכע בורוועס״, און לויט דער אפשאצונג פון דער ייִדישער אגענץ, האבן ניט קיין וווינונגען 100 טויזנט אימיגראנטן. דער דירעקטאר פון דער יִשׂראלדיקער מעלוכעבאנק, האראוויץ, האט געמאלדן, אז קנאפּע 600 טויזנט יִשׂראל־בירגער, דאס הייסט א דריטל פון דער באפעלקערונג, פירן ארום און אן עקזיסטענץ פון האלבן הונגער.

די יִשׂראלדיקע פרעסע און א סאך ארגאנען פון דער מייִרעוודיקער פּרעסע פארעפנטלעכט יעדיעס וועגן דער קאטאסטראפאלער לאגע פון צענדליקער טויזנטער אוילים פון פארשידענע לענדער, און אין דער ערשטער ריי פון די לענדער פון סאציאליסטישן לאגער.

דער זשורנאל „יִשׂראל וויקלי דייזשעסט״, האט אין זיין אויסגאבע פון 9־טן אקטאבער 1957 געשריבן, אז די ניי־אנגעקומענע אינזשעניערן באקומען אין יִשׂראל א האלבן געהאלט. א סאך דאקטוירים, כעמיקערס און דענטיסטן

זענען ביכלאַל אַרבעטסלאָז. אין דער זעלבער לאַגע געפינען זיך יוריסטן, אַרטיסטן, עקאָנאָמיסטן און מענטשן פון פיל אַנדערע פּראָפעסיעס.

דאָ ברענגען מיר דאַטעס וועגן דעם באַזעצן אין ישׂראל די אימיגראַנטן וואָס זענען אָנגעקומען אין יאָר 1957. בלויז 14.500 פון זיי האָבן באַקומען די דערלויבעניש זיך צו באַזעצן אין באַוווינטע געגנטן, באַם ברעג פון מיטל־לענדישן יאַם. 38 טויזנט זענען געשיקט געוואָרן אין די אַזוי גערופענע נייַע אַנטוויקלונגס־ראַיאָנען, אין נעגעוו־מידבר צו די גרענעץ־געגנטן פון גאַליל און אין דער געגנט פון די יעהודע־בערג אין דעם ירושלאַימער קאָרידאָר. 7.300 זענען געשיקט געוואָרן אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע קיבוצים, און קנאַפּע 20 טויזנט האָבן זיך נאָך ביכלאַל ניט אייַנגעאָרדנט. לויט דער אָפּי־ציעלער סטאַטיסטיק „טוליען" זיך 16.400 נעפאַשעס באַ זייערע קרויווים און 3.500 האָבן פאַרגרעסערט די צאָל פון יענע, וואָס וווינען אין די קלאָ־גֶעדיקע כורוועס פון קאַרטאָן, שמאַטעס, בלעך און שטיקלעך פּאַפּיר.

די אָפיציעלע דאַטעס זאָגן אייַדעס, אַז פון די 1.300 דיפּלאָמירטע ספּע־ציאַליסטן, וואָס זענען אָנגעקומען קיין ישׂראל אין יאָר 1957 זענען 648 געווען אַרבעטסלאָז ביזן סאָף יאָר. 24,3 פּראָצענט אינזשעניערן זענען געווען אָן אַרבעט, דאָקטוירים—10 פּראָצענט, דענטיסטן—40 פּראָצענט, כעמיקער—25 פּראָצענט, אַגראָנאָמען—80 פּראָצענט. און וואָס שייַעך אַדוואָקאַטן און זשורנאַליסטן—האָט קיין איינציקער פון זיי ניט באַקומען די מעגלעכקייַט זיך אייַנצואָרדענען לויט זייַן פּראָפעסיע. אייניקע פון זיי זענען אַוועק אַרבעטן פאַר אַ העלפּט לוין און אַנדערע זענען געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן אַף פּלאַנטאַציעס, באַוול־פעלדער און וועג־אַרבעטן.

מענטשן וואָגלען אַרום זוכנדיק אַן אויסוועג, זיי פאַרקויפן פון זיך די מאַלבושים. אין צענטער פון טעל־אוויוו אַף דער יעהודע האַלייווי־גאַס, לעבן דער געבייַדע פון צענטראַלן טעלעגראַף, איז ספּאָנטאַן אויסגעוואַקסן דער „פּוילישער מאַרק", ווו די אימיגראַנטן פאַרקויפן בעכאַצע בינעם אַנצוגן, מאַנטלען, זייגערס, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן און אַנדערע כפייצים. זיי אַלע, פּונקט ווי די אַנדערע, טראַכטן מיט אומרו וועגן דעם, וואָס עס וועט זייַן שפּעטער.

איינע פון די בורזשואַזע ישׂראל־בלעטער האָט באַשריבן אַף אַזאַ אויפן די וואָגלענישן פון די אומגליקלעכע: ווען זיי קומען צו דער אַרבעט־בערזשע, זאָגט מען זיי: „קוידעם קאָל לערנט זיך אויס איוורית, און דאַן וועלן מיר ריידן וועגן אַרבעט". און ווען זיי קענען שוין איוורית, זאָגט מען זיי: „אייַער דיפּלאָם איז אין ישׂראל ניט גילטיק. איר מוזט אָפּגעבן אַן עקזאַמען פון אייַער ספּעציאַליטעט און באַקומען אַ ישׂראלדיקן דיפּלאָם". און ווען עס ווערט דערפילט אויך די פאָדערונג, זאָגט מען זיי: „מיר קענען אייַך ניט אייַנאָרדענען אַף אַרבעט, ווייַל איר זענט עלטער פון 40 יאָר", אָדער „איר האָט ניט קיין רעכט צו באַקומען אַרבעט, ווייַל איין מיטגליד פון אייַער מישפּאָכע אַרבעט שוין".

אונטער דער דראָונג פון צונעמען די הילף פאַר אַרבעטסלאָזע שיקט זייער אָפט די ישׂראלדיקע מאַכט די פרישע אימיגראַנטן אַף בוי־און וועג־

ארבעט. טויזנטער אוילים, צווישן זיי לערערס, דאקטוירים, דענטיסטן, ארטיסטן, זשורנאליסטן און מענטשן פון אנדערע פראפעסיעס, ווערן געצוווּנגען צו ארבעטן ווייט פון די באוווינטע פונקטן, און דערצו נאך גאנץ אפט איז דעם פעריאד פון די ווינטערדיקע רעגנס, שטעלנדיק אין געפאר זייער געזונט.

דעם 3-טן נאוועמבער 1957 האט א קארעספאנדענט פון דער יסראעלישער צייטונג „אינפארמאסיאן. פארעפנטלעכט אן ארטיקל וועגן דער לאגע פון א גרופע אוילים וואס וווינען אין באש-יאם (א פארשטעטל פון טעל-אוויוו). די צייטונג האט געשילדערט דאס לעבן פון א קליינעם ישעוו פון אן ערעך 80 מישפאכעס. דער ישעוו ליגט צעווארפן צווישן זאמדיקע דינעס, אן א ברעקל געוויקס. די מענטשן וווינען אין הייזער פון באראק-טיפ, אן די עלעמענטארסטע באקוועמלעכקייטן, בלויז אין אכט מישפאכעס ארבעט עמיצער, און לויט ווי עס שרייבט די צייטונג, האבן די ארטיקע ארבעט-בערוזעס געגעבן ארבעט פאר עטלעכע געציילטע „בארמאזלס", און דאס אויך בלויז אף 2-3 טאג אין וואך. אלע, וואס זענען עלטער פון 40-50 יאר געפינען זיך אין א צושטאנד פון כראנישער ארבעטסלאזיקייט. פאר זיי האט מען בעשום אויפן ניט געקענט באזארגן עפעס א בשעפטיקונג.

באש-יאם איז ניט קיין אויסנאמספאל, די איינוווינערס פון א ישעוו לעבן קעסאריע, אפן האלבן וועג צווישן טעל-אוויוו און כייפע, געפינען זיך ניט אין קיין בעסערער לאגע. דער ישעוו איז אויך צעווארפן אף זאמדיקע בערגלעך. ארום זעט מען ניט קיין ביימעלע, קיין קוסטעלע, קיין גרעזעלע. אפן זאמד אונטער די ברענענדיקע זון-שטראלן ליגן פלאכע באראקן פון ברעטער. דאס גרעסטע אומגליק פון דעם ישעוו, פונקט ווי פון אלע אנדערע, איז דאס, וואס עס איז ניטא ווו צו ארבעטן. די איינוווינערס באמיען זיך איינצואָרדענען אף ארבעט אין די נאענטסטע שטעט. אויב דאס געלינגט זיי, ווערט געבוירן א פרישע פראבלעם — דער טראנספארט. יעדן פרימארגן קען מען זען אפן שאסיי לעבן קעסאריע גרופעס מענטשן וואס שטייען פארביטערט און ווארטן אפן טראנספארט. זיי שטייען דארט מיט דער האפענונג, אז עפשער וועט א פארבייפארנדיקער לאסט-אויטאמאביל זיי צופירן ביז צו דער נאענטסטער שטאט.

ס'איז ניט קיין וווּנדער, וואס מיטן פארשארפן זיך פון דער נויט צווישן די פאלקס מאסן פון יסראעל, ווערט פארגרעסערט די פארברעכערישקייט, די קארופציע און די זעלבסטמארדן. אין זומער פון יאר 1957 איז אפגעפארן פון טעל-אוויוו אין די פאריייניקטע שטאטן דער מעלוכישער הויפט-פסיכיאטער פון יסראעל. פארן אפפליען האט ער אפן אעראדראם אין לוד געגעבן פאר די קארעספאנדענטן א דערקלערונג וועגן דער איקער-סיבע פון זיין ענדגילטיקן פארלאזן יסראעל. לויט זיינע ווערטער באשטייט די סיבע דערין וואס אים איז אומעגלעך געווען צו באזארגן דאס לעבנס-מינימום פאר זיך און פאר זיין פאמיליע. אין איינעם פון די יערושאלאימער קאפע-הייזער האט זיך פארסאמט א ציין-דאקטער, אן אימיגראנט פון עגיפטן. באם זעלבסטמערדער האט מען געפונען אין קעשענע א בריוו אין וועלכן ער שרייבט, אז ניט קריגנדיק אין משך פון א לאנגער צייט קיין ארבעט און בלייבנדיק אן

שום מיטלען אַף צו דערנערן זײַן מישפּאָכע און צו דינגען פאַר זיי א דירע, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרענדיקן זײַן לעבן מיט זעלבסטמאָרד.

עס געפינען זיך אין אַ שווערער לאַגע ניט בלויז פאַמיליע־מענטשן. דער פּײַן פון אַרבעטסלאָזיקייט און פון מיליטאַריזאַציע לעבט אויך איבער די יוגנט. אין נאָוועמבער 1957 האָט מען אין טעל־אַוויווער געריכט באַהאַנדלט דעם איניען פון אײנעם אַ סיקאָרסקי, אַ באַשולדיקטן אין גנייווע. סיקאָרסקי איז געקומען קײַן יִסראָעל פון פּאַריז. צוערשט איז אים געלונגען זיך אײַנצוראָרדענען אַף אַרבעט אין אַ קיבוץ. שפּעטער האָט מען אים געשיקט אין דער מילכאָמע קעגן עגיפּטן. נאָך דער דעמאָביליזאַציע האָט דער 22 יאָריקער סיקאָרסקי בעשום אויפן ניט געקענט באַקומען עפּעס אַן אַרבעט. אין געריכט האָט ער געזאָגט: „איך האָב געגאַנוועט, אָבער איך האָב ניט געהאַט קײַן אַנדער אויסוועג, איך האָב געמוזט, אָדער גאַנווענען, אָדער שטאַרבן פון הונגער. אויב מען וועט פאַר מיר ניט אויסגעפינען קײַן אַרבעט, וועל איך נאָכן אָפּזיצן מײַן טערמין אין טפיכע, ווידער מוזן גאַנווענען”. סיקאָרסקי איז ניט קײַן אײנצלנער פאַל. דער יִסראָעלדישער פּאָליציי־מיניסטער שיטריט, האָט דעם 6־טן דעצעמבער 1957 דערקלערט, אַז אין לאַנד באַמערקט זיך אַ באַדײַטנדיקע פאַרמערונג פון פאַרברעכנס, און הויפּטזעכלעך צווישן דער יוגנט. לויט זײַנע ווערטער איז אין 1954 די צאָל פאַרברעכנס אין יִסראָעל באַשטאַנען פון 166 טויזנט, צווישן זיי 1400 יוגנטלעכע. אין יאָר 1956 זענען שוין געווען אין יִסראָעל 34 טויזנט פאַרברעכערס, צווישן זיי 5300 יוגנטלעכע. פאַר אַזאַ קלײנעם לאַנד ווי יִסראָעל איז דאָס אַ צו גרויסע ציפער.

וועגן דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אימיגרירטע פון ראַטנפאַרבאַנד און פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, דערציילן די בריוו, וואָס אַנטפּלעקן די טראַגעדיע פון גאַנצע מישפּאָכעס און פון גאַנצע גרופּעס פון דער יִסראָעלדיקער באַפעלקערונג.

דער בירגער ג. שרײַבט צו זײַנע קרויווים אין שטעטל קאַמסאָמאָלסק, קובישעווער קרײַז:

„וואָלעריק, אויב עס עקזיסטירט אַף דער וועלט דער עמעס, געפינט ער זיך אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָ וועסטו אים ניט געפינען. דאָ איז אַ לאַנד, וווּ געלט איז אַלץ, דאָ געוועלטיקט דאָס געלט. מענטשן געזונטע, ניט קײַן קאַליקעס אָדער אינוואַלידן, באַקומען ניט קײַן אַרבעט. אויב דו קענסט אונדז אַרויסשלעפּן פון דעם דאָזיקן יִסראָעל, בעטן מיר דיך, זאָלסט טאָן אַלץ וואָס דו קענסט. שוין אין צוויי כאָדאָשים אַרום נאָך אונדזער קומען אַהער, האָבן מיר פאַרשטאַנען דעם שרעקלעכן עמעס. קינדער און די יוגנט קומען דאָ אום. פאַר דער שולע מוז מען צאָלן. אין אַלגעמיין איז דער מענטש דאָ אַ זעראָ, און דערצו נאָך אַ גאָר קלײנער!

די בירגערין ש. שרײַבט צו אירע פרײַנט אין ווילנע:

„ווען עס וואָלט נאָר געווען אַ מעגלעכקייט זיך אומצוקערן, וואָלטן די מענטשן געקושט די ערד און די שטיינער. באַריאַ קומט אַהיים יעדן טאָג אַ צעטראָגענער. מען באַציט זיך צו אים ניט אַזוי, ווי מען האָט עס געטאָן

באַ אונדז, נאָר ווי צו איינעם וואָס בעט אַ נעדאָווע. די באַציִונג פֿון די היִגע איינוווינערס צו די ניי־געקומענע איז אַ שלעכטע. מענטשן פֿאַרשעלטן זיך פֿאַרן אָפּגעטאָנענעם פֿעלער. און איך בין געווען אַזאַ נאַר, האָב ניט געוואָלט פֿאָלגן מײַן האַרץ און בין געפֿאָרן. זשאַנאַ איז קראַנק געוואָרן און דער דאָקטער האָט זי אַרויסגעטריבן, ווי אַ הונט. קינדער האָבן דאָ ניט פֿאַר זיך קיין שום גוטס, נאָר די גאַס, דעם שטויב און די בלאָטע. אין די שולן זאָרגט מען ניט פֿאַר זיי. פֿאַר מעדיציניִשער הילף מוז מען צאָלן. פֿאַר דער צוקונפֿטיקער פּענסיע (ווען דער אַרבעטער וועט אַלט ווערן 65 יאָר) — אויך. אַרבעטער צאָלן הויכע שטײַערן. צו באַקומען אַרבעט איז זייער שווער, דעריקער פֿאַר אַ פֿרוי, אויב איר מאַן אַרבעט. קיין קינדער־היימען זענען ניטאָ, פֿאַראַן נאָר ביז 12 אַזייגער מיטאָג־שאַ. פּראָדוקטן זענען טײַער, איבערהויפּט פֿלייש און פּוטער. ריכטיקער געזאָגט איז קיין פּוטער ניטאָ, מען עסט מאַרגאַרין. ברויט און גרינס איז ביליק. אַ ראַכמאָנעס אַף די קינדער. ווען איך זע, ווי פּיראַ זיצט אַף דער גאַס אין שטויב און אין בלאָטע און שפּילט זיך מיט ביינדלעך, ווערט מײַן האַרץ באַגאָסן מיט בלוט. זי וואָלט דאָך איצט געקענט זײַן אַף אַ דאַטשע אָדער אין פּיאָנערן־לאַגער. זיך אויסרוען, האָבן אַלץ וואָס אַ קינד באַדאַרף צו האָבן. די גאַנצע גליקלעכע קינדהײַט, די גוטע צוקונפֿט, האָבן די עלטערן צונישט געמאַכט מיט זייערע אייגענע הענט".

לאָמיר דאָ ברענגען נאָך אַ פּאָר בריוו. דער אימיגראַנט יאַקאָוו ק. שרײַבט: „איך בעט, מיר דערלויבן זיך צוריקקערן קיין ראַטנפֿאַרבאַנד. איך בין געקומען קיין ישׂראל קעדיי אָפּצוגעפֿינען מײַן מישפּאָכע. איך באַטראַכט מײַן קומען אַהער און מײַן זײַן דאָ פֿאַר אַ טאָעס. די צײַט איז פֿאַריבער און מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָ אין דעם לאַנד, האָב איך ניט וואָס צו טאָן. האַגאַם איך האָב יאָ געפֿונען אַרבעט, פֿיל איך דאָך, אַז דאָס איז ניט מײַן לאַנד. די רעגירונג איז דאָ אַ שלעכטע, מענטשן זענען דאָ בייזע, עגאָיִסטן און אומבאַוווּסטזיניקע, און צום קאַפּיטאַליזם קען איך ניט און וויל אויך ניט זיך צוגעוווינען. איך געפֿין ניט קיין שום געמיינזאַמעס צווישן מיר און זיי, איך פֿאַרשטיי זיי ניט, האַגאַם די שפּראַך קען איך גוט".

ניט קיין קליינעם אינטערעס שטעלט פֿאָר מיט זיך דער בריוו פֿון דווירע וו., אַ פֿעלדשעריִן לויטן פֿאַך, אַ געוועזענע בירגעריִן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָס איז געקומען קיין ישׂראל דורך פּוילן אין יאַנואַר 1957. זי שרײַבט: „איך וויל זיך אומקערן אין מײַן היימלאַנד, ווײַל דער קאַפּיטאַליזם זויגט אויס פֿון דעם אַרבעטער זײַן בלוט און שפּעטער שליידערט ער אים אַרויס אַף דער גאַס. דער קולטורעלער ניוואָ איז דאָ זייער נידעריק, די מעדיציניִשע הילף איז דאָ אַזוי טײַער, אַז דאָס איז פֿאַר אַ פּאַשעטן אַרבעטער ניט צוטרעטלעך. טויזנטער מענטשן דרייען זיך אַרום אַרבעטסלאָז און זייערע מישפּאָכעס הונגערן. דאָס איז גורעם אַ סך מאָרדן און פֿאַלן פֿון זעלבסטמאָרד. די וווינונגס־באַדינגונגען זענען דאָ שרעקלעכע. מיר וווינען אין באַראַקן אָן ליכט, און אַ לאַנגע צײַט זענען מיר געווען אָן וואַסער, באַ אַ היץ פֿון 40־48 גראַד. באַ אונדזער אָנקומען קיין ישׂראל איז די ערשטע פֿראַגע, וואָס איז אונדז געשטעלט געוואָרן: „צו וואָס זענט איר אַהער געקומען?

מיר מאַטערן זיך דאָ שווין גענוג אַן אַיָד, אַן אַרבעט און אַן דירעס, און דאָ קומט איר צו פאָרן"...

ווען מען רעדט וועגן דער לאַגע פון די סאָוועטישע בירגער, וואָס זענען אַנגעקומען קיין יִשׂראָעל דורך פּוילן, קען מען ניט פאַרבײַגיין מיט שטיל־שווײַגן דעם כאַראַקטעריסטישן מענטשלעכן דאָקומענט, אין וועלכן עס אַנט־פּלעקט די פאַרלוירענע האָפענונגען פון איינעם זייער אַן אַלטן מאַן. דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם גורל פון יאַקאָוו מאַיסעוויטש פרידמאַן, וואָס האָט אימיגרירט קיין יִשׂראָעל פון ראַטנפאַרבאַנד. אין יאָר 1954. מיר גיבן דאָ אַן פרידמאַנס פולן נאָמען, ווײַל מיר גלויבן אַז זײַן עלטער וועט אים שיצן פון רעדיפעס, וואָס ווערן אַנגעווענדט קעגן אַנדערע אימיגראַנטן פאַר זייער וואָגן אויסצודריקן זייער פּראָטעסט קעגן די אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען אין וועלכע זיי געפינען זיך.

י. מ. פרידמאַן, וואָס איז איצט אַלט 85 יאָר, איז געקומען קיין יִשׂראָעל פון קיעוו. לויט זײַנע רייד, האָט דער מאַן געווידמעט זײַן גאַנץ לעבן דעם קאַמף צו שאַפן אַ ייִדישע מעלוכע אין פּאַלעסטינע. ווען פרידמאַן איז אַנגע־קומען קיין יִשׂראָעל, האָט מען אים אויפגענומען מיט גרויס קאָוועד, מען האָט וועגן אים געשריבן, אײַנגעאָרדנט לעקאָוועד אים אויפנאַמעס און דער־קלערט אים פאַר אַ יִשׂראָעלדיקן ערן־בירגער, מען האָט אים אַפילע באַפרײַט פון שטײַערן.

אַוועק זענען יאָרן און דער אַלטער אימיגראַנט האָט מיט אויפמערק־זאַמקײַט נאָכגעפאָלגט דעם לעבנס־שטייגער פון זײַנע מיטבירגער, און דאָ האָט ער זיך איבערצײַגט אין זײַן באַגאַנגענעם פאַטאַלן טאָעס. „איצט, זאָגט ער, ווען איך האָב זיך גענוי באַקענט מיט די לעבנסבאַדינגונגען פון די פּאַשעטע האַרעפּאַשנע ייִדן אין דעם קאַפּיטאַליסטישן יִשׂראָעל, בין איך אַנטוישט און דערשיטערט, ווײַל כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז מײַן גאַנץ לעבן איז געווען אַ טאָעס. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב געקעמפט פאַר אַ זאַך, וואָס איז שעדלעך פאַרן ייִדישן אַרבעטער. ווען איך זאָל זיך ניט שעמען, וואָלט איך אַנגעפאַנגען צו סטאַרען זיך וועגן אַ דערלויבעניש זיך צוריקצו־קערן קיין ראַטנפאַרבאַנד, ניט קוקנדיק אויף מײַנע גאָר אַלטע יאָרן".

אָט זענען נאָך עטלעכע אויסצוגן פון בריוו פון די לעצטע צײַטן:

דער בירגער א. ג. שרײַבט צו דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט: „נאָך מײַן אַנקומען אין יִשׂראָעל האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויסן פעלער איך האָב אָפּגעטאָן. דאָ איז ניטאָ קיין לעבנס־באַדינגונגען פאַר אַן אַרבעטס־מענטש. איך בין אַלט 46 יאָר. דאָ רעכן איך זיך פאַר אַן אַלטן מאַן און ס'איז פאַר מיר זייער שווער צו באַקומען אַרבעט. אין פאַרלויף פון אַנדערט־האַלבן יאָר האָב איך געאַרבעט 7 כאָדאָשים. בעיס דער אַרבעט באַצאָלט מען זיך ניט ווי צו אַ מענטשן, נאָר ווי צו אַן אַרבעטס־בעהיימע. יעדע רעגע לעבט מען אין שרעק צו הערן „קומט ניט, עס איז ניטאָ קיין אַרבעט", און מײַן פרוי, אַ דערצויגענע אין ראַטנפאַרבאַנד, קען ניט שאָלעם מאַכן דער־מיט, וואָס קינדער דערציט מען דאָ אין אַנטי־סאָוועטישן גײַסט. אונדזערע קינ־דער ווערן דאָ פאַרעכנט פאַר צווייטראַנגיקע בירגער, ווײַל מײַן פרוי איז ניט

קיין יידישע און איז ניט מאסקים דורכצופירן די רעליגיעזע ריטואלן איבער אונדזערע קינדער, דעריבער שטייען זיי אויס קאלערליי באליידיקונגען פון דער ארומיקער סוויווע". און אט האט איך א בריוו פון א יונגער פרוי, יעהודים וו., וואס איז נאר וואס אריינגעטראטן אין לעבן און האט שוין פארזוכט די ביטערקייט פון אנטוישונג. אירע עלטערן זענען אומגעקומען אין די טפיסעם פון היטלעריסטישן דייטשלאנד. יעהודים, נאך א קינד, איז געלונגען צו ראטעווען און עוואקוירן אין אודומוטריע, ווו זי האט געלעבט אין א קינדער־היים. מיט דער האפענונג אויסצוגעפינען אירע עלטערן איז זי אפגעפארן קיין פוילן און פון דארטן אין יִשׂראל. שרייבט זי: „נאך אונדזער אנקומען האט מען אונדז פארטיילט איבער פארשיידענע קיבוצים. אין די קיבוצים איז אונדז פארווערט געווען צו זינגען און רעדן רוסיש, מען האט אפילע באשטראפט דערפאר. אין קיבוץ האב איך פארשטאנען אז מען האט אונדז אפגענארט. איך האב מיך איבערצייגט, אז מיין היימלאנד איז נאר דער ראטנפארבאנד. אלע מיינע יארן לעב איך בלויז מיט דער סאוועטישער קולטור, מיטן סאוועטישן גייסט, און איך בענק שטארק נאך מיין היימלאנד.. יהודים וו. בעט, עס זאל איר דערלויבט ווערן זיך צוריקקערן אין ראטנפארבאנד.

דא זענען אייניקע בריוו פון אימיגראנטן פון אנדערע לענדער. נינא מ. שרייבט: „איך און מיין מאן און דריי קינדער זענען אנגעקומען אין יִשׂראל אין יאנואר 1950 פון פוילן, ווי רעפאטריאנטן פון ראטנפארבאנד. ערשט ווען מיר זענען געקומען אהער האבן מיר פארשטאנען אונדזער טאעס, און וואס מיר האבן פארלוירן. מיר האבן דריי קינדער, וועלכע לערנען זיך אין א שול און זענען געקומען פון א לאנד מיט א הויכן קולטורעלן און לעבנסניווא, ווו פאר זיי זענען געשאפן געווארן אלע באדינגונגען צו ווערן מענטשן. דא לערנט מען זיי ניט קיין וויסנשאפטלעכע לימודים, נאר רעליגיע. ניט איך, ניט מיין מאן פארמאגן דא קרוויוים. מיין מאן ארבעט ניט אד האיאם און איך ארבעט ווי א קראנקן־שוועסטער און האלט אויס ווי עס איז די גאנצע מישפאכע. געבוירן בין איך אין דער טורקמענער סס"ר. איך האב זיך באטייליקט אין דער גרויסער פאטערלענדישער מילכאמע. איך בעט, אונדז צו דערלויבן זיך אומצוקערן אין אונדזער פאטערלאנד".

בראניסלאוו א. שרייבט, אז באם אנקומען אין יִשׂראל האבן, ער און די איבעריקע מיטגלידער פון זיין מישפאכע זיך אפגעזאגט אונטערצושרייבן א דעקלאראציע וועגן אננעמען די יִשׂראל־בירגערשאפט. „מיין פרוי און קינדער זענען קארבאנעס פון א שרעקלעכער דיסקרימינאציע, איבערהויפט מיין טאכטער אין שול. קיין שום זאך פארבינדט אונדז ניט מיט יִשׂראל. דער ציל פון אונדזער קומען אהער איז געווען, די מישפאכעס זאלן זיך פאראייניקן מיט די קרוויוים, וועלכע מיר ווילן איצט ניט קענען. און אט, צוליב אונדזער לייכטזיניקייט, געפינען מיר זיך אפן גרונט פון א מענטשלעכער טראגעדיע. מיר ווילן פאררעכטן אונדזער פעלער און ארבעטן פארן פאלק פון אונדזער היימלאנד".

„איך קאן דא ניט לעבן, שרייבט בעניאמין ק., ווען אין מיין שטוב

הערשט הונגער און נויט און מײַנע אַלטע עלטערן לײַדן. מען צווינגט מיך ווערן אַ פֿאַררעטער פֿון די אינטערעסן פֿון אַרבעטער־קלאַס און אונטערצו־שרײַבן אַ דעקלאַראַציע וועגן מײַן אָפּזאָגן זיך פֿון מײַנע איבערצײַגונגען און פֿון דעם קלאַסנקאַמף. אָדער עס איז פֿאַראַן פֿאַר מיר אַן אַנדער אויסוועג — ווערן אַ גאַנעוו און פֿאַרענדיקן מײַן לעבן אין טפֿיסע".

יאַנקעוו א. וווינט אין ישׂראל שוין 8 יאָר. ער בעט, מען זאָל דערלויבן אים, זײַן ווײַב און צוויי קינדער זיך צוריקקערן אין זײַן היימלאַנד. ער שרײַבט: „ישׂראל, טראָץ דעם אויסערלעכן אַמעריקאַנער גלאַנץ, בלײַבט פֿאַר מיר אַ פֿײַנטלעך לאַנד. מײַן יעדער פּרווו זיך אײַנצולעבן אין ישׂראל האָט געבראַכט בלויז איין רעזולטאַט — אַ נאָך שטאַרקערע בענקשאַפֿט צו מײַן היימלאַנד. ניטאָ קײַן צווייפֿל אַז די ישׂראלדיקעווירקלעכקייט — דאָס איז די הערשאַפֿט פֿון נידערטרעכטיקייט, פּרינציפּלאָזן עגאָיזם און אָפּוועזנ־הייט פֿון יעדער מענטשלעכער ווירדע".

דער שלאָסער און מאָנטירער שמואל ד. שרײַבט: „איך קען זיך ניט צוגעוווינען צו ישׂראל, ווײַל דאָס לאַנד איז אין אַלע הינזיכטן פֿײַנטלעך צו מיר. עס זענען מיר פֿײַנטלעך סײַ די מענטשן, סײַ די נאַטור. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז קעדיי צו ווערן אַ ישׂראלי מוז איך זיך גרונטלעך ענדערן, פֿאַרלירן אַלץ, וואָס מען האָט מיך געלערנט אין מײַן היים. מיט אַנדערע ווערטער, איך מוז ווידער געבוירן ווערן קעדיי זיך צוגעוווינען צום היינ־ווילדן נאַציאָנאַליזם, עגאָיזם און אַמאָראַצעס".

אַזעלכע זענען די בריוו פֿון די אימיגראַנטן, וווּ עס ווערן אַן שום באַכ־מעס אויסגעדריקט די פֿאַרצווייפֿלונג און ווייטיקן פֿון פּאַשעטע מענטשן, וואָס זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שווערער לאַגע, מאַכמעס זייער אַנטוישונג פֿון דער שרעקלעכער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט אין ישׂראל.

די ישׂראלדיקע און אַמעריקאַנער אויסשפּיר־דינסט נוצן אויס אַף אַ ברייטן אופֿן די ייִדישע אָולים וואָס קומען פֿון פּוילן, אונגאַרן, רומעניע און פֿון אַנדערע לענדער פֿון סאָציאַליסטישן לאַגער, קעדיי צונויפֿצוזאַמלען שפּיאָנאַזש־ידיעות. איינער אַ רומענישער ציעניסט, וואָס איז געקומען קײַן ישׂראל אין פֿרילינג 1957, איז אַרויסגעפֿאָדערט געוואָרן צו דער ייִדישער אַגענץ, ווו עס איז אים פֿאַרגעשלאָגן געוואָרן, פֿאַר אַ פּאַסיקן לוין אַנצוגעבן ידיעות וועגן רומעניע. אין דער אַנקעטע וואָס מען האָט אים געגעבן אויס־צופֿילן, זענען געווען איבער 30 פֿראַגעס, צווישן זיי אויך וועגן זײַנע פּאָלי־טישע איבערצײַגונגען, וועגן זײַן פּאָליטישער טעטיקייט, און צי ער האָט גע־ליטן פֿון פֿאַרפֿאָלגונגען. בויך די אַלע אַלגעמיינע פֿראַגעס, האָט מען דעם רומענישן אימיגראַנט, וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלן אין דער נעץ פֿון דער ישׂראל־דיקער און אַמעריקאַנער אויסשפּיר־דינסט, געשטעלט פֿראַגעס וועגן פּאַרטיי־דיקונגס־אָביעקטן אין רומעניע, געפֿרעגט וועגן די נאַטירלעכע רײַכטימער פֿון לאַנד און וועגן אַנדערע מעלוכע־סודות.

אַ ספּעציעלע באַאַרבעטונג פֿירט דורך די ישׂראל־מאַכט איבער די אָולים פֿון פּוילן, רומעניע און אַנדערע לענדער, וואָס האָבן געדינט אין דער אַרמיי. מען פּרוּווט זיי אויסצונוצן פֿאַר שפּיאָנאַזש־צוועקן, מען פֿאַרשט באַ

זיי אויס יעדיעס וועגן די באַוואָפנטע קויכעס, וועגן די פּאָרטן אָפּן באַלטישן און שוואַרצן יאַם און וועגן אַנדערע וויכטיקע פאַרטיידיקונגס־אָביעקטן. די אויסלענדישע אויסשפּיר־דינסט האָט אַזוי אַרום דורך איר אַגענטור, אַרויסבאַקומען באַ אייניקע אוילים וואָס האָבן געדינט אין פּוילישן מיליטער, אייניקע יעדיעס, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר מעלוכע־סוידעס פון דער פּוילישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

מען מוז פעסטשטעלן אַז די מערהייט אימיגראַנטן וואָס קומען קיין יִשׂראל פון די לענדער פון סאָציאַליסטישן לאַגער, הייבן גלייך אַז אָפּן אַנדערן טאָג צו טראַכטן ווי אַזוי זיך אַרויסצוראַטעווען פון דעם לאַנד. צו די פּוילישע, אונגאַרישע און רומענישע מיסיעס, צו דער געזאַנדשאַפט פון ראַטנפאַרבאַנד אין טעל־אָוויוו ווענדן זיך טאָג טעגלעך הונדערטער מענטשן מיט ביטעס וועגן דער מעגלעכקייט זיך צוריקקערן אין זייערן היימלאַנד. אָבער אַרויסצופאָרן איז קימאַט אוממעגלעך. די יִשׂראל־מאַכט שאַפט קאָלערליי שוועריקייטן פאַר די אימיגראַנטן, וואָס ווילן צוריקפאָרן אַהיים. די אַגענץ פאָדערט באַ זיי צוריק אַלע הויצאָעס וואָס זייער רייזע קיין יִשׂראל האָט אָפּגעקאָסט. דאָס באַטרעפט קימאַט שטענדיק 2 טויזנט יִשׂראלישע פונט, וואָס אַן אַרבעטסלאָזער אוילע איז ניט בעקויעד אויסצוצאָלן, כוץ דעם מוז דער אוילע באַצאָלן אַלע שטייערן און אויך אומקערן אַלע קרעדיטן וועלכע ער האָט באַקומען פאַר איינאָרדענען זיך אַף לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, אויב ער האָט נאָכן אָנקומען קיין יִשׂראל געוווינט אין אַ דאָרפישער געגנט. גלייכצייטיק קומט נאָך אַ שוועריקייט פאַרן אימיגראַנט, וואָס וויל צוריקפאָרן אַהיים, די שוועריקייטן מיצאַד די מיליטערישע אַנשטאַלטן. די זאַך איז די, וואָס יעדער יִשׂראלי אין עלטער פון מיליטער־דינסט, מוז קעדיי צו באַקומען אַן אַרויספאָר־וויזע, קריגן אַ דערלויבעניש אַף אַרויסצופאָרן מיצאַד דעם קריגס־מיניסטעריום. אָבער דאָס קריגס־מיניסטעריום, וואָס באַטראַכט יעדן אוילע אַלס קאַנאָנען־פלייש, גיט ניט קיין האַסקאָמעס אַף אַרויסצופאָרן. אַף דעם באַדן איז ערשט ניט לאַנג פאָרגעקומען אין טעל־אָוויוו אַן עמעסער בונט פון פּוילישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן געפאָדערט מען זאָל זיי דערלויבן אַרויסצופאָרן פון לאַנד קיין פּוילן.

די פאָדערונג פון די פּוילישע, אונגאַרישע און אַנדערע אוילים וועגן צוריקפאָרן אַהיים, האָבן באַקומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. באַ דער געביידע פון דער יִדישער אַגענץ פאַרזאַמלען זיך אָפטמאָל הונדערטער מענער מיט זייערע פרויען און קינדער; זיי פאָדערן אַרבעט, זיי בעטן ראַכמים מען זאָל זיי דערלויבן אַרויסצופאָרן, זיי דערקלערן הונגער־שטרייקן. קימאַט שטענדיק פאַרענדיקט זיך דאָס דערמיט, וואָס די באַאַמטע פון דער יִדישער אַגענץ רופן אַרויס פּאָליציי און זי צעטרייבט דעם אוילעם מיט שטעקנס. מאַכנעס מענטשן פאַרזאַמלען זיך אויך באַ די געביידעס פון די מיסיעס פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, צו וועלכע די אימיגראַנטן ווענדן זיך מיט ביטעס וועגן צוריקפאָרן אַהיים. אָבער די יִשׂראל־רעגירונג מאַכט וואָס אַמאָל אַלץ שווערער דעם איניען צו לייזן אַזעלכע פראַגעס און מיט קאָלערליי וועגן שטערט זי די אימיגראַנטן אַרויסצופאָרן. אין שייכעס דערמיט ווערן פאַרצייכנט אַ

סאַך פאַלן ווען אוילים, פאַרלירנדיק יעדע האָפענונג אַף אַרויסצורייַסן זיך פון יִשׂראָעל, שמאַדן זיך, נעמען אָן דעם קאַטוילישן גלויבן אַלס טויש פאַר אַ פּאַספּאַרט און פינאַנציעלער הילף, אַבי אַרויסצופאָרן כאָטש ערגעץ וווּ...

אַזוי זעט אויס די לאַגע פון די אימיגראַנטן אין יִשׂראָעל. דערקעגן וואַקסן די רעוואָכים פון די גווירים און עס פאַרשפּרייט זיך די ספּעקולאַציע. דאָס זענען געצוווּנגען צו אָנערקענען אַפילע די ציִעניסטישע לידערס. אין די טעזיסן פון באַריכט באַם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון מאַפּאַם, האָט דער פּאַרטיי־פּאַרזיצער מייער יאַארי פעסטגעשטעלט, אַז „אונדזער לאַנד איז הייַנט צו טאָג אַ גאַנעידן פאַר דער ספּעקולאַנטישער בורזשואַזיע. ס'איז ניט פאַראַן קייַן גענוגנדיקער קאָנטראָל איבער די רעוואָכים פון די אימפּאָרטירערס און איבער די קאַפּיטאַליסטישע קאַרטעלן. עס ווערט פאַרגעזעצט דאָס ניט צאָלן פון שטייַערן און די פלייטע פון קאַפּיטאַלן קייַן אויסלאַנד".

אַזוי זעט אויס דאָס לעבן אין יִשׂראָעל: אַ גאַנעידן פאַר אַ קליין הייַפל בורזשואַזע ספּעקולאַנטן און אַ לעבן אין דאַכקעס פאַר די פאָלקס־מאַסן. די פאַקטן איבערצייַגן, אַז צענדליקער און הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן אין פאַרשידענע יאָרן פאַרלאָזט זייערע היימען און געפאָרן קייַן יִשׂראָעל, פירן דאָרט אַ מיזעראַבלע עקזיסטענץ.

די אַרבעטער־מאַסן אין יִשׂראָעל פירן אַ שווערן און אַקשאָנעסדיקן קאַמף פאַר זייערע סאָציאַלע רעכטן, נאָר אַ גרונטלעכער ענדערונג פון דער מעלוכע־פּאָליטיק, צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ פּאָליטיק פון שאָלעם, נייַטראַליטעט און אומאָפּהענגיקייַט, פאַרן אָפּשטעלן די רעדיפעס איבער דער אַראַבישער באַפעלקערונג און פאַרן אָנערקענען דאָס רעכט פון די אַראַבישע פּליטים זיך צוריקצוקערן אַהיים. די האַרעפּאַשנע מאַסן פאָדערן וואָס אַמאָל אַלץ ענערגישער צו רעספּעקטירן און אָפּהיטן די דעמאָקראַטישע רעכטן פון פאָלק. זיי טרעטן אַרויס קעגן יִשׂראָעלס אָפּהענגיקייַט פון אימפּעריאַליזם, פאַר אַ געמיינזאַמער צוזאַמענאַרבעט מיט די אַראַבישע פעלקער קעגן אימפּעריאַליזם. קייַן שום געמיינזאַמעס איז פאַראַן צווישן די שטרעבונגען פון די פאָלקס־מאַסן פון יִשׂראָעל און די יִשׂראָעלישע רעגירונגס־קרייַזן — עס ליגט צווישן זיי אַן אָפּגרונט.

אין לאַנד שטייַגט די שטרייַק־באַוועגונג, געצילט צו פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די אַרבעטער. אַנהייב 1959 האָבן זיך באַטייליקט אין דעם שטרייַק פון דער טעקסטיל פאַבריק „אַטאַ" 1800 אַרבעטער. הונדערט טעג האָבן זיי ניט דערלאָזט די אַדמיניסטראַציע זאָל לאָזן די פאַבריק אין גאַנג און זיי האָבן אויסגעפּועלט אַז זייערע פאָדערונגען זאָלן באַפרידיקט ווערן. עס האָבן געשטרייַקט אויך אַרבעטער פון אַנדערע פאַבריקן. אין דעם שטרייַק־קאַמף האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — עס האָבן געשטרייַקט דאָקטוירים, אינזשעניערן, לערערס, פּראָוויזאָרס, נאַטור־וויסנשאַפטסלייַט און אַפילע באַאַמטע פון די רעגירונגס־אַנשטאַלטן.

אַלץ אָפטער קומען פאָר דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטסלאָזע פון ערד־אַרבעטער, וואָס קומען אין שטאָט אַרייַן קעדיי אויסצודריקן זייער אומצו־

פרידנקייט מיט דער רעגירונגס־פאליטיק. עס דעמאנסטרירן סטודענטן קעגן דער העעברונג פון דעם סכאר לימוד, עס דעמאנסטרירן האנטווערקערס און קליינהענדלערס קעגן דעם וווּקס פון די שטייערן און דער אויבערמאכט פון אויסלענדישן קאפיטאל, עס דעמאנסטרירן אימיגראנטן פאדערנדיק ארבעט און ברויט, אראבער וועלכע ליידן פון יאך פון דער מיליטערישער פארוואלטונג. אפטמאל ווערן די דעמאנסטראציעס פארענדיקט מיט צוזאמענשטויסן מיט דער פאליציי, מיט מיליטערישע אפטיילונגען. קעגן די ארבעטער גייען אין גאנג גומענע שטעקנס, טרערן־באמבעס, וואסער־שטראמען און אנדערע פאליציייִשע מיטלען, וואס שטאמען פון דעם ארסענאל פון דער אמעריקאנער פאליציי.

א העכסט אנגעשטרענגטע לאגע האט זיך געשאפן אין לאנד זומער פון יאר 1959. דער וווּקס פון די פרייזן און פון ארבעטסלאזיקייט, די פארשארפונג פון די סאציאלע ווידערשפרוכן, די אומצופרידנקייט פון פאלק מיט דער אנטי־פאלקישער אויסערן פאליטיק, דעריקער צוליבן אפמאך פון דער בען־גוריאן רעגירונג מיט דער מייִרעוו־דייטשער רעגירונג וועגן דער אויסארבעטונג אין די יִסראעל־פאבריקן פון קלענערע וואפן פאר אדענאוערס ווערמאכט — דאס אלץ האט מיטגעווירקט צו פארשטארקטע בעלוקע־דייעס צווישן די מיטגלידער פון די הערשנדיקע קרייזן. דעם 30־טן יוני האט בען־גוריאן צוגעשטעלט אין פארלאמענט א רעזאלוציע, פאדערנדיק גוטצוהייסן דעם אפמאך וועגן צושטעלן דער מייִרעוו־דייטשער ארמיי א באדייטנדיקע צאל גראנאטן־ווארפערס. דאס אונטערכאסמענען א קאנטראקט אז יִסראעל זאל ליפערן געווער פאר געוועזענע היטלער־גענעראלן, פאר די מערדערס פון מיליאנען יִדן, האט ארויסגערופן שטורמישע דעמאנסטראציעס איבערן לאנד. דעפוטאטן פון דער קאמוניסטישער פארטיי און פון מאפאם זענען ארויסגעטראטן אין קנעסעט, קריטיקירנדיק שארף דעם אפמאך. די מיניסטארן פון בען־גוריאנס קאבינעט, די פארשטייערס פון מאפאם און אכדוט האאוואדא האבן אויך קריטיקירט דעם אפמאך און געפאדערט פון בען־גוריאנען, ער זאל צושטעלן די דימיסיע פון זיין רעגירונג. פון זיין זייט האט בען־גוריאן געפאדערט די דימיסיע פון די מיניסטארן פון „אכדוט האאוואדא" און „מאפאם", וואס זענען ארויסגעטראטן קעגן דעם אפמאך וועגן צושטעלן געווער פאר מייִרעוו־דייטשלאנד. האגאם פאר בען־גוריאנס רעזאלוציע האבן געשטימט 57 דעפוטאטן, זענען דאך געווען 45 שטימען קעגן, בא 6 אפגעהאלטענע. עס האט זיך שטארק א וואקל געטאן בען־גוריאנס פאזיציע. עס האט זיך געשאפן א רעגירונגס־קריזיס און דעם 16־טן יולי איז בען־גוריאנס רעגירונג געצוווּנגען געווען זיך אנצוגעבן אין דימיסיע.

צו בילדן א פרישע רעגירונג אף א פארלאמענטארן וועג איז בען־גוריאנען ניט געלונגען. דער קריזיס האט זיך פארצויגן, די אויטאריטעט פון דער רעגירונג צווישן דער באפעלקערונג איז נאך מער און מער געפאלן. דורך הינטערקוליסן־אונטערהאנדלונגען איז די פראגע געלייזט געווארן צייטווייליק און אף גאר ניט קיין געוויינלעכן אויפן. יִסראעלס פרעזידענט, בען־צווי, האט געמאלדן אז די איצטיקע „רעגירונג אין דימיסיע" אין דעם פריערדיקן צוזא־

מענשטעל, וועט פירן דאס לאנד ביז די וואלן צו דער קנעסעט, וואס וועלן פארקומען אין נאוועמבער 1959.

די אינטערעסן פון די ישראעלדיקע ארבעטער־מאסן, אין זייער קאמף קעגן די רעאקציאנערע רעגירונגס־קריזיז, דריקט אוים די קאמוניסטישע פארטיי פון ישראעל, וואס איר פאליטישע פאזיציע קען זיך שוין דער לייענער פארשטעלן פון די אויבנדערמאנטע מאטעריאלן.

די קאמוניסטישע פארטיי פון ישראעל, וואס איז געשאפן געווארן אין יאר 1948, שטאמט פון דער קאמוניסטישער פארטיי פון פאלעסטינע, וועלכע איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1922 פון די פריער עקזיסטירנדיקע קאמוניסטישע גרופעס, און איז געווען א סעקציע פון דעם קאמינטערן.

די קאמפארטיי פון פאלעסטינע וואס אין איר ארגאניזירונג און טעטיקייט האבן פון אנפאנג אן אקטיוו אנטיילגענומען יידישע כאוויירים, וועלכע האבן זיך באטייליקט אין דעם רעוואלוציאנערן מארקסיסטיש־לעניניסטישן קאמף אין רוסלאנד און אין אנדערע אייראפעישע לענדער, איז דורכגעגאנגען א שווערן און לאנגן וועג. עס איז איר אויסגעקומען צו פירן א קעסיידערדיקן פארביסענעם קאמף מיט די נאציאנאליסטן, רעוויזיאניסטן און מיט אנדערע סאנים פון מארקסיזם־לעניניזם, ווי אויך מיט דער ציעניסטישער אימפעריאליסטישער אידעאלאגיע. די קאמפארטיי האט ארגאניזירט ארום זיך מארקסיסטישע ארבעטער־עלעמענטן און גרופעס און האט פארשפרייט קאמוניסטישע אידעעס צווישן די יידישע און אראבישע ארבעטער. ווי אן אומלעגאלע פארטיי האט זי זיך אנגעטראפן אף איר וועג מיט גרויסע שוועריקייטן, דאך איז די פאלעסטינער קאמוניסטן געלונגען צו אנטוויקלען אן ארבעט איבערן גאנצן לאנד, אפילו אין דעם פעריאד פון די שטארקסטע אונטערדריקונגען און פארפאלגונגען מיצאד דער ענגלישער קאלאניאלער אדמיניסטראציע, וועלכע האבן גוירעם געווען א סאך קארבאנעס, האט די קאמפארטיי געפירט איר קאמף אף צוויי פראנטן: קעגן דעם רויבערישן ענגלישן אימפעריאליזם פון איין זייט, און קעגן דעם נאציאנאלן שאוויניזם פון ציעניזם פון דער אנדערער זייט. אף דעם באדן האט זיך געשאפן אן אקציע־אייניקייט פון די יידישע און אראבישע ארבעטער. שוין דעם 1־טן מאי 1924, זענען אונטער דער ליטונג פון דער קאמפארטיי ארוים אין א געייניקטער דעמאנסטראציע אין שטאט אטליט יידן צוזאמען מיט אראבער, דערוויזנדיק אז די אייניקייט פון די פאלעסטינער הארעפאשניקעס קעגן געמיינזאמען סוינע, אומאפהענגיק פון זייער נאציאנאליטעט, איז אויך פראקטיש דורכפירבאר אין אירע ספעציפישע באדינגונגען.

די טעטיקייט פון דער קאמפארטיי פון ישראעל ווערט געפירט אין זייער שווערע באדינגונגען. די שאוויניסטישע פאליטיק פון בען־גוריאנס רעגירונג האט דערפירט אז ישראעל זאל זיך קעגנשטעלן די לענדער און פעלקער וואס קעמפן קעגן דעם קאלאניאלן יאך. דער קאמפארטיי קומט אוים צו פירן א פארביטערטן קאמף קעגן אזא פאליטיק פון דער רעגירונג פון ישראעלדיקן ציעניזם.

די גרונט־פאזיציעס פון דער קאמפארטיי אין אט דעם פראט זענען

פעסטגעשטעלט געווארן אפן 13־טן צוזאמענפאר פון דער קאמפארטיי פון יִסראעל. די טעזיסטן זענען אט וועלכע: פרידלעך רעגולירן די באציונגען צווישן יִסראעל און די אראבישע לענדער, א קאמף קעגן דער אונטערדריקונג פון דער אראבישער מינדערהייט אין יִסראעל, קאמף קעגן דער פאליטיק, וואס איז פארקערפערט אין דער „אייזנהאווער־דאללעס־דאקטרין. וואס שייך דער אויסערן־פאליטיק, טרעט ארויס די קאמפארטיי פון יִסראעל פאר אן אנטשיידענעם אפזאגן זיך פון דעם איצטיקן קורס פון בען־גוריאנס רעגירונג און פון דער אפהענגיקייט לעגאבע די פאר. שט., פאר א פאליטיק פון נייטראליטעט און פאר א רעגירונג פון שאלעם און נאציאנאלער אומאפהענגיקייט. די קאמפארטיי פאדערט אומדערמידלעך די פארבעסערונג פון די באציונגען מיטן ראטנפארבאנד און מיט די לענדער פון דער פאלקס־דעמאקראטיע.

אין דעם עקאנאמישן טייל טרעט ארויס די קאמפארטיי פון יִסראעל קעגן דער פארשטארקונג פון אויסלענדישן קאפיטאל אין לאנד, זי פאדערט באטל צו מאכן די קאנצעסיעס פאר די אויסלענדישע מאנאפאלן, צו נאציאנאליזירן די אונטערנעמונגען פון דער מינען־אינדוסטריע און פון די וואסער־רעסורסן, צו נאציאנאליזירן אלע אונטערנעמונגען וואס געהערן דעם אויסלענדישן מאנאפאל־קאפיטאל, סיי די דירעקטע און סיי די וואס געפינען זיך אונטער דער יִסראעלישער מארקע. די קאמפארטיי פון יִסראעל, ווי די אנפירערן פון דעם ארבעטער־קלאס, פירט אלע הארעפאשניקעס צום קאמף קעגן דער קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע און פארשקלאפונג, פארן וווקס פון דעם לעבנס־ניוואָ.

נאכן דורכפאל פון דער סיניי־אוואנטורע זענען אין יִסראעל אקטיוויזירט געווארן פארשיידענע דעמאקראטישע ארגאניזאציעס, צווישן זיי די געזעלשאפט „פריינטשאפטס־באוועגונג יִסראעל־פסס״ר", וואס איז געשאפן געווארן אין אקטאבער 1954 אפן „פריינטשאפטס־קאנגרעס". די געזעלשאפט פארעפנטלעכט א סאך פארשידנארטיקע מאטעריאלן וועגן דעם לעבן אין ראטנפארבאנד, זי ארדנט איין אויסשטעלונגען פון פאטאגראפיעס און א. וו. אין די לענין־טעג זענען אין טעל־אוויוו, כייפע און יערושאלאים דורכגעפירט געווארן מיט גרויס דערפאלג די אויסשטעלונגען „לענינס לעבן און טעטיקייט", און רעפראדוקציעס פון בילדער פון סאוועטישע מאלערס אף דער טעמע וועגן דער גרויסער סאציאליסטישער אקטאבער־רעוואלוציע. אין די מיטינגען און פארזאמלונגען לעקאוועד 40 יאר ראטנפארבאנד האבן זיך באטייליקט איבער 60 טויזנט מאן.

צווישן די פראגרעסיווע ארגאניזאציעס אין יִסראעל, פארנעמט א זייער וויכטיקן ארט „דער אראבישער פראנט", וואס איז א פראגרעסיווע ארגאניזאציע צווישן דער אראבישער באפעלקערונג געגרינדעט אין 1958, בא דער אקטיווער אנטיילנעמונג פון קאמוניסטן און לינקע יִדישע עלעמענטן. די אנפירער פון דער ארגאניזאציע האבן די פראגראם פון „אראבישן פראנט" פארגעבראכט פאר דער יִסראעלישער געזעלשאפטלעכקייט, דעם 10־טן אויגוסט 1958, אף א פרעסע־קאנפערענץ אין טעל־אוויוו. זיי האבן דערקלערט,

אַז זיי ווילן קעמפן מיט אַלע לעגאַלע מיטלען וואָס עקזיסטירן פאַר אַט די פאָדערונגען:

1. אָפּשאַפן די מיליטערישע פאַרוואַלטונג, וואָס גילט קעגן 170 טויזנט יִשׂראלישע אַראַבער בעמעשעך פון גאַנצע 10 יאָר אָפּן סמאַך פון ענגלישע געזעצן פון דעם מאַנדאַט־פעריאָד, געזעצן וואָס זענען פאַרורטיילט געוואָרן אין 1951 דורך דער קנעסעט, אָבער זענען נאָך אַלץ האָבן ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן דורך דער יִשׂראלער־רעגירונג.

2. לייזן די ערד־פּראָבלעם און די פּראָבלעם פון די פּליטים, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער ערד.

3. רעכט פאַר די אַראַבישע אַרבעטער, ווען עס ווערט פאַרבאָטן זיך צו אָרגאַניזירן אין די רייען פון דער אייינציקער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין לאַנד „היסטאַדרוט".

4. קעגן מאָרדן די שוצלאָזע אַ־אַבישע באַפעלקערונג.

5. פאַר די אינטערעסן פון דער אַראַבישער אינטעליגענץ און אַנגע־שטעלטע, ווייל אין אַ סך רעגירונגס־אַנשטאַלטן איז ניטאָ קיין איין אַראַ־בישער באַאַמטער.

אין קאַמף פאַר זייער רעכט טרעטן אַרויס די אַראַבער, וואָס וווינען אין יִשׂראל צוזאַמען מיט די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן.

עס איז ניט שווער צו זען, אַז די אין קורצן באַשריבענע פּאָליטישע פּראָגראַם פון דער קאָמפּאַרטיי פון יִשׂראל געפינט זיך אין פּיינטלעכער סתירה מיט דער גרונט־שטעלונג פון די ציוניסטן און זי ווערט באַגעגנט מיט אַ ווילדן רעכילעס־קאַמפּיין פון זייער צד. די דאָזיקע הערן טיינען, אַז מיט דער שאַרפער און אומבאַראַכמאַנעסדיקער קריטיק קעגן דער פּאָליטיק און פון דער אָרדענונג, וואָס הערשן אין דעם בורזשואַזן יִשׂראל, שטעלן זיך די קאָמוניסטן אין דער לאַגע פון „גאַנם" און פאַרראַטן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון זייער אייגענעם פאָלק. אָבער די יִשׂראלישע ציוניסטן אַי־בערציינגן דערמיט אַן איבעריקן מאָל, אַז זיי קענען זיך אַנדערש ניט פאָר־שטעלן די אינטערעסן פון פאָלק פון יִשׂראל, ווי די אינטערעסן פון דער יִשׂראל־בורזשואַזיע, וועמענס אויסדרוק עס איז טאַקע די פּאָליטיק וואָס זיי פירן. האָגאָם די קאָמוניסטן האָבן ניט קיין אַנטשיידענע ווירקונג היינט צו טאָג אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, נאָר זענען זיי די, וועלכע דריקן אויס צום בעסטן די עכט נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דער מערהייט פון דעם יִשׂראַ־עלישן פאָלק.

אין זיין באַרימטן אַרטיקל „וועגן נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון די גרויס־רוסן" האָט וו. אי. לענין אַט וואָס געשריבן אין יאָר 1913, אָפּשלאָגנדיק די אָנפאַלן פון די רוסישע שאָוויניסטן, די שוואַרצמייעניקעס:

„מיר געדענקען ווי מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק האָט דער גרויס־רוסישער דעמאָקראַט טשערנישעווסקי, אָפּגעבנדיק זיין לעבן פאַר דער רע־וואָלוציע, געזאָגט: „אַן אָרעמע נאַציע, אַ נאַציע פון שקלאַפן, פון אויבן ביז אַראָפּ — אַלע שקלאַפן", די אָפענע און פאַרבאָרגענע שקלאַפן (שקלאַפן צו דער צאַרישער מאָנאַרכיע), האָבן ניט ליב צו דערמאָנען די דאָזיקע ווערטער.

אבער לויט אונדזער מיינונג זענען דאָס ווערטער פון אַן עכטער ליבע צום פֿאָטערלאַנד, פון אַ ליבע, וואָס ליידט מאַכמעס עס פֿעלן נאָך רעוואָלוציאָנערישקייט צווישן די מאַסן פון דער גרויס־רוסישער באַפֿעלקערונג. דעמאָלט איז זי טאַקע ניט געווען. איצט איז פֿאַראַן ווייניק, אָבער עס איז שוין פֿאַראַן. מיר זענען איבערפֿולט מיט אַ געפֿיל פֿון נאַציאָנאַלן שטאָלץ, צוליב דעם — וואָס אויך די גרויס־רוסישע נאַציע האָט געשאַפֿן אַ רעוואָלוציאָנערן קלאַס, האָט אויך דערוויזן, אַז זי איז פֿעיִק צו געבן דער מענטשהייט גרויסע מוסטערס פֿון קאַמף פֿאַר פֿרייהייט און סאָציאַליזם, ניט בלויז גרויסע פּאָגראָמען און רייען טליעס, טפֿיסעס, הונגער־שטרייקן און אַן אומגעהויערע כניפֿע צו גאַלאַכים, צאַרן, גוטבאַזיצערס און קאַפּיטאַליסטן".

די געשיכטע האָט בולעט דערוויזן אויף וועמענס צאַד עס איז געווען דער עמעס. אויפֿן צאַד פֿון דעם בלוטיקן טאַליען ניקאָליי ראָמאַנאָוו, פֿון די פּייניקערס פֿון די נעגערס און פֿון די באַרויבערס פֿון אינדיע, אָדער אויפֿן צאַד פֿון די גרויסע רעוואָלוציאָנערן וו. אי. לענין און נ. ג. טשערנישעווסקי. דער ווילקיר פֿון דעם אַנטי־קאָמוניסטישן און אַנטי־סאָוועטישן פּראָפּאַגאַנדע־קאַמפּיין אין ישׂראל זאָגט קלאָר איידעס, אַז די ישׂראלישע רעגירונגס־קרייזן פּילן אַ פּאַכעד פֿאַר דער שטייגנדיקער ווירקונג פֿון די קאָמוניסטישע אידעען צווישן די פֿאָלקס־מאַסן, און זיי פֿאַרשטייען גוט, אויף ווי ווייט עס האָט זיך געענדערט די לאַגע אין דער וועלט, אויך אין ישׂראל, אין מיטן פֿון 20־טן יאָרהונדערט, אין פֿאַרגלייך מיט די פֿאַרגאַנגענע צייטן.

## וועגן אַ געוויסער פֿאַלשער קאָנצעפּציע

די רעקלאַמיר־פּראָפּאַגאַנדיסטישע אויסגאַבעס וועגן אַ געוויסער פֿאַלשער קאָנצעפּציע פֿון די ישׂראלישע ציוניסטן מאָלן מעדינאַס ישׂראל ווי אַ „מעלוכע פֿון אַ פֿאַרווירקלעכטער אוטאָפּיע". דער טעל־אוויווער זשורנאַליסט א. נאַלין, רופֿט עס אָן „די יידישע נאַציאָנאַלע אוטאָפּיע", וואָס אין איר יעסאָד ליגט די קאָנצעפּציע פֿון דער „אַלוועלטלעכער יידישער נאַציע". לויט דער דאָזיקער קאָנצעפּציע שטעלן פֿאָר מיט זיך אַלע מענטשן פֿון יידישן גלויבן, אומאָפּהענגיק פֿונעם לאַנד וווּ זיי וווינען, אַן איינאייניציקע יידישע נאַציע. אין יולי 1957 האָט דער פֿירער פֿון די ישׂראלישע ציוניסטן בען־גוריאָן, געמאָלדן אין אַ רעדע: „יעדער ייד, וווּ ער זאָל זיך נישט געפֿינען, געהערט צום יידישן פֿאָלק. עס עקזיסטירט אַ נאַציאָנאַלע איינהייט פֿון די יידן פֿון דער גאַנצער וועלט — אַן איינהייט, וואָס באַזירט זיך אויפֿן אַלגעמיינעם גוירל פֿון דער גרויסער היסטאָרישער ירושע און די אַלגעמיינע האָפֿענונגען בענוגייע דער צוקונפֿט". און דערנאָך, שוין אינגאַנצן אינעם גייסט פֿון די מיטלאַלטערלעכע מיסטיקערס, האָט זיך בען־גוריאָן דערערדט ביז צו דער ווייטערדיקער באַהויפּטונג: „דער פֿאַקט וואָס דאָס יידישע פֿאָלק איז געבליבן גאַנץ און ס'איז באַשאַפֿן געוואָרן די מעלוכע — דאָס אַלץ איז געווען פֿאַרזיכערט דורך דער מעשיכישער וויזיע פֿון די נעוויִים פֿון ישׂראל, די

וויזיע פון דער באפרייונג פונעם יידישן פאלק און פון דער גאנצער מענטשהייט".

אנטוויקלענדיק די דאזיקע קאנצעפציע, טײַנען די יסראעלישע ציעניסטן, אז דאס יידישע פאלק איז קלוימערשט „דאס פון גאט אויסדערוויילטע פאלק" און עס שטייט העכער פון אנדערע פעלקער, און דאס לעבן פון די יידן אין גאלעס (דאס הייסט אויסער יסראעל), פארמישפעט זיי אף „אייביקע יעסורעס", העיווים אין אלע לענדער, בא וואסער ס׳ניט איז געזעלשאפטלעכער ארדענונג, רופט ארויס דער פאקט אליין פון דער עקזיסטענץ פון די יידן אומפארמײַדלעך דעם אנטיסעמיטיזם, קומט דערפון דער אויספיר אז לייזן די יידן־פראגע קאן מען נאר דורך דער קאנצענטראציע פון אלע יידן אין יסראעל („ארום ציען").

די אבסורדישקייט פון די דאזיקע מיינונגען איז שוין לאנג־לאנג דעמאסקירט געווארן אין די ארבעטן פון די קלאסיקערס פונעם מארקסיזם־לעניניזם. און דאס לעבן אליין האט אויך צונישט געמאכט די נארישע שאוויניסטישע אויסטראכטענישן וועגן „העכערע" און „נידעריקערע" ראסן, וועגן „אויסדערוויילטע" און „נישט אויסדערוויילטע" נאציעס.

ס׳איז אלעמען באקאנט, אז נאך דעם ווי רוים האט אין סאף פון דער פאריקער און אין אנהייב פון אונדזער ערא צעשטערט די יידישע מעלוכע אין פאלעסטינע, וואס האט זיך נישט געוואלט אונטערגעבן צו די רוימישע שקלאפן־באזיצערס, און די באפעלקערונג איז לויטן מינהעג פון יענער צײַט ארויסגעשיקט און צעשפרייט געווארן איבער פארשידענע פראווינצן פון דער רוימישער אימפעריע, האבן זיך די יידן צוביסלעך צענויפגעגאסן מיט די פעלקער צווישן וועלכע זיי האבן געלעבט א סאך יארהונדערטער און אפילע יאר־טויזנטער, האבן אסימילירט זייערע קולטור־שטייגער און נאציאנאלע באזונדערקייטן.

אין דער דאזיקער היניזכט, איז די געשיכטע פון יידישן פאלק פיל ענלעך צו דער געשיכטע פון אנדערע פעלקער, וועלכע האבן זיך געפונען אין ענלעכע באדינגונגען. אין אונדזער צײַט ווענען מיליאנען יידן געווארן אטעיסטן. בא זיי איז ניט פאראן קײַן שפור פון רעליגיעזער פארבינדונג מיטן יודאיזם. די פאלגן פון דער צענויפמישונג פון די יידן זעט מען שארף אין יסראעל גופע. שוין דער אויבן ציטירטער אלפרעד ליליענטאל, דער מעכאבער פונעם בוך „וויפל יסראעל קאסט", שרײַבט:

„בא מײַן ערשטן באזוך אין יערושאלאים אין יאר 1944, האט מיך איבערראשט דער איבערצײַנדיקער און קלארער באווײַז, וואס מאכט לעכערלעך דעם יידישן ראסיזם. פונעם ערשטן בליק האב איך געקענט אונטערשיידן די פוילישע אשקענאזים פון די ספארדישע יידן פונעם פירינעישן האלבאינדז אדער פון צאפן־אפריקע, די טיימענער יידן, די דײַטשע יידן — אלע אונטערשיידן זיי זיך ניט בלויז דורך אנטראפאלגישע באזונדערקײַטן, נאר אויך לויט קליידונג, שפראך, מאנירן און פסיכאלאגיע. דער אלגעמיינער שטריך זייערער — די רעדיפעס — האט נישט געענדערט דעם פונדאמענטאלן פאקט, אז ווענטלעך זענען זיי אלע געווען פאליאקן, פארטוגעזן, דײַטשן

א. א. וו. די ספּאַרדישע ייִדן פֿון דאָרעם־אייראָפּע, פּאַרמאָגן פֿיזישע שטריכן פֿון אַזעלכע מיטללענדישע פֿעלקער, ווי די אַראַבער, איטאַליענער און גריכן. די מיִרעוו־אייראָפּעיִשע ייִדן זענען אַזוי ווייניק ענלעך צו זייערע גלויבנס־ברידער פֿון מיזרעך אייראָפּע, ווי די שפּאַניער צו די סלאַוון. 45 פּראָצענט פֿון די פּוילישע ייִדן האָבן ליכטיקע אויגן, און 29 פּראָצענט ליטווישע ייִדן זענען בלאָנדינען.

פֿיזיש שיידן זיך אונטער די אייראָפּעיִשע, אינדישע, טיימאַנישע און עטיאָפּישע ייִדן איינער פֿונעם אַנדערן מער ווי די טעוטאָנען, סלאַוון און רוימער. ס'זענען פֿאַראַן גרויסוווּקסיקע ליכטיקע ייִדן מיט בלויע אויגן פֿון צענטראַל־אייראָפּע און די באַלטישע און סקאַנדינאַווישע לענדער; באַוואַקסענע אַלזשירער ייִדן; טונקעלע געקרויזטע פֿאַלאַשן פֿון אַביסיניע, געל־הויטיקע ייִדן פֿון כינע און שוואַרצהויטיקע טאַמילן פֿון אינדיע, וואָס האָבן געוווינט אין סאַמע האַרץ פֿון אַזיע אין מעשעך פֿון זיבעצן יאָרהונדערטער".

אַפֿילע לויט די אָפֿיציעלע באַריכטן קענען העברעיִש אינעם דאָזיקן לאַנד בלויז 58,4 פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג. די רעגירונגס־פּאַרטייען זענען ביז היינט צו טאָג געצוווּנגען אַרויסצוגעבן צייטונגען און זשורנאַלן אַף צען שפּראַכן.

די ציעניסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן ליב אַ רעד צו טאָן אַף דער טעמע פֿון איינאָרדענען די נייע אימיגראַנטן, וועגן זייער „אַבסאָרבציע" דאָך איז אין ייִסראָעל אַליין, אַפֿילע צווישן די ייִדן, נישטאָ קיין נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג. פֿון די ערשטע טעג פֿון איר עקזיסטענץ איז ייִסראָעל געוואָרן אַ נעסט פֿון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און ראַסן־דיסקרימינאַציע נישט נאָר אין באַצוג צו די אַראַבער, וועגן וואָס מיר האָבן שוין פֿריער גערעדט, נייערט אויך אין באַצוג צו פֿאַרשידענע גרופּעס ייִדן.

די ייִסראָעלישע פּרעסע איז געצוווּנגען געווען צו פֿאַרעפֿנטלעכן פֿאַקטן וועגן ראַסן־אומגלייכהייט צווישן די ייִדן פֿון ייִסראָעל. אַזוי האָט דעם 16־טן אָקטאָבער 1957 די צייטונג „טריבונע" געשריבן, אַז „אַלע אַזיאַטישע און אַפֿריקאַנישע ייִדן ווערן באַטראַכט אין ייִסראָעל ווי שוואַרצע, מינדערווערטיקע". דער דעפּוטאַט פֿון ייִסראָעלישן קנעסעט ב. אַרדיטי, האָט געשריבן אין דער צייטונג „ייִסראָעלישער ליכט־טורעם" דעם 4־טן אָקטאָבער 1957: „די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון ייִסראָעל איז פּאַקטיש צעטיילט אַף צוויי גרויסע גרופּעס — מינדערווערטיקע און פֿול־ווערטיקע ייִדן... די מינדערווערטיקע ווערן דיסקרימינירט און פֿאַרוואַנדלען זיך אין בירגער פֿון אַ צווייטער קאַטעגאָריע".

די דאָזיקע דיסקרימינאַציע ווייזט זיך אַרויס אַף יעדן שפּאַן. די „שוואַרצע" בויען וועגן, גראָבן קאַנאַוועס, אַרבעטן אונטער דער ברענענדיקער זון אַף די פּלאַנטאַציעס, זייערע ווייבער אַרבעטן ווי טאָגלוינערינס און דינסטן. די „ווייסע" פֿאַראַכטן זיי, און כאַסענעס צווישן „ווייסע" און „שוואַרצע" זענען פּונקט אַזוי זעלטן ווי אין נאָרד אַמעריקע צווישן ווייסע און נעגערס.

פֿאַר די לעצטע יאָרן האָט מען נישט איין מאָל באַמערקט פֿאַלן, ווען

יידן, וואָס זענען געקומען קיין ישׂראל פון די לענדער פונעם נאָענטן מיזרעך, האָבן אָרגאַניזירט פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס קעגן דיסקרימינאַציע.

אין מאָנאַט יולי 1959 זענען אין די שטעט כייפע, טווערי, בעייר־שעוואַ, אַפּולאַ, אַשקעלאָן, אַקאָ, נעזערעט און אַנדערע וווּ עס געפינען זיך אַ גרויסע צאָל יידן פון צפון אַפריקע און פון די לענדער פון נאָענטן מיזרעך, אויסגעבראָכן גרויסע אומרועןן צווישן די אַזוי גערופענע „שוואַרצע יידן".

די רעגירונג האָט געבראַכט אין בעייר־שעוואַ און אין כייפע פּאָליציי־פאַר־שטאַרקונגען פון אַנדערע טיילן לאַנד און די שטעט זענען פּאַקטיש געשטעלט געוואָרן אין קריגס־צושטאַנד. אין די צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי זענען אין כייפע פאַרווונדעט געוואָרן 13 פּאָליציי־לייט. אין בעייר־שעוואַ האָבן די דעמאָנסטראַנטן געפּרווט אונטערצוצינדן דעם מוניציפּאַלן שטייער־אַמט. די רעגירונג האָט געגעבן דער פּאָליציי דאָס רעכט אָנצווווענדן אַלע מיטלען וואָס זי האָט, קעדיי צו דערשטיקן די אומרועןן. דאָן איז אויך פאָרגעקומען אין דער געגנט פון טווערי אַ דעמאָנסטראַציע פון יידן, וועלכע זענען אָנגעקומען פון די מיזרעך־אייראָפּעישע לענדער. זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם שטעלן זיי אין ערגערע באַדינגונגען אין פאַרגלייך מיט די אָנגעקומענע פון מיזרעך־אייראָפּע.

דעם 21־טן יולי 1959, איז פאָרגעקומען אַן אויסעראָרדנטלעכע זיצונג פון דער רעגירונג, וווּ עס זענען באַטראַכט געוואָרן די געשעענישן אין בעייר־שעוואַ, כייפע און אַנדערע שטעט. קעדיי צו פאַרבאָרגן די עמעסע סיבעס פון די אומרועןן האָט די רעגירונג געמאָלדן אָפיציעל, אַז דאָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך „כוליגאַנעס". אָבער אַזעלכע דערקלערונגען האָבן קיינעם ניט אָפּגענאַרט.

די ישׂראל־פּרעסע האָט אָנגעוויזן אויף דער העכסט קלאָגעדיקער לאַגע פון די יידן, וואָס זענען געקומען פון צפון־אַפריקע און וועלכע שטעלן פאָר מיט זיך אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג. לויט די ידיעס פון דער ציטונג „לאַמערכאַוו" פון 27־טן יולי 1959 זענען איבער 90 פּראָצענט אַרבעטער, וואָס געפינען זיך אויף צוואַנגס־אַרבעט פאַר אַ נידעריקסטן לוין יידן פון די מוסולמאַנישע לענדער. איבער 85 פּראָצענט פון די גערונגענע לאַנדווירט־שאַפטלעכע אַרבעטער געהערן צו די מיזרעך־יידן. אומעטום זענען זייערע פאַרדינסטן נידעריקער פון דעם נויטיקן לעבנס־מינימום. בעיים די דעבאַטעס אין דער קנעסעט וועגן די כייפער געשעענישן, האָט אַ דעפּוטאַט פון „אַכדוט האַאַוואָדאַ" דערקלערט, אַז די געקומענע פון צפון־אַפריקע זענען אָפּגעטיילט פון די אייראָפּעישע אימיגראַנטן מיט „געטאָ־ווענט". די „פראַנס־פּרעס אַגענטור" האָט באַטיטלט די אומרועןן ווי אַן „אויפשטאַנד פון קאַבצנים", און ווי איינע פון די הויפּט סיבעס פון די אומרועןן, האָט זי אָנגעגעבן די שווערע לאַגע פון די אימיגראַנטן.

די ציוניסטישע טאַקיפים רעדן נישט ווייניק, אַז קלוימערשט אַלע יידן, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען, לעכצן אומצוקערן זיך קיין ישׂראל. אָבער די ווירקלעכקייט זעט אויס אַנדערש. די געשיכטע פון דער אימיגראַציע קיין ישׂראל איז פול מיט פאַקטן פון ליגנס, צוואַנג און פּראָוואָקאַציעס. אַלפרעד

ליליענטאל ברענגט אויפטרייסלענדיקע פאקטן וועגן דעם איזדיעקוועז זיך איבער יידישע איבערוואנדערער פון מיזרעוו־אייראפע, וועמען די ציעניסטן האבן געצווונגען נאך דער צווייטער וועלט־מילכאמע צו פארן קיין יזראעל. בא די דאזיקע מענטשן האט מען צוגענומען די ארבעט, דאס עסן, מ׳האט זיי ארויסגעטריבן פון די לאגערן, מ׳האט געטאן אלץ מ׳זאל זיי צווינגען צו פארן קיין יזראעל. אבער די מערהייט פון די איבערוואנדערערס האבן גע־מאלדן, טראץ דעם איזדיעקוועז זיך, אז זיי זענען גרייט צו פארן אין וואסער ס׳ניט איז לאנד, נאר ניט קיין פאלעסטינע.

ס׳איז אויך באוווסט, אז נאכן פאררעטערישן איבערפאל פון יזראעל אף עגיפטן זענען פון די 43 טויזנט יידן, וואס לעבן אין עגיפטן, ארויסגע־פארן 32 טויזנט מענטשן, אבער קיין יזראעל זענען אנגעקומען בלויז 14 טויזנט. פארוואסזשע זענען אהין נישט געפארן די איבעריקע? די אנקעטע, וואס איז דורכגעפירט געווארן האט דערוויזן, אז זיי האבן נישט געוואלט זיין דיסקרימינירט, ווי דאס געשעט אין יזראעל אין באצוג צו יידן פון די מיזרעד־לענדער און אויך פון פסס״ר און די פאלקס־דעמאקראטישע לענדער.

אזוי זעט אויס אין דער פראקטיק די בארימטע אייניקייט פון די יידן אין יזראעל.

די ארגאניזאטארן פון דער דיסקרימינאציע קעגן די מיזרעד־יידן, — פונקט אזוי ווי פון דער דיסקרימינאציע קעגן די אראבער — זענען א ניש־טיקע גרופע פון די רעגירערס פון יזראעל. די פראגרעסיווע קויכעס פון יזראעל פירן א קאנסעקווענטן קאמף קעגן דער דיסקרימינאציע און קעגן דער נאציאנאלער אונטערדריקונג.

כאראקטעריסטיש איז, וואס אייניקע ציעניסטישע אידעאלאגן פון יזראעל באמיען זיך צוצושרייבן דער יידישער נאציע אלע פארדינסטן אין דער אנטוויקלונג פון דער וועלט־קולטור. אזוי האט די יזראעלישע ציעניס־טישע צייטונג „אינפארמאסיאן" געשריבן דעם 12־טן יולי 1957, אז אלע גריכישע פילאזאפן זאלן האבן גענומען זייערע לערעס בא די אלטע יידישע כאכאמים און אז סאקראטעס זאל האבן געווען א שילער פונעם יידישן גע־לערנטן אכיטאפעל א. א.וו.

אזעלכע אויסטראכטענישן זענען נישט נאר לעבערלעך, נאר אויך נאריש.

אלע פעלקער פונעם ערד־קיילעך האבן ארייגעטראגן זייער ביילעק אין דער אלמענטשלעכער קולטור. קען מען דען זיך פארשטעלן די וועלט־קולטור אן טאלסטאיען, מענדעלעיעוון, פאוולאוון, גארקין, סטאניסלאווסקין, רעפינען? קען מען זי זיך פארשטעלן אן וולאדימיר איליטש לענין? פונקט אזוי איז זי אומדענקבאר אן מארקסן און ענגעלסן, אן געטען און שילערן, רענטגענען און דיזעלן, דיקענסן און שעקספירן, וואלטערן און פאסטערן, אן די געניאלע איטאליענער און שפאניער, אן די גרויסע דענקערס פון כינע און אינדיע, איראן און די אראבישע לענדער. די יידן, וואס האבן אין מעשעך פון צענד־ליקער יארהונדערטער געלעבט צווישן אנדערע פעלקער פון דער וועלט, האבן אן שום ספעק אויך ארייגעטראגן זייער צושטייער אין דער אלמענטש־

לעכער קולטור. זיי האבן אים אריינגעטראגן, באזירנדיק זיך אף דער קולטור, וואס איז אויסגעארבעט געווארן דורך די פעלקער צווישן וועלכע זיי האבן געלעבט און לעבן. וואלט דען קארל מארקס געקענט באשאפן זיין געניאל ווערק „קאפיטאל”, ווען ער זאל זיך נישט געווען שטיצן אף די דערגרייכונגען פונעם דייטשן און אויך פונעם פראנצויזישן און ענגלישן וויסנשאפטלעכן געדאנק, אף דער גאנצער וועלט קולטור, וואס דאס אלץ האט אים דערלויבט אויסצוגעפינען די וויסנשאפטלעך באגרינדעטע געזעצן פון דער אנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט? קאן מען זיך דען פארשטעלן די פרעכטיקע שאפונגען פונעם מאלער יִצחאק לעוויטאן—זיין „גאלדענעם הארבסט”, „איבער דער אייביקער רו”, „וואלדימירקא”, אנדערש ווי געבוירענע דורך דער מעכטיקער ווירקונג פון דער רוסישער קולטור, געשיכטע, נאטור?

מ'קאן ברענגען א סאך פאקטן, וואס באשטעטיקן דעם ביישטייער פון ייִדן אין דער וועלט־קולטור. באזונדער אין די פארשונגען פון דער נוקלעארער פיזיק און אין דער שאפונג פון קיבערנעטיק.

אין זיין פונדאמענטאלן בוך „די וויסנשאפט אין דער געשיכטע פון דער געזעלשאפט” כאראקטעריזירט דער באקאנטער ענגלישער געלערנטער דזשאן בערנאל(1), אף אזא מין אויפן די פארדינסטן פון אלבערט איינשטיין, וועלכער איז געצוווּנגען געווען צו אנטלויפן פון דייטשלאנד צוליב די ראסן־פארפאלגונגען פון די געמיינע פאשיסטישע מענוואלים: „ווען אלץ וואס איינשטיין האט אויפגעטאן, זאל זיך באגרענעצן בלויז צום אנטדעקן דעם אלטערנאטיוון און מער פונקטלעכן אויסדרוק פאר דער גראוויטאציע ווי דעם וואס ס'האט אויסגעפונען ניוטאן, וואלט ער געווען דער קאפערניק פון דער נייער ערע; אבער ער האט אויפגעטאן מער: ער האט דערוויזן, אז דער נייער מעטאד גיט רעזולטאטן, וואס זענען מער אין איינקלאנג מיט די אויספירן פונעם עקספערימענט. ער האט געקאנט דערקלערן די אויגנשיינלעכע ענדערונג אין דער לאגע פון די שטערן נאענט פון דער זון דורך דעם אפנייג פון זייערע שטראלן דורכן אויסגעבויגענעם רוים און האט אויך געקאנט אויפקלערן די נישט־רעגלמעסיקייט פון דער באוועגונג פון דעם פלאנעט מערקור. ענדלעך איז ניוטאנס טעאריע פון דער זונען־סיסטעם געווארן פארפולקאמט”.

עס איז ניט קיין סאפעק אז ייִדן פונקט ווי יעדער אנדער פאלק האבן אפט ביידגעטראגן פאר דער וועלט־קולטור דאס ספעציפיש זייעריקע, דאס אריגינעל־נאציאנאלע. די וועלט־קולטור פארמאגט דאך ניט בלויז איין אדער עטלעכע אספעקטן. פונקט ווי א בריליאנט, גלאנצט זי מיט צאלרייכע געשליפענע אספעקטן פון פארשיידענע נאציאנאלע קולטורן און זי האט איר גרויסן ווערט דאווקע צוליב דער צאלרייכקייט. עס איז באקאנט אז דער קאריפיי פון דער רוסישער קונסט־קריטיק, דער הייסער פראפאגאנדיסט פון רעאליזם, פאלקישקייט און נאציאנאלקייט אין דער קונסט וו. וו. סטאסאוו, האט ניט ווייניק זייטן געווידמעט אף דעם געביט דער ייִדישער נאציאנאלער שול.

---

(1) דזשאן ערנאל, די וויסנשאפט אין דער געשיכטע פון דער געזעלשאפט. פארלאג פון אויסלענדישער ליטעראטור, 1956, זייט 407.

ער האט ריכטיק אנגעוויזן, אז יידן האבן פארמאגט זייער נאציאנאלן סטיל אין דער ארכיטעקטור און ביכלאל אין דער קונסט, און אז די אריגינעלע שטריכן, די אימפולסיווע לײדנשאפט, די איינגעבוירענע טיפקייט און די אקשאנעסדיקע ענערגיע, וועלכע זענען איינגעבוירן אין דעם דאזיקן פאלק, רופן ארויס דערעכערעץ צו אים. די סאוועטישע מענטשן, וואס האבן מיט זייער מוטערס מילך איינגעזאפט אין זיך די אידעען פון אינטערנאציאנאליזם, באציען זיך צו זייערע יידישע כאווירים פונקט מיט דעם זעלבן רעספעקט ווי צו אנדערע כאווירים פון אנדערע נאציאנאליטעטן.

דער הונדערט־יאריקער געבוירן־טאג פון דעם גרויסן יידישן שרייבער שאלעם אלייכעם, וואס איז אזוי ברייט געפייערט געווארן אין ראטנפארבאנד, דינט ווי א באשטעטיקונק פון אט דעם פאקט. ווי עס האט זיך אויסגעדריקט דער אוקראינישער שרייבער פאוועל טיטשינא, איז דער יויוול פארוואנדלט געווארן אין א יאנטעוו פון אלע פעלקער פון דעם ראטנפארבאנד.

אבער פאר דער יידישער נאציאנאלער קולטור, פונקט ווי פאר דער קולטור פון יעדער אנדער נאציאנאליטעט איז פולשטענדיק ריכטיק די באוווסטע אנווייזונג פון וו. אי. לעניז, אז אין יעדער נאציאנאלער קולטור אין דער בורזשואזער געזעלשאפט זענען פאראן עלעמענטן פון דעמאקראטישער און סאציאליסטישער קולטור, וואס ווערן געבוירן דורך די לעבנס־באדינגונגען פון דער הארעפאשנער און עקספלואטירטער מאסע, און ס'איז אויך פאראן די בורזשואזע (און אויך אפט קלעריקאלע) קולטור, וואס הערשט טאקע איצט אין יסראעל.

די ציעניסטן פארטונקלען די דאזיקע פראגע און זיי פרוון צו דערווייזן אז די יידישע קולטור איז עפעס א „געאייניקטע גאנצקייט". אזא מין ארגומענט איז נויטיק פאר די ציעניסטן קעדיי צו בארעכטיקן דאס פארעלטערטע און קאסטעסארטיקע אין יידנטום, קעדיי צו פארטיידיקן די „קולטור" פון ראבאנים און פון די גרויסבורזשויען. אבער אין א קלאסן־געזעלשאפט האט ניט געקענט זיין און עס איז קיינמאל ניט געווען קיין „איינהייטלעכער קולטורשטראם". דערביי מוז מען אנמערקן, אז דאווקע יענע יידן, וואס קעמפן קעגן דעם ציעניזם ווי א פאליטישער שטרעמונג, ווי אן אידעאלאגיע, זענען פאר די בעסטע טראדיציעס פון יידנטום, זיי פארטיידיקן די פרינציפן פון אינטערנאציאנאליזם און פראגרעס אין דעם היינטיקן זין פון די ווערטער, וואס האבן אן אלמענטשלעכן באטייט.

די יסראעלדיקע ציעניסטישע כאכאמים, פארזונקענע אין די בורזשואזנאציאנאליסטישע פארורטיילן, וועלכע זענען גארניט אף דער וועלט כוץ זייערע ענגע איניאנים, זענען ניט נאר ניט אימשטאנד אין דער מיט פון 20־טן יארהונדערט זיך אויפצוהויבן ביז צו די הויכע אידעען פון קאמוניזם, וואס האבן שוין באהערשט די מויכעס פון איבער א מיליארד מענטשן אין די לענדער פון סאציאליזם און הונדערטער מיליאנען אין די קאפיטאליסטישע לענדער, נאר אפילע ניט צו די אידעען פון דעמאקראטיזם אין די באציונגען צווישן נאציעס, פעלקער, מעלוכעס, ד. ה. צו די אידעען וואס עס האבן גע־

פּריידיקט די אַרל־רעוואָלוציאָנערן לאָמיר זאָגן אין רוסלאַנד שוין מיט הונדערט יאָר צוריק. ווי אַזוי זאָל מען ניט דערמאָנען די ווערטער פון אונדזער לאַנדסמאַן א. אי. הערצען, וועלכער האָט אויסגעלאַכט די פּרעטענזיעס פון די דײַטשע נאַציאָנאַליסטן און מיט זיי אײנינעם אויך די סלאַוויאַנאָפילן, אַז זיי זאָלן נעמען אַף זיך די מיסיע פון אַן אויסדערוויילטן און וויכטיקסטן באַוועגער פון דער „אַלוועלטלעכער געשיכטע".

הערצען האָט געשריבן: „אָבער קעדיי מיר זאָלן ניט זינדיקן מיט יִסראָעלס זינד און זיך ניט האַלטן פאַר גאָטס פאָלק, ווי דאָס טוען אונדזערע ברידער (שוועסטער־קינדער) די סלאַוויאָפילן, וועלן מיר פאַרבײַגייענדיק באַמערקן, אַז די געשיכטע באַוועגט זיך ניט אַזוי פּאַשעט און לײַכט, מען זאָל קענען פאַרן אָפּגעזונדערט. די געשיכטע איז גיכער ענלעך צו אַ שווערן דיליזשאַנס וועלכן עס שלעפּן באַרג אַרויף פאַרשיידענע שקאַפּעס, איינע אַ שטאַרקערע, די צווייטע אַ שוואַכערע, איינע אַ יונגערע, די צווייטע אַן עלטערע, נאָר יעדע שלעפּט אַ געשפּאַן. צווישן די פערד וואָס ווערן באַנוצט פאַרן היסטאָרישן געיעג זענען פאַראַן גוטע פערד, אָבער ניטאָ קיין איינס וואָס זאָל ניט האָבן זײַנע בעסרוינעס, ניטאָ קיין איינס וואָס זאָל זײַן אומשטאַנד אַליין צו שלעפּן די אַלטע קאַרעטע".

אונדזערע יִסראָעלישע אָפּאָנענטן קענען אונדז אַנמערקן אַז הערצען איז שוין פאַרעלטערט, אַז איצט פאָרט מען שוין ניט מיט פערד, נאָר עס זענען פאַראַן דערצו עלעקטרישע באַנען, רעאַקטיווע פּאַסאַזשיר־עראָפּלאַנען, גרויסע מאָטאָר־שיפן. איז דאָס טאַקע אַלץ עמעס, אַ איר זייער קלוגע הערן פון יִסראָעל, אָבער איר אַליין שלעפּט זיך נאָך אַלץ אין אַ זײַט פון דעם ברייטן היסטאָרישן שליאַך אַף אַ פאַרמאַבלדיקער ציעניסטיש־נאַציאָנאַליסטישער קליאַטשע. איר האַלט זיך בײַ אַזאַ שאָוויניסטיש רעאַקציאָנערן גלויבן, וואָס זוכט צו באַרעכטיקן די אונטערדריקונג פון אַנדערע נאַציעס, אָדער לעכאָל־האַפּאָכעס מיטצוהעלפן פאַר אַזאַ פאַרדריקונג, און דאָס האָט ניט קיין שום געמיינזאַמעס מיט פּראָגרעס, פרײַהייט און דעמאָקראַטיע.

א. אי. הערצענס געדאַנקען זענען שוין גאָר ניט אַזוי פאַרעלטערט, ווי דאָס קען זיך אויסווײַזן אונדזערע אָפּאָנענטן. די דערפאַרונג פון דער געשיכטע דערווײַזט אַז ניט עפּעס אַ „נאַציאָנאַלע אוטאָפּיע", נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע מיטאַרבעט און אַ געמיינזאַמער קאַמף פון פעלקער און נאַציעס קעגן אימפּעריאַליזם, קאָלאָניאַליזם — אָט דאָס זענען די וועגן צו זייער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרײַונג. אַזאַ אויפגאַבע קען ניט געלייזט ווערן דורך אָפּגעזונדערטע אָנשטרענגונגען פון איינער אַ קליינער אָדער אַ גרויסער נאַציע — דאָס איז אַן איניען פאַר אַלע פעלקער, פאַר אַלע נאַציעס. אונדזער יאָרהונדערט איז אַ יאָרהונדערט פון אינטערנאַציאָנאַליזם, אַ יאָרהונדערט פון מיטאַרבעט פון פעלקער אין דעם אַלגעמיינעם באַפרײַונגס־קאַמף. דער שמאָלינקער וועג פון אַ נאַציאָנאַלער אוטאָפּיע, וואָס ווערט קעגנגעשטעלט די אינטערעסן פון אַנדערע נאַציעס פאַרפירט אין אַ טעמפּן ווינקל, אָן אַן אויסגאַנג, צו פאַרשווענדן די געזונטע לעבנפעיִקע קויכעס פון אַ נאַציע.

די יִסראָעלישע ציעניסטן האָבן זיך געניטיקט אין דער קאָנצעפּציע

פון אז „אלוועלטלעכער יידישע נאציע” קעדיי צו געבן אז „אידעאלאגישע באזע” אין דער טעזע פון דער וויטערדיקער אימיגראציע פון יידן אין יִשׂראל און אויך פאר דער וויטערדיקער עקספאנסיע פון יִשׂראל קעגן די שכניישע אראבישע מעלוכעס. ווי מיר האבן שוין געזאגט, פרווון די ציעניסטן פארצושטעלן אזוי די זאך, אז די ליידן פון די יידן זענען „אייביקע” און אז דער איינציקער וועג אף צו לייזן די יידן־פראגע — איז נישט דורך דער באפרייונג פון די פעלקער פון דער וועלט פונעם אימפעריאליסטישן יאך, וואס איז דער קוואל און דערנערונגס־באדן פון נאציאנאלער אונטערדריקונג, נאר דורך דער „אבסארבאציע” ד. ה. דורך צענויפזאמלען אלע יידן קיין יִשׂראל, ווו זיי וועלן ווידעראמאל אונטערגעווארפן, ווי מיר האבן געזען, אונטער כאציאלער און אפילע נאציאנאלער אונטערדריקונג.

די רייד וועגן דער אייביקייט פון די ליידן פון די יידן באזירן זיך אף א זייער שוואכן פאקטישן יעסאד. ס'איז גענוג זיך צו דערמאנען, וואס פאר א ראל ס'האבן געשפילט און עס שפילן איצט יידן גווירים אין א סאך אייראפעישע און אויסער אייראפעישע לענדער, צום ביישפיל אין די פאריייניקטע שטאטן, קעדיי זיך איבערצוצייגן, אין דער גרונטלאזיקייט פון דער דאזיקער טעזע. די יִשׂראעלישע רעאקציאנערע ציעניסטן פילן עס און דערפאר אפעלירן זיי גערן צו דער הילף פונעם... אנטיסעמיטיזם. „איך וועל זיך ניט שעמען מוידע צו זיין — האט געמאלדן בען־גוריאן — אז ווען איך זאל האבן נישט נאר ווילן נאר אויך די מאכט, וואלט איך אויסגעקליבן א גרופע יונגע געזונטע מענטשן, — קלוגע, באשיידענע, איבערגעגעבענע צו אונדזערע אידייען און וואס ברענען מיט באגער צו העלפן דעם אומקערן זיך פון די יידן — און וואלט זיי געשיקט אין יענע לענדער, ווו די יידן זענען פארזונקען געווארן אין זינדיקער זעלבסטבאפרידיקונג. די אויפגאבע פון די דאזיקע יונגע־לייט וואלט באשטאנען דעריין, זיי זאלן זיך פארשטעלן פאר נישט־יידן און אַרבעטנדיק מיט די מעטאָדן פון פרעכן אנטיסעמיטיזם זאלן זיי רודעפן די דאזיקע יידן מיט אנטיסעמיטישע לאזונגען. איך קאן גאראנטירן, אז די רעזולטאטן פונעם שטאנדפונקט פון א באדייטנדיקן צופלוס פון אימיגראנטן קיין יִשׂראל פון די דאזיקע לענדער וואלטן געוועזן צען טויזנט מאל גרעסער, ווי די רעזולטאטן וואס ס'האבן דערגרייכט טויזנטער שעליכים לייענענדיק אומנוצלעכע דראשעס”(1).

וויטער וועלן מיר זען, ווי אזוי האבן איניקע ציעניסטישע לידערס אף דער דאזיקער באזע געמאכט אפמאכן מיט די טאליאנים פונעם יידישן פאלק — מיט די היטלעריסטישע פאשיסטן...

די עקסטרעמען קומען זיך צענויף! די פאקטן ריידן וועגן דעם, אז דער הײנטצײטיקער ציעניזם און דער אנטיסעמיטיזם זענען פראדוקטן פון דעם צום טויט פארמישפעטן קאפיטאליסטישן געזעלשאפטלעכן סיסטעם, אז אין טאך זענען זיי נישט קיין אנטיפאדן, נאר א צווילינג, געשטיצטע און גענערטע דורכן אימפעריאליזם. ריכטיק האט דערקלערט אין זיין צייט דער פרעזידענט

(1) „דער קעמפער” (ניו־יארק), 11־טער יולי 1952.

פונעם העברעישן אוניווערזיטעט אין פאלעסטינע, דר. יעהודע ל. מאגנעס, וועלכער איז ארויסגעטראטן פאר דער גרינדונג פון א בי־נאציאנאלער מעלוכע אין פאלעסטינע, אז „דער ציעניסטישער טאטאליטאריזם" און די טעטיקייט פון די טעראריסטישע ציעניסטישע ארגאניזאציעס שטיצן און נערן דעם אנטיסעמיטיזם. דערצו דארף מען אבער פון דער אנדער זייט צוגעבן אז די דערשיינונגען פונעם אנטיסעמיטיזם, שענדלעכע פונעם שטאנדפונקט פון יעדן דעמאקראט און קאמוניסט, פירן צו דער פארשטארקונג פונעם רעאקציאנערן ציעניזם. וועגן דעם רעדט טאקע, אין דער אויבן־געבראכטער דערקלערונג דער הער בען־גוריאן.

ס'איז באוווּסט, אז די נאציאנאלע פראגע אין איר היינטצייטיקער פארעם האט נישט שטענדיק עקזיסטירט. זי איז געבוירן געווארן אין באשטימטע סאציאלע באדינגונגען פון דער עפאכע פון קאפיטאליזם. אין מיזרעך אייראפע, צום ביישפיל, איז די נאציאנאלע פראבלעם ווי א פראבלעם פון אונטערדריקונג פון איין נאציע דורך א צווייטער, דערשינען ניט אין אלע לענדער און ווייט נישט איינצייטיק. אף וויפל די שאפונג פון צענטראליזירטע מעלוכעס איז דארטן צענויפגעפאלן מיט דער קאנסטיטוירונג פון נאציעס אין טכום פון זייערע נאציאנאלע גרענעצן, איז אין אזעלכע לענדער, ווי פראנקרייך, ענגלאנד, איטאליע און אין אייניקע אנדערע לענדער, די נאציאנאלע פראבלעם ביכלאל נישט אנטשטאנען אינעם פעריאד פונעם אויפקומענדיקן קאפיטאליזם ווי א פראבלעם פון נאציאנאלער אונטערדריקונג, אויב מ'זאל ניט רעכענען די פארשקלאפונג און אונטערדריקונג פון אנדערע פעלקער אויסער די גרענעצן פון דער געגעבענער נאציאנאלער מעלוכע (די קאלאניאלע פראגע).

אנדערש האט זיך געשאפן די לאגע אין מיזרעך אייראפע, וווּ די נויטווענדיקייט זיך צו פארטיידיקן פון די דעראבערערס, וואס זענען געגאנגען פון מיזרעך, האט ארויסגערופן די פארמירונג פון צענטראליזירטע פילנאציאנאלע מעלוכעס נאך פאר דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם. אזוי איז געווען אין רוסלאנד, אין עסטרייך־אונגארן און אין אייניקע אנדערע מיזרעך־אייראפעישע מעלוכעס, און אויך אין אנדערע היסטארישע באדינגונגען אין דער אטאמאנישער אימפעריע, וווּ ס'איז אנטשטאנען די נאציאנאלע אונטערדריקונג מיצאד דער הערשנדיקער נאציע קעגן די קליינע פעלקער (נישט בלויז קעגן די יידן, נאר נישט אין א קלענערער מאס אויך קעגן די ארמענער און אנדערע „נאציאנאלע מינדערהייטן" און „פרעמד־געבוירענע", ווי אויך קעגן די בולגארן, רומענער, סערבן, טשעכן און אנדערע נאציאנאליטעטן פון דארעם־מיזרעך און צענטראל־אייראפע) ווי די ארגאניזאטארן פון דער נאציאנאלער אונטערדריקונג זענען דא אומעטום ארויסגעטראטן ביכלאל נישט די פאלקס־מאסן, וואס זענען אליין געווען אונטערדריקט דורך די הערשנדיקע קלאסן פון דער הערשנדיקער נאציע, נאר די פעאדאלע, מאנארכיסטישע קרייזן, דער אדל, די סאכרישע און אינדוסטריעלע בורזשואזיע.

אויב מ'זאָל פאַרשמעלערן די פראַגע און זיך באַגרענעצן מיט דער פּראָבלעם פון די פאַרפאָלגונגען קעגן די ייִדן, איז די זאַך אויך נישט געווען אַזוי, ווי דאָס פּרוּוון פאַרשטעלן די רעאַקציאָנערע ציוניסטן אין ייִסראַעל.

די דאָזיקע פאַרפאָלגונגען האָבן אין פאַרשידענע היסטאָרישע עפּאָכעס געהאַט אינגאַנצן אַן אַנדערע באַזע, וואָס אין לעצטן סאַכאַקל האָט זי געשטעלט אין דער צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט אַף קלאַסן פון עקספּלואַטאַטאָרס און עקספּלואַטירטע.

אַזוי אַרום האָבן די מיסטישע טעאָריעס וועגן דער באַזונדערער מיסיע און אויסשליסלעכקייט פונעם גוירל פונעם ייִדישן פאָלק קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיט זייַן געשיכטע, און די ספּעציפישקייט פון דער געשיכטע קאָן מען פאַרשטיין נישט פון די באַוועגונגען פון די שטערן אַפן הימל, נאָר בלויז פון יענע קאָנקרעטע היסטאָרישע באַדינגונגען, אין וועלכע ס'האָבן געלעבט די ייִדן נאָכן צעשפּרייטן זיך איבער דער וועלט די איינוווינערס פון דער געוועזענער מאַלכעס יעהודע.

ס'איז באַוווּסט, אַז ווען די רוימער האָבן זיי צעשפּרייט אין גאָר ווייַטע צייַטן איבער פאַרשידענע פאָדער־אַזיאַטישע און אייראָפּעיִשע זאַנעס, זענען די ייִדן אַרייַנגעפאַלן אַהין אין פאַרשידענע באַדינגונגען, וועלכע זענען מערסטנטייל געווען די באַדינגונגען פון דער פאַרשלאָסענער פרי־פעאָדאַלער געזעלשאַפט. צוליבן פעאָדאַלן כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט האָבן די ייִדן זיך נישט געקאָנט באַזעצן אין די דערפער, ווו ס'האָבן זיך שוין געהאַט געשאַפן באַשטימטע באַציִונגען פון פעאָדאַלער עקספּלואַטאַציע, וואָס האָבן זיך באַזירט אַף דער פירונג פון אַ נאַטוראַלערווירטשאַפט און אַף דעם אָפּטיילן די פויערים פונעם פונדאַמענטאַלן פּראָדוקציע־מיטל — פון דער ערד. אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט האָבן די ייִדן נישט געקאָנט, ווי אַ קלאַל, זיך אָנשליסן צו די פונדאַמענטאַלע האַנטווערקער־צעכן אין די מיטל־אַלטערלעכע שטעט, העיוּים די דאָזיקע צעכן זענען געווען פאַרשלאָסענע קאָרפּאָראַציעס, וואָס האָבן נישט אַרייַנגעלאָזט אין זייערע גרענעצן קיין זייַטיקע מענטשן. דערפאַר האָבן זיך די ייִדן באַזעצט — אַזוי צו זאָגן — אין די פאַרעמס פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, דעריקער אין די שטעט, זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט וויינִיקער רעגלאַמענטירטע פאָרמען פון האַנטווערקערייַ, און די רייַכערע — מיט מיסכער און מיט לייַען געלט אַף פּראָצענט. אין די דערפער פלעגן די ייִדן זיך באַווייַזן נאָר ווי צעפירערס פון סכוירעס, וואַנדערנדיקע האַנטווערקערס, אַרענדאַטאָרס פון שענקן, דאָס הייסט ווי פאַרמיטלערס בײַ די ווייניק אַנטוויקלטע האַנדלס־באַציִונגען צווישן שטאָט און דאָרף.

די צוגעקומענע ייִדן פלעגן נישט אויפגענומען ווערן אַף אַלגעמיינע קאָנדיציעס אין די צעך־און קאַסטעס־אָפּטיילונגען אין וועלכע ס'האָבן געלעבט די לאָקאַלע פעאָדאַלע געמיינדעס. זיי האָט מען באַזעצט אין פאַרשלאָסענע געמיינדעס אָדער שטאָט־קוואַרטאַלן, ד. ה. געטאָס, ווו ס'האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן די הויפּט ראָל די ייִדישע רעליגיעזע פירער, די ראַבאָנים. אין די ערשטע צייַטן פון דער אַנטוויקלונג פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט האָבן די רעליגיעזע און עטנישע (אָבער נישט נאַציאָנאַלע, אַף וויפל

ס'האבן נאך נישט עקזיסטירט קיין נאציעס אין היינטצייטיקן זין פונעם װארט) פארשידנקייטן, געשפילט װי באװוסט, נישט קיין מינדערװיכטיקע ראל אין די אנטשטייענדיקע אט דא אט דארטן װידערשפרוכן. ס'איז קיין צװייפל נישט, אז די דאזיקע װידערשפרוכן זענען אבער נישט געװען אזעלכע שארפע, װי דאס איז געװען צום ביישפיל צװישן די יידן גופע אין באגינען פונעם קריסטנטום אדער אין די באציונגען צװישן די ניט־יידן צו קריסטן, זייערע סעקטעס און הערעזיעס. שפעטער האט די לאגע זיך אנגעהויבן צו בייטן.

אין די צייטן פון די קרייץ־צוגן (XIII-XI יארהונדערטן) האט זיך אין אייניקע לענדער פון מיירעװ־אייראפע אנגעהויבן שטארק צו אנטװיקלען דער האנדל. עס זענען געװאקסן די שטעט. בא די מיירעװ־אייראפעישע פעלקער טיילט זיך אויס אן אייגענער בורזשואזער קלאסן־שיכט, װאס קאנקורירט מיט די יידן, װעלכע האבן זיך פארנומען מיט די זעלבע שטאטישע און האנדלס־פראפעסיעס. אף אט דעם גרונט איז אנטשטאנען די פיינטשאפט צװישן דעם בורזשואזן טייל פון דער לאקאלער באפעלקערונג און די יידן, עס האט זיך אנגעהויבן די פארפאלגונגען קעגן די יידן. דער מארק איז געװען די ערשטע שול אין װעלכער די בורזשואזיע האט זיך געלערנט נאציאנאליזם און שאװיניזם.

די קאטױלישע קירך, װאס האט געשפילט די הויפט ראל אין דער אידעאלאגיע פון דער מיטלאלטערלעכער פעאדאלער געזעלשאפט, האט מיטגעװירקט אויך אין אט דער סטאדיע צו דער פארפאלגונג קעגן די יידן, זי האט בארעכטיקט דעם רעליגיעזן פאנאטיזם פון די קאטאליקער און האט געריצט דעם רעליגיעזן פאנאטיזם. די געשיכטע פון דער אינקװיזיציע און דער קאמף פונעם קאטאליציזם קעגן דער רעפארמאציע דערציילן, אז די פארפאלגונגען קעגן אנדערש־גלויביקע האבן געטראפן נישט בלויז מענטשן פון דער יידישער עמונע. אינעם גרונט פון די פארפאלגונגען קעגן די יידן, זענען געװען דעריקער עקאנאמישע כיבעס, דערביי האט די אנגעהעריקייט גופע צום יידישן פאלק נישט געשפילט קיין שום באזונדערע ראל, אף װיפל יעזוס אליין איז אנערקענט געװארן דורך די קאטאליקער פאר א יידן.

דער קאפיטאליזם, װאס האט פארביטן דעם פעאדאליזם אין די מיירעװ־אייראפעישע לענדער, האט באדייטנדיק געענדערט די לאגע אפן געביט פון רעליגיעזע באציונגען און אויך די לאגע פון די יידן. צעשטערנדיק די פעאדאלע צעד־און קאסטעס־פארטיילונגען אין דער געזעלשאפט, איינפירנדיק מאשין־אינדוסטריע אפן ארט פון די פארשלאסענע האנטװערקער־צעכן, צונעמענדיק בא דער רעליגיע איר לאגע פון דער הערשנדיקער אידעאלאגיע פונעם מיטלאלטערטום און דערלאזנדיק אין א געװיסער מאס פריידענקעריי פארצושטעלן אזוי די זאך, אז די ליידן פון די יידן זענען „אייביקע" און אז בענעגייע דער רעליגיעזער פראגע װעגן „דער ארדענונג אפן הימל", האט דער קאפיטאליזם אויך צעשטערט די װענט פון די יידישע מיטלאלטערלעכע געטאס, עפענענדיק דעם װעג צו א פיל שנעלערער אסימילאציע פון די יידן אין פארשידענע לענדער. דער צארן פון די ראבאנים, װאס האבן געטרוימט

ווען אַפּהיטן די געטאָס און אַנדערע אַלטערטימלעכע פּאַראַנדקעס, וועלכע האָבן זיי דערלויבט צו האַלטן די מאַכט איבער דער ייִדישער אײדע, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַנמעכטיק קעגן דעם מאַרש פֿונעם אַלץ ניוועלירנדיקן קאַפּי־טאַליזם. לויט דער מאָס פֿונעם פֿאַלן פֿונעם פֿעאָדאַליזם אין די קאַפּיטאַליס־טישע לענדער און דער אַנטוויקלונג פֿון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע איז אויך פֿאַרבעסערט געוואָרן די רעכטלעכע לאַגע פֿון די ייִדן. די בורזשואַזע רעוואָלוציע פֿון 1789 האָט געענדערט די רעכטלעכע לאַגע פֿון די ייִדן אין פֿראַנקרײַך, און די רעוואָלוציאָנערע שטורעמס פֿון 188, 1848 האָבן געביטן זייער לאַגע אין ענגלאַנד, דײַטשלאַנד און עסטרײַך; אין די 660־קער און 70־קער יאָרן פֿונעם פֿאַריקן יאָרהונדערט, פֿאַרבעסערט זיך די לאַגע פֿון די ייִדן אויך אין אייניקע לענדער פֿון מיזרעד־אייראָפּע, און אין יאָר 1878 באַקומען זיי מיטן פֿאַלן פֿונעם טערקישן יאָך און פֿונעם פֿעאָדאַליזם אַף די באַלקאַנען, רעכט אויך אין דער דאָזיקער זאָנע פֿון אייראָפּע. דאָס איז פֿאָר־געקומען דערפֿאַר, מאַכמעס דער יונגער קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זיך נאָך געפֿונען אין אויפֿשוווּנג, איז געווען פֿאַרינטערעסירט אין פֿאַרברייטערן די מאַרקן, אין פֿרײַען האַנדל, אין אַנטוויקלען די עקאָנאָמישע פֿאַרבינדונגען, און דאָס הייסט אויך אין דער צעשטערונג פֿון די רעליגיעזע צעטיילונגען און פֿון די געטאָס, וואָס הינטער זייערע ווענט האָבן געלעבט די ייִדן.

רעדנדיק וועגן דער לאַגע פֿון די ייִדן קענען מיר, ניט ווי די ציוניסטן, פֿאַרמאַכן די אויגן אַף דעם אַנטשיידנדיקן פֿאַקט, וואָס אײנציִיטיק מיט דעם אַלעמען איז אויך אַנגעגאַנגען אַן אַלץ שאַרפֿערע קלאַסן־צעטיילונג צווישן די ייִדן, וואָס זייער גרעסטער טייל האָט זיך פּראָלעטאַריזירט און איז דורך דער לאָגיק פֿונעם לעבן אַרײַנגעצויגן געוואָרן צוזאַמען מיט די אַרבעטנדיקע פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, אינעם קלאַסנקאַמף קעגן דער בורזשואַזיע, און אַ קלײנער טייל פֿון די ייִדן האָט זיך דערשלאָגן צו די רײַען פֿון דער בור־זשואַזיע, אונטערדריקנדיק זייערע גלויבנס־ברידער נישט ווייניקער ווי דאָס האָבן געטאָן בענגייע צו די ייִדישע אַרבעטנדיקע די בורזשויען פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. די רעאַקציאָנערע ציוניסטן האָסן דעם שרײַבער שאָלעם־אַלייכעמען טאַקע דערפֿאַר, ווײַל ער האָט מיט אַ גרויסן קינסטלערישן קויעך געוויזן אַט די קלאַסן צעטיילונג אינעם ייִדישן פֿאָלק, די עקספּלואָטאַציע דורך אַ גרופּקעלע נעגידים און זייערע מעשאַרסים — די ראַבאָנים — פֿון דער גרויסער ייִדישער אַרעמקייט, וועלכע האָט געפֿירט אַ שווער לעבן, פֿול מיט נויט און פֿאַרצווייפֿלטן קאַמף קעגן דער ייִדישער בורזשואַזיע.

מ'דאַרף באַמערקן, אַז אין מיזרעד־אייראָפּע און באַזונדערס אַף די טעריטאָריעס פֿונעם צאַרישן רוסלאַנד האָט די פֿאַרשפּעטיקונג פֿון דער אײנ־דוסטריעלער אַנטוויקלונג און די אויפֿהאַלטונג פֿון פֿעאָדאַלע איבערבלײַבן, געפֿירט צו אַ צײַטווײַליקער קאָנסערווירונג פֿון די פֿריערדיקע באַציִונגען פֿון דער איבערגעבליבענער אָפּגעזונדערטקייט פֿון אַ באַדײַטנדיקן טייל פֿון די ייִדן לעגאַבע דער איבעריקער באַפֿעלקערונג. דערצו זענען באַלד צוגעקומען אויך אייניקע נײַע באַדינגונגען, וואָס זענען געווען פֿאַרבונדן מיטן פֿוילן פֿונעם קאַפּיטאַליזם און זײַן איבערגאַנג צו דער סטאַדיע פֿון אימפּעריאַליזם,

וואָס האָט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך די פֿאַרשטאַרקונג פֿונעם נאַציאָנאַלן יאָך אין אייראָפּע און באַזונדערס די קאָלאָניאַלע פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון די מיזרעך־פֿעלקער און אויך פֿון לאַטיין־אַמעריקע.

באַם סאָף פֿונעם 19־טן יאָרהונדערט איז דער קאַפּיטאַליזם איבערגעגאַנגען צו זײַן לעצטער סטאַדיע, צום אימפּעריאַליזם. אַף דער סצענע זענען אַרויס גרויסע קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָלן, וועלכע האָבן געבראַכט מיט זיך אַ אונטערדריקונג און רעאַקציע אַף אַלע ליניעס; די פֿרײַע קאָנקורענץ גייט אוועק אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט. ס'האָט זיך פֿאַרשנעלערט דער פֿאַראָרעמונגס־פּראָצעס פֿון דער מיטעלער און קליינער בורזשואַזיע, צווישן וועלכע די ייִדן פֿאַרנעמען אַן אַנגעזעען פּלאַץ אין פֿאַרשידענע לענדער.

די אַנטשטייונג פֿונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל האָט געפֿירט צום וווּקס פֿון דער עקספּלאָאַטאַציע פֿון די אַרבעטנדיקע, צו דער פֿאַרשאַרפֿונג פֿונעם קאַמף צווישן די קאָנקורירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע גרופּירונגען און לענדער, צו דער פֿאַרטיפֿונג פֿון די עקאָנאָמישע קריזיסן, צו דער אַנטשטייונג פֿון וועלט־מילכאָמעס, צום וווּקס פֿון דער אָרעמקײַט, און אין איינקלאַנג מיט דעם אַלעמען, צו אַ נאָך נישט געזעענער פֿאַרשאַרפֿונג פֿונעם קלאַסנקאַמף. די בורזשואַזיע און די גוט־באַזיצערס, באַזונדערס אין די לענדער ווו זיי האָבן געפֿילט זייער מאַכט אומזיכער, האָבן אָנגעהויבן צו זוכן אַ לופֿט־לאָך פֿאַר דער וואַקסנדיקער אומצופֿרידנקײַט פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן, באַמיענדיק זיך צו געפֿינען אַ מיטל וואָס מיט זײַן הילף זאָלן זיי קענען דורכשטויסן די אַנוואַקסנדיקע כוואַליע פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און פֿאַרשטאַרקן זייער הערשאַפֿט. און דאָ האָבן די הערשנדיקע קלאַסן פֿון די עקספּלואַטאַטאָרס אָנגעהויבן אַלץ ברייטער אָנצווענדן דאָס אַלטע און אויסגעפּרוווטע מיטל פֿון די אונטערדריקערס: אָנרייצן איין נאַציאָנאַליטעט קעגן דער אַנדערער, אָרגאַניזירן אַנטי־אַרמענישע, אַנטי־ייִדישע, אַנטי־טערקישע און אַנדערע פּאָגראָמען און פֿאַרפֿאָלגונגען. טאַקע אַף אָט דעם באָדן פֿאַרשטאַרקט זיך דער אַנטיסעמיטיזם אין סאָף פֿונעם 19־טן יאָרהונדערט ווי אַ סאָציאַלע דערשײַנונג, וואָס איז ענג פֿאַרבונדן מיטן אימפּעריאַליזם.

אַזוי אַרום האָט דער קאַפּיטאַליזם אין זײַן לעצטער סטאַדיע געבראַכט פֿאַר די ייִדן, ווי אויך פֿאַר אַנדערע פֿעלקער, אַ באַזונדערס אַכזאָריעסדיקע אונטערדריקונג, פֿאַרפֿאָלגונגען און פּאָגראָמען. דער אימפּעריאַליזם האָט אויסגענוצט דעם אַנטיסעמיטיזם און אַנדערע פֿאָרמען פֿון נאַציאָנאַלער אומגלײַכקײַט ווי אַ מיטל אַפּצווענדן די אונטערדריקטע מאַסן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און רעוואָלוציאָנערן קאַמף, פּרוּוונדיק אַרויפֿצופֿירן די מאַסן אַפֿן וועג פֿון נאַציאָנאַלער סינע.

מ'דאַרף נאָך אַמאָל אונטערשטרײַכן, אַז די נאַציאָנאַלע העצע ווי אַ פּראָדוקט פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע באַציונגען באַם אימפּעריאַליזם, עקזיסטירט נישט בלויז אין באַצוג צו די ייִדן. דער ציוניזם זעט די נאַציאָנאַלע פֿראַגע דעריקער וואָס שײַעך ייִדן, אײַנשליסנדיק זיך אין די אייגענע ראַמען פֿון שמאָלן נאַציאָנאַליזם. ער פֿאַרמאַכט אײַנגאַנצן די אויגן אַף דעם פֿאַקט, וואָס אינעם פּעריאָד פֿונעם אימפּעריאַליזם האָט זיך באַזונדערס פֿאַרשטאַרקט די

נאַציאָנאַלע און קאָלאָניאַלע אונטערדריקונג פון דעם גרעסטן טייל באַפעלקע־רונג פון דער ערד פון די פעלקער פון אַזיע, אַפריקע, לאַטיין־אַמעריקע, וואָס זייער גורל איז אָפטמאָל אַ סך ביטערער, ווי דער גורל פון די ייִדן. איז דען נויטיק צו דערמאָנען, צום בייַשפּיל, וועגן דער פאַרניכטונג דורך די קאָלאָניזאַטאָרן פון די בושמענער און האָטענטאָטן אין דאָרעם־און צענטראַל־אַפריקע, וועגן דער אויסראָטונג פון די מאַלגאַשן אין מאַדאַגאַסקאַר און פון די טאַהאַלאַקצן אויף די פיליפינען־אינדזלען, וועגן די ווילדקייטן פון די קאָלאָניזאַטאָרן אויפן אַראַבישן מיזרעך א. א. וו.? קיינער האָט נישט געהערט קיין וואָרט פון פאַרדאַמונג מיצד די ציוניסטן קעגן די בלוטיקע פאַרברעכנס פון די פראַנצויזישע קאָלאָניזאַטאָרן אין אַלזשיר, אָדער פון די בעלגישע קאָלאָניזאַטאָרן אין קאָנגאָ א. א. וו.

פאַרוואָסזשע עפנט זיך נישט דאָס מויל באַ די ציוניסטן פון ישׂראל אויף אויסצודריקן זייער פאַרדראָס קעגן די דאָזיקע פאַרברעכנס?

איז דאָס ניט דערפאַר, ווייַל זיי האָבן געשלאָסן אַ שענדלעכן בונד מיטן קאָלאָניאַלן טייַוול אין באַצוג צו די אַראַבער און זיי זענען אַליין אויך אַוועק אויף דעם וועג פון די קאָלאָניזאַטאָרן?!..

לאָמיר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אונטערשטרייַכן, אַז אַנאַליזירנדיק די פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג קעגן די ייִדן אין פאַרשידענע לענ־דער, שטויסן מיר זיך אומפאַרמייַדלעך אָן אויפן ווייַטערדיקן היסטאָרישן פאַקט: אין פאַרשידענע עפּאָכעס און אין פאַרשידענע בורזשואַזע לענדער איז די לאַגע פון די ייִדן קוידעם כּל באַשטימט געוואָרן נישט דורך זייער נאַציאָנאַליטעט, נאָר דורך זייער עקאָנאָמישער פּאָזיציע. אַזוי איז געווען אין דער עפּאָכע פונעם פעאָדאַליזם, ווען ס'האָבן עקזיסטירט גוטע באַציִונגען צווישן פעאָדאַלן אָדל און די רייַכע ייִדן, און די ברייטע ייִדישע מאַסן האָבן געלעבט אין אַ שרעק־לעכער אָרעמקייַט, מ'האָט זיי פאַרפאָלגט און זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן אין די געטאָס. אַזוי איז געווען אין דער עפּאָכע פון דער ערשטער אַקומולאַציע פונעם קאַפּיטאַל, ווען די ייִדישע באַנקירן די פוגערס, זענען געווען קרעדיטאָרן פון דער עסטרייַך־אונגאַרישער דינאַסטיע פון די האַבסבורגן, און זיי האָבן געליען געלט דעם שעף פון דער קאַטויילישער קירך, ס'איז נישט קיין סך, אַז אויך דער שפּאַנישער קעניג קאַרל V, און נישט בלויז ער אַליין, האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען זייַן קרוין די ייִדישע באַנקירן, די פוגערס.

און האָבן דען נישט פּראָספּערירט ייִדן־גווירים באַ די גערמאַנישע קייזערס? האָבן זיי דען נישט צוגעשטעלט געווער דער קייזערלעכער אַרמיי אינעם פּעריאָד פון דער פראַנצויזיש־פּרייַסישער מילכאָמע פון 1870־1871? וועגן זיי און זייערע יאָרשים האָט עס אַ סך יאָרן שפּעטער געשריבן דער ציוניסטישער פירער כ. ווייצמאַן אין זייַן בוך „פּרוּוון און פעלערן“: „זיי זענען געווען דער געוועזענער טיפּ אימפּעראַטאָרישע ייִדן, מער דייַטשן, ווי די דייַטשן אַליין, פון די רעגירערס פון דייַטשלאַנד“.

די ייִדן־פראַגע איז נישט געלייזט געוואָרן אינעם אָפּגעשטאַנענעם צאַרישן רוסלאַנד, וווּ מ'האָט שטאַרק געהאָדעוועט דעם פּאָגראָם־אַנטיסעמיטיזם מיט זייַן טכום־האַמוישאָוו, פּראָצענט־נאָרמע און ריטועלע פּראָצעסן. קעגן דעם

אלעמען זענען מיט אן אויסערגעוויינלעכער אנטשלאסנקייט ארויסגעטראטן נישט נאר דער רוסישער רעוואלוציאנערער ארבעטער־קלאס, וועלכער האט נאך אין סאך פונעם פאריקן יארהונדערט באנומען די קלוגשאפט פון די לענינישע אידייען, נאר אויך די בעסטע פארשטייערס פונעם רוסישן פאלק, אזעלכע ווי דער גרויסער רוסישער שרייבער ל. נ. טאלסטאי, דער שטורעם־אנזאגער פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע מ. גארקי, דער וווּנדערלעכער עמעס־זוכער וו. ג. קאראלענקא, פראגרעסיווע רוסישע געלערנטע, יוריסטן און אנדערע. אבער אויך אינעם צארישן רוסלאנד זענען פארפאלגט געווארן קוידעם קאל די יידישע ארעמשאפט און די אינטעליגענץ, אבער נישט די קאפיטאליסטן. דער יידישער קאפיטאליסט גינזבורג האט אפילו באקומען פונעם רוסישן צאר דעם טיטל באראן.

און האט דען איינער פון די לידערס פונעם ציוניזם, זשאבאטינסקי, דער פאטער פון דער סאמע רעאקציאנערסטער ישראעלישער פארטיי „ביירוט", זיך נישט צונויפגעזונגען מיטן טאליען פונעם יידישן און אוקראינישן פאלק, סימאן פעטליורא? ווען מ'האט אין עטלעכע יאר ארום, אין 1926, דערהארגעט פעטליוראן אין פאריז, האט זשאבאטינסקי פארגאסן טרערן איבערן קערפער פון זיין פריינט. די צייטונג „אדעסער נייס" האט דעמאלט אפגעדרוקט א שארפע קאריקאטור, אף וועלכער ס'איז געווען אויסגעמאלן זשאבאטינסקי — וואס האט זיך דעמאלט געפונען אף דער עמיגראציע — אנגעבויגן איבער דעם קערפער פונעם טאליען פעטליורא, זאגנדיק א טרויעריק נאכווארט צו זיין כאווער, וועלכער איז אוועק אין יענער אנדערער וועלט: „זאל די ערד דיר לייכט זיין ווי די פעדערן... פון יידישע קישנס".

די יידן־פראגע איז אנטשטאנען אין די צייטן פונעם אימפעריאליזם אויך אינעם רעפובליקאנישן פראנקרייך, ווי די פינצטערע קויכעס פון די קלערי־קאלן, קארומפירטע רעגירונגס־טשינאווניקעס און סאדיסטן פונעם גענעראל שטאב האבן פארפלאכטן א רעבילעסדיקן איניען קעגן ארמיי־קאפיטאן דרייפוס(1).

דאס האט זיי, אין די אויגן פון גאנץ פראנקרייך און פון דער גאנצער וועלט, דער פלאמיקער עמיל זאלא, געווארפן אין פאנעם אריין, אין פאר־בינדונג מיטן דרייפוס־פראצעס, און אין נאמען פונעם פראנצויזישן פאלק די דעמאסקירנדיקע באשולדיקונג: „ווער פרייט זיך איצט פרעד, ווען ס'איז געלעסטערט די פולשטענדיקע ערלעכקייט און די מענטשלעכע רעכט? אלע פאריזער מענגוואלים, א פארברעכן איז דאס באשולדיקן אין וועלן צעשאקלען דעם באדן פון פראנקרייך דאווקע די מענטשן, וועלכע ווילן זי דערהויבן און אוועקשטעלן אין שפיץ פון די פרייע און יוישערדיקע נאציעס! ווי מיר בארעקן זיך מיט שמוץ ווען מיר דערלאזן אז עס זאל פארווירקלעכט ווערן

(1) דער קאפיטאן פון דער פראנצויזישער ארמיי, אלפרעד דרייפוס, איז לויט א פאלשער מעסירע באשולדיגט געווארן אין 1894 אין שפיאנאזש לטובת דייטשלאנד. דאס גאנצע פראגרעסיווע פראנקרייך האט זיך אויפגעהויבן צו פארטיידיקן דרייפוסן. דרייפוס איז נאך עטלעכע געריכטלעכע אויספארשונגען באפרייט און דערנאך רעהאביליטירט געווארן.

דער בייזוויליקער פראיעקט, ווען מיר דערלאזן, אז די אומפארשעמטע מיט־באטייליקטע פונעם פארברעכן זאלן באגיין אזא אומגעזעצלעכקייט אין די אויגן פון דער גאנצער וועלט! ס'איז א פארברעכן צו קארומפירן שוואכע און אומבאשיצטע, צעפלאקערן אין זיי רעאקציאנערע געפילן, פארטיידיקן דעם נידערטרעכטיקן אנטיסעמיטיזם"!

35 יאר נאך דעם ווי עמיל זאלא האט געשיקט זיין בארימטן באשולדי־קונגס־בריוו צום פרעזידענט פעליקס פאר, האט אף אייראפע אראפגענידערט די פינצטערע נאכט פונעם דייטשן פאשיזם, מיט זיין ראסן־אכזאריעס און לעגאבע וועלכן די פראצעסן פון דרייפוסן און ביילים(2) האבן זיך אויס־געוויזן קינדער־שפילן. דאס אלץ איז געווען געזעצמעסיק: וואס נידעריקער ס'איז געפאלן דער קאפיטאליזם, אלץ אוממענטשלעכער זענען געווארן זיינע רעגירונגס־מעטאדן.

אבער אפילע אין די יארן פונעם היטלעריסטישן פאשיזם, ווען הונ־דערטער טויזנטער יידן פון דייטשלאנד — און ניט נאר ארבעטער, נייערט אויך מענטשן פון אלע אנדערע שיכטן — זענען פיזיש אויסגעראטן געווארן אין די קאנצענטראציע־לאגערן, האבן די פאשיסטישע שפיצן ארויסגעוויזן געדולדיקייט אין באצוג צו אייניקע פארשטייערס פון יידישע אויבערשטע פון שטויסל, און א טייל פון די יידישע גווירים זענען אפילע איינגעגאנגען אף געשעפטן מיט די היטלעריסטן, האבן זיך צונויפגערעדט וועגן זייער ארויספארן אין אנדערע לענדער און האבן איבערגעפירט אהין זייערע קאפיטאלן.

אין ראטנפארבאנד האבן יידן־הארעפאשניקעס אין די יארן פון דער גרויסער פאטערלענדישער מילכאמע, געקעמפט אף די פראנטן פאר זייער סאוועטישן היימלאנד און אפגעגעבן פאר איר זייערע לעבנס. א סאך יידן האבן זוכע געווען צו באקומען אין פסס"ר דעם הויכן טיטל פון העלד פון ראטנפארבאנד און צענדליקער טויזנטער יידן זענען אויסגעצייכנט געווארן מיט ארדנס און מעדאלן.

אין די יארן פון דער צווייטער וועלט־מילכאמע, האבן די ארבעטנדיקע יידן פון פארשידענע לענדער פון אייראפע, אונטער דער אנפירונג פון די קאמוניסטישע פארטייען פון פראנקרייך, פוילן, דייטשלאנד, איטאליע, אונ־גארן, טשעכאסלאוואקיע און אנדערע לענדער, צוזאמען מיט זייערע קלאסן־ברידער געקעמפט מעסירעס־נעפעשדיק קעגן די היטלעריסטן אין די אונ־טער־ערדישע גרופעס פון דער ווידערשטאנד־באוועגונג, אין די אפטיילונגען וואס זענען געשאפן געווארן אין די טויט־לאגערן. ס'איז אויך באקאנט,

---

(2) א מישפעט, וועלכער איז אין 1913 ארגאניזירט געווארן דורך דער צארישער רעגירונג איבערן יידן ביילים, וועמען מ'האט באשולדיקט אין האבן געהארגעט א קריסט־לעך קינד קלוימערשט צוליב ריטועלע צילן. דער פראצעס איז געווען א קלארער אויסדרוק פון דער שאוויניסטישער, אנטיסעמיטישער און פאגראם־פאליטיק פון דער צארישער רעגירונג. וו. אי. לענין און די גאנצע באלשעוויסטישע פארטיי צוזאמען מיט אנדערע דעמאקראטישע עלעמענטן זענען שארף ארויסגעטראטן פארורטיילנדיק דעם שענדלעכן ביילים־פראצעס.

אַז אין דער צײַט פֿונעם בירגער־קריג אין שפּאַניע האָבן ייִדן־דעמאָקראַטן פֿון פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד, אונגאַרן, פּוילן און אַנדערע לענדער, געקעמפֿט זײַט בײַ זײַט מיט פֿאָרשטייערס פֿון אַנדערע פֿעלקער, אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס פֿאַר דער פֿרײַהײַט און אומאָפּהענגיקײַט פֿונעם שפּאַנישן פֿאָלק. זייער בײַטראָג צום קאַמף קעגן פֿאַשיזם איז אומבאַשטרײַטלעך און ער איז אַרײַן אין דער געשיכטע פֿונעם באַפֿרײַונגס־קאַמף פֿון די אַרבעטנדיקע קעגן פֿאַשיזם.

אין דער געשיכטע פֿון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז ווי אַ גלאָרײַכער קאַפּיטל אַרײַן דער העלדישער אויפֿשטאַנד פֿון די פּוילישע ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ אין אַפּריל־מײַ 1943. די ייִדישע קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, וואָס האָט צוגעגרייט דעם אויפֿשטאַנד, איז געווען פֿאַרבונדן מיט די פּראָגרעסיווע פּוילישע אונטער־ערד־אָרגאַניזאַציעס, וואָס אין זייער שפּיץ איז געשטאַנען דער כאַווער וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ. אַ סך טעג האָט די שווערע אַרטילעריע פֿון דעם היטלער־גענעראַל פֿאָן סטראָאָפּ באַשאָסן דעם געטאָ, וועמענס פֿאַרטיידיקערס זענען געווען באַוואָפֿנט מיט ביקסן פֿון אייגענער אויסאַרבעטונג און מיט פֿלעשער־גראַנאַטן. הימלערס פּאָליצײַ־גענעראַל גלאָבאָצניק, האָט טעלעגראַפֿירט צו זײַן שעף אין בערלין: „די באַלאַגערונג פֿון געטאָ איז אומגעהויער שווער. קעריי צו דערשטיקן דעם אויפֿשטאַנד, מוז מען זיך שלאָגן פֿאַר יעדער געבײַדע. די ייִדן פֿאַרטיידיקן זיך ווילד. די זאַך פֿאָדערט בלוטיקע קאָרבאַנעס און באַדײַטנדיקע קויכעס”.

דאַווקע נישט אַזוי האָבן זיך אויפֿגעפֿירט די רעאַקציאָנערע פֿאָרשטייערס פֿונעם ציעניזם אין די יאָרן פֿון שווערע לײַדן. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָט דער פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער אַגענץ אין אונגאַרן און פֿירער פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם „רעטונגס־קאָמיטעט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין אונגאַרן”, קאַסטנער, זיך צונויפֿגערעדט מיט דער געשטאַפּאָ און מיט די ס. ס. פֿירער וועגן אַרויספֿירן פֿון אונגאַרן אַ טויזנט פֿאַרמעגלעכע ייִדן, צווישן זיי זײַנע קרובים און ציעניסטישע אַקטיוויסטן, בעיס 500 טויזנט אונגאַרישע ייִדן זענען פֿאַרמישפּעט געווען אויף אַ מאַרטירער־טויט. ערשט אין אַ סך יאָרן אַרום איז דער איניען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַ דאַנק די בריוו פֿונעם 72־יאָריקן מ. גרינוואַלד, אַ מיטגליד פֿון דער רעליגיעזער פּאַרטיי „מיזראַכי”, אַן אייגנטימער פֿון אַ האָטעל אין ירושאָלאַים, וועלכער האָט עמיגרירט קײַן פּאַלעסטינע פֿון אונגאַרן.

סאָף 1953 האָט מ. גרינוואַלד פֿאַרשפּרייט צווישן די מיטגלידער פֿון זײַן פּאַרטיי בריוו, אין וועלכע ער האָט אַרויסגערוקט קאָנקרעטע באַשולדיקונגען קעגן קאַסטנערן. אין די דאָזיקע בריוו איז אויפֿגעוויזן געוואָרן, אַז קאַסטנער „האָט מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס אינעם פֿאַרניכטן די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון אונגאַרן”. אַז אַפֿן נורענבערגער פּראָצעס איז ער „פֿערזענלעך אַרויסגעטראָטן אין פֿאַרטיידיקונג פֿון דעם וויכטיקן נאַציסטישן טוער און קריגס־פֿאַרברעכער קורט באַכאַר, וועלכער איז געווען שטאַנדאַרטנפֿירער פֿון די ס. ס. אַרמייען”.

פֿון גרינוואַלדס בריוו, וואָס זענען ברייט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין

לאַנד און האָבן אַרויסגערופן אַ שטורעמדיקן אויפברויז פון דער ישׂראַעלישער געזעלשאַפטלעכקייט, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אינעם פאַרברעכערישן איניען פון קאַסטנערן זענען געווען פאַרמישט אַנגעזעענע ציוניסטישע טוער, וואָס פאַרנעמען אויך היינט וויכטיקע פּאָסטנס אין דער רעגירונג און אינעם פאַרטיי־אַפּאַראַט פון מאַפּאַי.

די פירנדיקע שפּיצן פונעם מאַפּאַי האָבן געוואָלט אָפּווענדן דעם פּראָצעס קעגן קאַסטנערן און אַנשטאָט דעם צונויפשטעלן אַ באַשולדיקונג קעגן גרינוואַלדן. דער געוועזענער מיניסטער פון האַנדל און אינדוסטריע דאָוו יאָסעף, האָט אָנגעהויבן אַ געריכטלעכן מישפּעט קעגן גרינוואַלדן, וואָס איז צוגעצויגן געוואָרן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט „פאַר רעכילעסדיקע באַשולדיקונגען קעגן געוועזענעם מיטאַרבעטער פונעם האַנדלס־און אינדוסטריע־מיניסטעריום א. קאַסטנער". די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם פּראָצעס האָבן געמיינט, אַז דער איניען וועט זיי געלונגען און זיי וועלן צווינגען מ. גרינוואַלדן איבערצורייסן די ווייטערדיקע פאַרשפּרייטונג פון די קאָמפּראָמעטירנדיקע בריוו. אָבער דער פּראָצעס קעגן מ. גרינוואַלדן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראָצעס קעגן קאַסטנערן. אויף דעם דאָזיקן פּראָצעס איז אַנטפּלעקט געוואָרן דאָס שרעקלעכע בילד פון פאַרראַט לעגאַבע די ברייטע ייִדישע מאַסן דורך אייניקע ציוניסטישע פירערס אין די לענדער פון אייראָפּע, וועלכע זענען געווען אָקופּירט דורך די היטלעריסטן.

שוין אין דער ערשטער סטאַדיע פונעם פּראָצעס קעגן מ. גרינוואַלדן איז דאָקומענטאַל דערוויזן געוואָרן, אַז קאַסטנער האָט געראַטעוועט דעם ס. ס.־גענעראַל באַכער אַפן נורענבערגער פּראָצעס, און דערנאָך — בעיסן דייטשן מישפּעט פון דענאַציפיקאַציע — אַז באַכער האָט צוזאַמען מיטן נאַציסט אייכמאַן, דערלויבט קאַסטנערן אַרויסצופירן פון אונגאַרן מיט אַ צוג טויזנט מענטשן — פריינט און קרובֿים פון קאַסטנערן. זיי אַלע זענען געווען פאַרמעגלעכע מענטשן. קאַסטנער האָט אַרויסגעפירט די דאָזיקע מענטשן בישטיקע, מוירע האָבנדיק פאַר אַ בונט פון דער ייִדישער געמיינדע אין אונגאַרן. ווייטער איז קלאָר געוואָרן, אַז קאַסטנער האָט געשטערט די ייִדישע פּאַראַשוטיסטן פון פּאַלעסטינע, וועמען מ'האָט געשיקט קיין אונגאַרן צו אָרגאַניזירן צווישן די ייִדן אַ ווידערשטאַנד־באַוועגונג. צווישן די פּאַראַשוטיסטן זענען געווען מענער און פרויען. זיי זענען אויסגעגעבן געוואָרן דורך קאַסטנערן צו דער געשטאַפּאָ.

ווייטער האָט דער פּראָצעס אויפגעדעקט ביזן סאַמע די שרעקלעכע פאַרברעכנס, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן הינטערן רוקן פון הונדערטער טויזנטער ייִדישע אַרבעטנדיקע. דער איניען האָט אָנגענומען פאַר די ציוניסטישע לידערס אַ זייער סקאַנדאַליעזע פאָרעם. דעמאָלט האָבן אַגענטן פון דער ישׂראַעלישער געהיים־פּאָליציי דערמאָרדעט קאַסטנערן.

קאַסטנער איז געווען נישט דער איינציקער אין זיין מין. אין 1943, האַרט פאַרן העלדישן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, האָט די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פאַרמישפּעט צום טויט אַ לידער פונעם ציוניזם, דעם דאָקטער נאָסיג, און זי האָט דעם אורטייל אויסגעפירט. דער דאָזיקער מיש־

פּעט איז פֿאַרגעקומען אין סאַמע גיטאָ, וואָס איז געווען פֿאַרהילט אינעם רויך פֿון די סרייפּעס. אַף איין זײַט האָבן זיך געפֿונען די ריכטער — די אַרבעטנדיקע ייִדן, אַף דער צווייטער — דער 80 יאָריקער נאַסיג, אַן אָנהענגער פֿון דער „דײַטשער אָריענטאַציע" אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, איינער פֿון די וואָס האָבן נאָך אין אָנהייב פֿונעם XX-טן יאָרהונדערט זיך באַמיט צו העלפֿן דעם דײַטשן אימפּעריאַליזם צו באַפֿעסטיקן זײַן ווירקונג אַפֿן נאָענטן מיזרעך. נאַסיג, דער געוועזענער אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע, האָט זיך דערקײַקלט, ווי ס'איז דערוויזן געוואָרן אַפֿן געריכט, אַז ער איז געוואָרן דער באַל-יויעץ פֿון דער געשטאַפּאָ, באַם פֿאַרווירקלעכן די פּלענער פֿון פֿיזישער אויסראָטונג פֿון די ייִדן.

דאָס צעשמעטערן דעם היטלעריסטישן פֿאַשיזם, בײַ דער דעצידירנדיקער באַטייליקונג, דעריקער פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי און דעם סאָוועטישן פֿאָלק, וואָס האָט דערבײַ געבראַכט די גרעסטע קאָרבאָנעס, האָט אַ סאָף געמאַכט צו די היטלעריסטישע פֿאַרברעכנס איבער די ייִדן, רוסן, אוקראַינער, נאָרוועגן, פֿראַנצויזן א. א. די יִסראַעלישע ציוניסטן האָבן, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרגעסן וועגן דעם, און זיי באַגיסן איצט מיט שמוץ דאָס סאָוועטישע פֿאָלק און די סאָציאַליסטישע מעלוכע, ווי אויך די פֿאָלקס-כינע און אַנדערע פֿאָלקס-דעמאָקראַטישע לענדער.

די מיליטערישע פּאָליטישע און אידעיִשע צעשמעטערונג פֿון היטלער-דײַטשלאַנד און אירע פֿאַרבינדעטע האָט גלײַכצײַטיק באַדײַט אַ צעשמעטערישן קלאַפּ פֿאַרן אַנטיסעמיטיזם. די פֿעלקער פֿון אייראָפּע געדענקען זייער גוט אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען די גײַסטיקע פֿאָן, אַ מין „אידעאָלאָגיע" פֿון די היטלעריסטישע מערדער-באַנדעס, פֿאַרגוואַלטיקערס און מענטשן-פֿרעסערס. דעריבער איז דער אײַנפֿלוס פֿון אַנטיסעמיטיזם אַזוי שאַרף געפֿאַלן, אַפֿילע צווישן די פֿינצטערסטע און אָפּגעשטאַנענסטע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון די אייראָפּעיִשע לענדער, אַז לאָמיר האָפֿן און קעמפֿן דערפֿאַר, אַז אים וועט שוין מער נישט באַשערט זײַן קיינמאָל ווידער אויפֿצושטיין אין דער צוקונפֿט.

עס איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז אַף וויפֿל דער קאַפּיטאַליזם איז נאָך נישט אומעטום אַוועק אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט, איז נאָך אויך פֿאַרבליבן דער אַנטיסעמיטיזם. ער עקזיסטירט אין פֿאַרשידענע לענדער פֿון לאַטײַן-אַמעריקע, וווּ ס'ווערן אָנגעווענדעט באַגרענעצונגען קעגן ייִדן, ער לעבט אין מײַרעוו-דײַטשלאַנד, אַביסל אין פֿראַנקרײַך און אין אַ סאַך אַנדערע בורזשואַזע לענדער. דער אַנטיסעמיטיזם מאַניפֿעסטירט זיך אויך אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע, וווּ עס עקזיסטירן האָטעלן אין וועלכע ס'איז פֿאַרבאָטן זיך אָפּצושטעלן ייִדן, וווּ ס'זענען פֿאַראַן אַנשטאַלטן און פּאָסטנס, צו וועלכע מ'לאָזט זיי נישט צו. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער אַנטיסעמיטיזם ווערט אָנגעווענדעט, ווי דאָס איז געווען אויך פֿריִער, קעגן ייִדן, אַרבעטער, אינטעליגענטן, אָרעמע. ער רירט נישט אָן דעם מיליאָרדער ליִמען און ענלעכע ווי ער.

דער פאקום פונעם אנטיסעמיטיזם, דער באדן וואס איז אין אלגעמיין העכסט גינסטיק פאר נאציאנאלער אונטערדריקונג, — בורזשואזע געזעלשאפט, דער אימפעריאליזם, וואס זענען אזוי ליב פארן הארצן פון די ציעניסטישע פירערס. די עקספלואטאטארישע קלאסן זענען פארינטערעסירט, אז עס זאלן פארשטארקט ווערן די נאציאנאלע ווידערשפרוכן, די נאציאנאלע אונטערדריקונג, מיטן ציל צו פארזיכערן פאר זיך רעוואכים דורך דער עקספלואטאציע פון די פארשקלאפטע פעלקער און קעדיי אויסצומיידן די אינטערנאציאנאלע פאראייניקונג פון די ארבעטנדיקע אינעם קאמף קעגן די עקספלואטאטארס און עקספלואטאציע. און אוודע איז מארקס טויזנט מאל געווען גערעכט, ווען ער האט געשריבן: „אין דער זעלבער מאס, ווי ס'וועט פארניכטעט ווערן די עקספלואטאציע פון איין מענטשן דורכן אנדערן, וועט אויך פארניכטעט ווערן די עקספלואטאציע פון איין נאציע דורך דער אנדערער(1).

דערמיט ווערט באשטימט די באציונג פון די קאמוניסטן צום אנטיסעמיטיזם. זיי באטראכטן אים ווי איינע פון די עקסטרעמסטע פארמען פון ראסן־שאוויניזם. דער אנטיסעמיטיזם איז לוינענדיק פאר די עקספלואטאטארס ווי א בליץ־אפציער, וואס פירט ארויס דעם קאפיטאליזם פון אונטער די קלעפ פון די ארבעטער. דער אנטיסעמיטיזם איז געפערלעך פאר די ארבעטנדיקע מאסן, ווי א פאלשער וועג, וואס פירט זיי אראפ פון דעם ריכטיקן וועג צו די דזשונגלם. דאס ווערט באשטעטיקט דורך דער גאנצער געשיכטלעכער דערפארונג. דעריבער זענען די קאמוניסטן די אומקאמפראמיסלעכסטע און אומבארכמאנעסדיקסטע סאנים פון אנטיסעמיטיזם, פונקט ווי פון יעדער אנדער דערשיינונג פון ראסישער אדער נאציאנאלער אויסשליסלעכקייט.

א לאנגיאריקע און אומדערמידלעכע ארבעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי פון ראטנפארבאנד האט געבראכט צו דער ליקווידאציע פון דערשיינונגען פון נאציאנאליזם אין לאנד, צווישן זיי אויך פון דעם אנטיסעמיטיזם — פארשאלטענע ירושע פון צארישן רוסלאנד, ווו די פארברעכערישע פאליטיק פון די עקספלואטארישע קלאסן, וואס האט געפלאנצט נאציאנאלע אומגלייכבארעכטיקונג און אונטערדריקונג פון איין נאציע דורך אן אנדערער, האט מיטגעווירקט צו דער פארפעסטיקונג פון דער הערשאפט פון די גוטבאזיצערס און קאפיטאליסטן איבער די ארבעטנדיקע. די פעלקערפריינטשאפט און די פארניכטונג פון נאציאנאלער סינע אין פסס"ר איז איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון די ארבעטער־מאסן פון ראטנפארבאנד. די סאוועטישע געזעצן און די גאנצע מאראל פון דער סאציאליסטישער געזעלשאפט באשיצן שטארק אט די דערגרייכונג. אין דעם פיל נאציאנאלן ראטנפארבאנד איז פראקטיש פארקערפערט די פאליטיק פון די קאמוניסטן־לעניניסטן, וואס באשטייט אין פאראייניקונג און בונד פון די ארבעטער פון אלע נאציאנאליטעטן און נאציאנען אין זייער קאמף אראפצושליידערן די מאכט פון דעם קאפיטאל, פארן אויפבוי פון א נייער קאמוניסטישער געזעלשאפט.

---

(1) ק. מארקס, פ. ענגעלס, גע‏קליבענע ווערק, ב. זייט 26.

דער ניצחון פון אַרבעטער־קלאַס און די אַנטשטייונג פון אַ מעכטיקן לאַגער פון סאָציאַליסטישע מעלוכעס, וווּ עס לעבן איבער אַ מיליאַרד מענטשן אַף אַ דריטל פון דער ערד, האָט באַוויזן אַ טויט־קלאַפּ פאַר יעדער נאַציאָנאַלער אומגלייכבאַרעכטיקונג און פאַר דער אונטערדריקונג פון די נאַציעס. דאָס איז געווען אויך אַ טויט־קלאַפּ פאַרן אַנטיסעמיטיזם. די קאָמוניסטישע פאַרטייען וואָס געפינען זיך בא דער מאַכט אין די סאָציאַליסטישע לענדער, טרייַ צו לעניגס פּאָסטולאַטן, פירן אַ פּראַקטישן קאַמף מיט די איבערבלייַבעכצן פון קאַפּיטאַליזם אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. די פּוילישע פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי וואַרצלט אויס מיט אַנטשלאָסנקייט די רעשטלעך פון אַנטיסעמיטיזם. די פּוילישע פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי קוואַליפיצירט דעם אַנטיסעמיטיזם ווי קאַניבאַליזם, ווי מענטשן־פרעסערייַ. די קאָמוניסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען פון דער דייַטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, אונגאַרן, רומעניע, בולגאַריע און די איבעריקע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, דערציען זייערע פעלקער אין גייַסט פון עכטן פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, אין גייַסט פון רעספּעקט צו אַלע נאַציעס.

וואָס שייַעך מעדינאַס יִסראָעל, איז זי, ווי דאָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, ווי אַ קאַפּיטאַליסטישע מעלוכע ניט געווען אומשטאַנד צו לייזן יענע פראַגע, לעשעם וועלכער זי איז, דוכט זיך געשאַפן געוואָרן, אַף וויפל דאָרט עקזיסטירן אונטערדריקטע אַרבעטער־מאַסן און עס זענען פאַראַן אונטערדריקערס, די קאַפּיטאַליסטן, פאַרמאָגט די מעלוכע אַלע פעלערן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, צווישן זיי אויך די פעלער פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

## וואָהין פירט די ציעניסטן זייער טעאָריע פון זיין אַ „יויצע מין האַקלאַל"

דער מאַרקסיסטישער אויספיר בא דער איצטיקער לאַגע פון די פעלקער און נאַציאָנען זאָגט אַז: עס מוז אומבאַדינגט פאַרניכטעט ווערן די נאַציאָנאַלע און קאָלאָניאַלע אונטערדריקונג אין אַלע אירע פאָרמען און דערשייַנונגען, מען מוז פאַרענדיקן מיטן קאָלאָניאַליזם און מען מוז איינשטעלן די באַציונגען צווישן אַלע מעלוכעס און פעלקער פון מיזרעך און מייַרעוו אַף דער באַזע פון גלייכבאַרעכטיקונג, פרידלעכן צוזאַמענלעבן און אַלזייַטיקער צוזאַמענאַרבעט, האָבנדיק אָבער אין זינען אַז קעדיי צו דערגרייכן אַ טאָטאַלע און ענדגילטיקע פאַרניכטונג פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן יאָך, מוז אָפּגעשאַפן ווערן די עקספּלואַטאַציע פון איין מענטש דורכן אַנדערן.. מען מוז אַ סאָף מאַכן צום אימפּעריאַליזם. און דאָס איז מעגלעך נאָר בא אַ ברידערלעכן בונד און געייניקטער טעטיקייַט פון די אַרבעטער־מאַסן מיט די אונטערדריקטע פעלקער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. דער אויספיר פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליסטישן ציעניסט זאָגט: ייִדן דאַרפן ניט זאָרגן וועגן דער פאַרניכטונג פון קאָלאָניאַלן און נאַציאָנאַלן יאָך אַף דער גאַנצער וועלט, פּונקט ווי זיי דאַרף אויך ניט אינטערעסירן דער גוירל פון די אַרבעטער מאַסן פון אַנדערע נאַ־

ציאַנאַליטעטן און דאָס אָפּשאַפֿן די עקספּלואַטאַציע פֿון איין מענטש דורכן אַנדערן. ייִדן מוזן זיך אָפּזונדערן פֿון די אַרבעטער־מאַסן און פֿון די אונ־טערדריקטע פֿעלקער פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, זיי מוזן אײַנשטעלן אַ „קלאַסן־שאַלעם" מיט דער „ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע, וואָס זאָל זײַן גע־צילט קעגן די אַרבעטער פֿון אַנדערע פֿעלקער און נאַציעס, און זיי דאַרפֿן זיך קאָנצענטרירן אין דער בורזשואַזער מעלוכע, וואָס הייסט ייִסראָעל. מיר האָבן שוין געזען אַז אַפֿילע די איצטיקע איזאָלאַציע פֿון ייִסראָעל, באַמיען זיך די ייִסראָעלדיקע ציעניסטן אויסצונוצן מיט דער פֿאַלשער קאָנ־צעפּציע וועגן דער „אייביקייט פֿון ליידן" פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס דאָס איז שוין אַזוי צו זאָגן, פֿון פֿאָרויס באַשטימט דורך „גאָטס ווילן". אָבער אַזאַ אויסטײַטשונג פֿון ייִסראָעלס אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער איזאָלאַציע באַדײַט בלויז, אַז די ייִסראָעלדישע ציעניסטן באַמיען זיך אַרויפֿצולייגן אַף זייער גאָט זייערע אייגענע כאַטאָים.

עמעס, אין די דיפּלאָמאַטישע קרייזן און אין די רעגירונגס פֿאַרער־צימערן פֿון אַ גאַנצער רײַ אייראָפּעיִשע מעלוכעס, באַמיען זיך ניט די ייִסראָעלדיקע פּאָליטיקערס צו פֿאַרטיידיקן זייערע אָרעמע „טעאָריעס" וועגן דער „אויסנאַמלעכקײַט" פֿון דער נאַציע און וועגן איר מעשיכישער באַ־שערטקײַט. פֿאַרקערט, אונטער דער מאַסקע פֿון אַניוועס און זעלבסטמינדער־שעצונג און מיט אַ געמאַכטער באַשיידנקײַט, אַפּעלירן זיי צום אָפּגעפּרעגטן דורך זיי מאַרקסיזם און דעמאָקראַטיזם: „אויב איר אַנערקענט די רעכט פֿון אַליין באַשטימונג פֿאַר נאַציעס און איר פֿאַרטיידיקט די אַן אַ שיר גרעסער אַראַבישע נאַציע, אַנערקענענדיק די גערעכטיקײַט פֿון איר קאַמף קעגן קאָלאָניאַליזם, טאָ פֿאַרוואָס באַציט איר זיך נעגאַטיוו צו די אַנשטרענ־גונגען פֿון דער קליינער ייִדישער נאַציע, וואָס האָט זיך ערשט קאָנסטיטוּירט אין אַן אומאָפּהענגיקער ייִסראָעלדיקער מעלוכע? איז דען אַזאַ שטעלונג בענעגייאַ דער קליינער (ייִדישער) נאַציע ניט אין סטירע מיט די פּרינציפּן פֿון דעמאָקראַטיזם און סאָציאַליזם?"

ווי איר זעט, ווערט די פֿראַגע דאָ געשטעלט גאָר אַנדערש און זי בינדט זיך ניט אינגאַנצן מיט דער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק פֿון די ייִסראָעלדיקע רעאַקציאָנערע ציעניסטן! עס איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז אַפֿילע אין דעם אויפֿן גופֿע פֿון שטעלן די פֿראַגע קען מען ניט געפֿינען אַפֿילע קײַן אַנדײַטונג קעדיי צו פּרוּוון באַטראַכטן דעם איניען אין צוזאַמענהאַנג מיט די רעאַל עקזיסטירנדיקע קאָנקרעטע באַדינגונגען פֿון דעם באַפֿרײַונגס־קאַמף פֿון די אַראַבישע פֿעלקער און אויך פֿון דער גאַנצער וועלט.

מיר ווען דאָך פּרוּוון געבן אַן ענטפֿער אַף דער דאָזיקער דיפּלאָמאַטישער און אידעאָלאָגישער פֿראַגע, אַרויסגייענדיק פֿון די פּרינציפּן פֿון דעמאָקראַ־טיזם און מאַרקסיזם־לעניניזם. ווי אונדז שײַנט, איז דער ענטפֿער אַזאַ:

לעהייפּעך צום בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם באַטראַכט ניט דער מאַרקסיזם, ווי די וויסנשאַפֿטלעכע אידעאָלאָגיע פֿון אַרבעטער־קלאַס און ווי די אידעאָ־לאָגיע פֿון קאָנסעקווענטן דעמאָקראַטיזם, יעדע נאַציאָנאַלע פֿראַגע ווי אַ זעלבסט־ציל אָדער גאָר ווי די וויכטיקסטע און פֿונדאַמענטאַלסטע פֿראַגע פֿון

דער הײַנטיקער צײַט. עס איז בולעט און קלאָר, אַז די נאַציאָנאַלע און דעריקער די נאַציאָנאַל־קאָלאָניאַלע פראַגע האָט זיך אין דער איצטיקער צײַט אַרויסגערוקט אַף אַן אַנזעעוודיקן פּלאַץ צווישן די פּראָגעם פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער גאַרער וועלט. דעריבער הערשט איצט אַזאַ אַנגעשפּיצטע אויפמערקזאַמקײַט צו דער נאַציאָנאַלער און נאַציאָנאַל קאָלאָניאַלער פּראַגע בײַ די פאַרשידענע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. דאָך מוז די פּראַגע באַטראַכט ווערן אין יעדן באַזונדערן פּאַל אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלגעמײנער באַוועגונג, וואָס איז געווענדט צו באַפרײַען די מענטשהײַט פון די אימפּעריאַליסטישע קייטן.

די ערשטע פליכט פון יעדן ערנטלעכן דעמאָקראַט, סאָציאַליסט און קאָמוניסט, באַשטייט אין אונטערשיידן צווישן אונטערדריקערישע נאַציעס און אונטערדריקטע נאַציעס. אַט די פונדאַמענטאַלע, רעאַלע און באַם אימפּעריאַליזם אומפאַרמײַדלעכע צעטיילונג פון די נאַציעס, טאָר בעשום אויפן ניט פאַרשוויגן ווערן. קײַן שום דעמאָקראַט, ניט רעדנדיק שוין פון סאָציאַליסט, אָדער קאָמוניסט, קען ניט פאַרלייקענען דעם אומדיסקוטירבאַרן פאַקט, אַז נאָך אין אונדזערע טעג זענען פאַרבליבן אונטערדריקערישע נאַציעס, און קוידעם־קאָל די קאָלאָניאַלע גרויסמאַכטן — די פאַרייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד, פראַנקרײַך און אויך אייניקע אַנדערע, וואָס זייערע הערשנדיקע קלאַסן באַרויבן, פאַריאָכן און אונטערדריקן צענדליקער און הונדערטער מיליאָנען מענטשן פון די אונטערדריקטע נאַציעס און פעלקער פון אַזיע, אַפריקע און לאַטיין־אַמעריקע. עס זענען נאָך פאַראַן אַלזאַ נאַציעס, וואָס ווערן אונטערדריקט דורך די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן, אָבער וועלכע זענען שוין אויפגעשטאַנען צום אַנטשיידענעם און ענדגילטיקן קאַמף קעגן דעם יאָך.

אין שײַכעם דערמיט זענען אויך אין אונדזערע טעג, און אויך אַפן מיזרעך, פאַראַן צווייערליי נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. די נאַציאָנאַלע באַפרײַונגס־באַוועגונג פון די פעלקער פון אינדיע, אינדאָנעזיע, פון נאָענטן מיזרעך, פון די נעגערישע לענדער פון אַפריקע און אַנדערע, זענען אין דער העכסטער מאָס פּראָגרעסיוו, ווײַל זיי צילן צו דער באַפרײַונג פון זייערע לענדער און פעלקער פון מיזרעך פון אונטער דעם אימפּעריאַליסטישן יאָך און צו דער אַנטוויקלונג אָדער שאַפונג פון נאַציאָנאַלע מעלוכעס. דער באַפרײַונגס קאַמף פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין אַלזשיר קעגן די קאָלאָניזאַטאָרן — איז אַ גערעכטער און אַ פּראָגרעסיווער קאַמף, ער איז אַ טייל פון דעם אַלוועלטלעכן קאַמף וואָס די מענטשהײַט פירט פאַר איר באַפרײַונג פון די אימפּעריאַליסטישע קייטן: די שמוציקע קאָלאָניאַלע מילכאָמע פון די פראַנצויזן אין אַלזשיר, וואָס ווערט פאַרשלייערט מיט נאַציאָנאַליסטישע טערוצים, איז רעאַקציאָנער און איז אַ כאַרפּע פאַר דער פראַנצויזישער נאַציע.

אַ הארבן פּסאַק־דין פאַרדינט דער בלוטיקער בירגער־קריג, וואָס די ווײַסע קאָלאָניסטן פירן קעגן די נעגערס און אינדיאַנער אין דעם דאָרעם־אַפריקאַנער פאַרבאַנד, אין בעלגישן קאָנגאָ, ניאַסאַלאַנד אָדער אין קעניאַ, ווי אויך די פּאָליטיק פון שטיצן די קאָלאָניאַלע מאַכטן, מיצאַד אַזעלכע

מעלוכעס, ווי ניי־זעלאנד, א. א. וואס אפטמאל שפילן זיי אביעקטיוו די ראל פון אנשפאר־באזעס פארן אימפעריאליזם אין דארעם־מיזרעד אזיע. דעריבער טרעטן ארויס אין פראנקרייך, אין דעם דארעם־אפריקאנער פארבאנד, אין ניי־זעלאנד און אין אויסטראליע, די בעסטע, די באוווסטזיניקע און די פארגעשריטנסטע מענטשן קעגן דער אימפעריאליסטישער פאליטיק, וואס ווערט געפירט אדער געשטיצט דורך די קאפיטאליסטן פון „זייערע” נאציעס קעגן די אונטערדריקטע פעלקער און לענדער פון מיזרעד. מיט זייער קאמף קעגן דער פארשקלאפונגס־פאליטיק, דריקן אויס די אלע מענטשן זייערע עכטע, פונדאמענטאלע און פערמאנענטע אינטערעסן פון זייערע נאציעס, וואס זענען בעשום אויפן ניט אין איינקלאנג מיט די אינטערעסן פון יענע עקספלואטאטארישע קלאסן און שיכטן פון דער באפעלקערונג, וואס בויען זייער וווילשטאנד אף די ביינער, בלוט און ליידן פון די מיליאנען זין און טעכטער פון די מיזרעד־פעלקער.

מען קען ניט לייקענען, אז אין דעם פעריאד פון דער צעפאלונג פון דער קאלאניאלער סיסטעם געפינען זיך נאך ווו ניט ווו אין אזיע און אין אפריקע, באזונדערע פונקטן, געגנטן און אפילע קליינע לענדעלאך וואס דינען ווי אנשפאר־באזעס, פאר־פאסטנס, אדער „שטאד”־פאזיציעס פארן אימפעריאליזם. די באציונג פון אן עכטן דעמאקראט צו דער אדער יענער קאנקרעטער „נאציאנאלער באוועגונג” איז אפהענגיק אינגאנצן דערפון, צי אזא קאנקרעטע באוועגונג ווירקט מיט צו דער באפרייונג פון די אונטערדריקטע פעלקער און נאציעס פון דער וועלט פון אימפעריאליסטישן יאך און ביכלאל פון קאלאניאליזם, אדער דאס איז פאשעט א באוועגונג, וואס אביעקטיוו איז זי געווענדט צו דער ווייטערדיקער פארשקלאפונג פון די ביז איצט אונטערדריקטע נאציעס און פעלקער.

אן עכטער דעמאקראט קען זיך ניט אפזאגן פון קאמף קעגן יענע, וועלכע ווילן מיט צוואנג אנהאלטן אין א לאגע פון רעכטלאזיקייט, אפגעשטאנענקייט און ארעמקייט די אונטערדריקטע מיזרעד־פעלקער, וואס הייבן זיך שוין אן צו באפרייען, אריינגערעכנט, פארשטייט זיך, אויך די פעלקער פון נאענטן און מיטעלן מיזרעד. ער מוז פאדערן פרייהייט פאר די קאלאניעס און פאר די נאציעס, וואס ווערן אונטערדריקט פון אימפעריאליזם. אויב ניט, איז זיין דעמאקראטיזם בלויז א פוסטער און פאלשער, ניט מער ווי א ווערבאלער, און דעמאלט וועלן זיין אוממעגלעך דער צוטרוי און די סאלידאריטעט צווישן פעלקער, וואס קעמפן פאר שאלעם און פרייהייט.

פאר א פולשטענדיקן ניצאכן פון די נאציאנאל באפרייונגס־באוועגונגען וואס האבן זיך פאנאנדערגעוויקלט אין א גיגאנטישן מאסשטאב אפן גאנצן מיזרעד פאדערט זיך א פארייניקטע אנשטרענגונג פון דער ריזיקער באפעלקערונג פון די מיזרעד־לענדער מיט די פעלקער פון גרויסן סאציאליסטישן לאגער און אויך מיט אלע פראגרעסיווע און שאלעם־ליבנדיקע קויכעס פון בורזשואזן מיירעוו. דעריבער איז יעדער איינער, וואס טרעט ארויס דירעקט אדער אומדירעקט אפן צאד פון די קאלאניזאטארן, און אין דעם קאנקרעטן פאל אף דער זייט פון דער גרויס־קאפיטאליסטישער אימפעריע פון די ראק-

פֿעלערם אָפֿן נאָענטן מיזרעך, אָביעקטיוו אַ דערשטיקער פֿון פֿרײַהײַט פֿון די פֿעלקער פֿון יענער זאָנע, ניט געקוקט אַף דעם מיט וואָסער „נאַציאָנאַלער" פֿאָן ער זאָל זיך ניט פֿאַרדעקן.

נאָך אין יאָר 1916 האָט וו. אי. לענין ספּעציעל אָנגעוויזן אַף ווײַט ניט דער זעלבער באַציִונג פֿון דעם גרויסן לערער פֿון וועלט־פּראָלעטאַריאַט, קאַרל מאַרקס, צו פֿאַרשידענע קאָנקרעטע „נאַציאָנאַלע" באַוועגונגען פֿון זײַן צײַט. לענין האָט געשריבן:

„ווי עס איז באַוווּסט, איז קאַרל מאַרקס געווען פֿאַר פּוילנס אומאָפּהענגיקײַט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון די אינטערעסן פֿון דער אייראָפּעיִשער דעמאָקראַטיע אין איר קאַמף קעגן דעם קויעך און דער השפּעה — מען קען זאָגן קעגן דער דעם אַלמעכטיקן קויעך און פּרעדאָמינירנדיקער רעאַקציאָנערער השפּעה פֿון דעם צאַריזם. די ריכטיקײַט פֿון דעם שטאַנדפּונקט האָט זיך בוילעט און פּאַקטיש באַשטעטיקט אין יאָר 1849, ווען דאָס רוסישע לײַבקנעכטישע מיליטער האָט דערשטיקט דעם נאַציאָנאַל־באַפֿרײַערישן און רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישן אויפֿשטאַנד אין אונגאַרן. און פֿון דעמאָלסט אָן ביז קאַרל מאַרקס טויט, און אויך אַפֿילע שפּעטער ביזן יאָר 1890, ווען עס האָט געדראָט די רעאַקציאָנערע מילכאָמע פֿון צאַריזם אין בונד מיט פֿראַנקרײַך קעגן דעם ניט־אימפּעריאַליסטישן נאָר נאַציאָנאַל־אומאָפּהענגיקן דײַטשלאַנד, איז ענגעלס געווען קוידעם קאָל און מער פֿון אַלץ פֿאַר אַ קאַמף קעגן דעם צאַריזם. און טאַקע בלויז דערפֿאַר זענען מאַרקס און ענגעלס געווען קעגנערס פֿון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פֿון די טשעכן און די דאָרעם־סלאַוון. באַקענענדיק זיך מיט דעם, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן געשריבן אין די יאָרן 1849-1848, קען יעדערער, וועד עס אינטערעסירט זיך מיטן מאַרקסיזם, אָבער ניט קעדיי זיך אָפּצוטרייסלען פֿון מאַרקסיזם, זיך איבערצײַגן, אַז מאַרקס און ענגעלס האָבן דירעקט און אַנטשלאָסן קעגנגעשטעלט „גאַנצע רעאַקציאָנערע פֿעלקער" וואָס דינען ווי „רוסישע פֿאָר־פּאָסטנס" אין אייראָפּע קעגן די „רעוואָלוציאָנערע פֿעלקער": די דײַטשן, פּאָליאַקן און אונגאַרן. דאָס איז אַ פֿאַקט, און דער פֿאַקט איז דעמאָלט געווען אָן דעם מינדסטן סאָפֿעק ריכטיק אָנגעוויזן. אין יאָר 1848 האָבן די רעוואָלוציאָנערע פֿעלקער געקעמפֿט פֿאַר דער פֿרײַהייט, וואָס איר הויפּט־סוינע איז געווען דער צאַריזם, אָבער די טשעכן און אַנדערע זענען אין דער ווירקלעכקײַט געווען רעאַקציאָנערע פֿעלקער, פֿאָר־פּאָסטנס פֿון צאַריזם.

וואָסזשע דערציילט אונדז דער קאָנקרעטער בײַשפּיל, וועלכן מען מוז אויך באַהאַנדלען קאָנקרעט, אויב מען וויל נאָר בלײַבן געטרײַ דעם מאַרקסיזם? דאָס באַווײַזט אונדז בלויז דאָס, אַז: 1) די אינטערעסן פֿון דער באַפֿרײַונג פֿון עטלעכע גרויסע און גרעסטע אייראָפּעיִשע פֿעלקער שטייען העכער פֿון די אינטערעסן פֿון דער באַפֿרײַונגס־באַוועגונג פֿון קליינע נאַציעס; 2) די פֿאָדערונגען פֿון דער דעמאָקראַטיע מוזן באַטראַכט ווערן אין אַל־אייראָפּעיִשן, און הײַנט מוז מען זאָגן אין אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב, און ניט אָפּגעזונדערט. און מער גאָרניט. ניטאָ אַפֿילע קיין שאָטן פֿון אָפּלייקענען יענעם עלעמענטאַרן סאָציאַליסטישן פּרינציפּ, וואָס די פּאָליאַקן פֿאַרגעסן און צו וועלכן מאַרקס איז שטענדיק געווען געטרײַ: עס קען ניט זײַן פֿרײַ אַ פֿאָלק וואָס

אונטערדריקט אנדערע פעלקער. אויב עס זאל זיך איבערבאזורן דער קאנקרעטער צושטאנד, פאר וועלכן עס האט זיך געפונען מארקס אין דער עפאכע פון איבערוואג פון דער צארישער האשפאע אין דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק, דעהיינע, אין אזא פארעם, אז טעלעכע פעלקער וועלן אנהייבן א סאציאליסטישע רעוואלוציע (פונקט ווי אין יאר 1848 האט זיך אנגעפאנגען אין אייראפע די בורזשוואזע דעמאקראטישע רעוואלוציע), און אנדערע פעלקער וועלן זיך פארוואנדלען אין הויפט-זיילן פון דער בורזשואזער רעאקציע, וועלן מיר מוזן אויך זיין פאר א רעוואלוציאנערער מילכאמע קעגן זיי. מירן מוזן זיי דערשטיקן, פארניכטן אלע זייערע פאר-פאסטנס, ניט קוקנדיק אף קליין-נאציאנאלע באוועגונגען וועלכע זאלן דערביי ארויסגערוקט ווערן. דערפון איז גערדונגען, אז מיר דארפן ניט אפווארפן די ביישפילן פון מארקס טאקטיק; דאס וואלט געהייסן דינען מיטן מויל דעם מארקסיזם און איבערייסן מיט אים מיטן טאט. מיר מוזן פון א קאנקרעטן אנאליז ארויסבאקומען די ווערטפולסטע לעקציעס פאר דער צוקונפט. באזונדערע פאדערונגען פון דער דעמאקראטיע, צווישן זיי אויך די אליין-באשטימונג, זענען ניט קיין אבסאלוטע זאכן, נאר בלויז א טיילכל פון דער אל-דעמאקראטישער (היינט אל-סאציאליסטישער) וועלט-באוועגונג. גאנץ מעגלעך אז אין באזונדערע קאנקרעטע פאלן ווידערשפרעכט דאס טיילכל דער אלגעמיינער זאך, מוז מען עס דאן אפווארפן. עס איז מעגלעך אז א רעפובליקאנישע באוועגונג אין א לאנד זאל זיין בלויז א געווער פון דער קלעריקאלער אדער פינאנציעל-מאנארכיסטישער אינטריגע פון אנדערע לענדער, דאן מוזן מיר ניט שטיצן אזא באשטימטע קאנקרעטע באוועגונג, אבער עס וואלט געווען גאר לעכערלעך מיר זאלן אף אט דעם סמאך ארויסווארפן פון דער פראגראם פון דער אינטערנאציאנאלער סאציאל-דעמאקראטיע דעם לאזונג פון א רעפובליק(1).

אנווייזנדיק אף דער ענדערונג אין דער געשיכטלעכער לאגע, זינט די צייטן פון קארל מארקס און אויך אף דער אביעקטיווער ענדערונג פון דער סיטואציע אין רוסלאנד, ביפראט אין צוזאמענהאנג מיט דער רעוואלוציע פון יאר 1905, האט וו. אי. לענין פארגעזעצט:

„מארקס און ענגעלס האבן ניט דערלעבט ביז צום אימפעריאליזם. איצט האט זיך געשאפן א סיסטעם פון א הייפל (5-6) „גרויסע" אימפעריאליסטישע מעלוכעס, וואס יעדע איינע פון זיי אונטערדריקט פרעמדע נאציעס, דערביי איז די דאזיקע אונטערדריקונג איינע פון די מיטלען מיט וועלכע עס ווערט אפגעהאלטן אף א קינסטלעכן אויפן דער צוזאמענברוך פון דעם קאפיטאליזם, עס איז א קינסטלעכע שטיצע פארן אפארטוניזם און סאציאל-שאוויניזם פון די אימפעריאליסטישע נאציעס וואס הערשן איבער דער וועלט. דעמאלט איז די מיזרעוו-אייראפעישע דעמאקראטיע, וואס האט באפרייט די גרעסטע נאציעס, געווען קעגן דעם צאריזם, וועלכער האט צוליב רעאקציאנערע צוועקן אויסגענוצט די קליינע נאציאנאלע באוועגונגען. איצטער איז דער

(1) וו. אי. לענין וועגן דער נאציאנאלער און נאציאנאל-קאלאניאלער פראגע, זייטן 331-132.

בונד פון דעם צאריסטישן אימפעריאליזם מיט דעם פארויסגעשריטענעם קאפיטאליסטישן, אייראפעישן אימפעריאליזם, א בונד אף דער באזע פון דער אלגעמיינער אונטערדריקונג פון א גאנצער ריי נאציעס, קעגנגעשטעלט דעם סאציאליסטישן פראלעטאריאט, וואס איז צעשפאלטן אף א שאווינסטישן „סאציאל-אימפעריאליסטישן" אין א „רעוואלוציאנערן"(1).

פון די פארגאנגענע יארן, זינט יענער צייט, האט זיך די לאגע אין דער וועלט ענדגילטיק געענדערט צום גוטן. עס איז אנטשטאנען דער פארבאנד פון סאוועטישע, סאציאליסטישע רעפובליקן, און דערנאך, דער גרויסער לאגער פון סאציאליסטישע מעלוכעס, וואס אין זייערע גרענעצן, ווי שוין געזאגט, איז אפגעשאפט געווארן יעדער מין אומגלייכהייט און אונטערדריקונג. אין פארלויף פון דער לעצטער צייט האט זיך אנטוויקלט אין דער פולסטער מאס דאס צעפאלן זיך פון דער קאלאניאלער סיסטעם פון אימפעריאליזם, און די דערדריקנדיקע מערהייט פון די מיזרעד-פעלקער האבן אראפגעשליידערט פון זיך די קייטן פון דער קאלאניאלער פארשקלאפונג. עס האט זיך שוין אויסגעפודעמט און עס פארפעסטיקט זיך אלץ מער און מער, אין דעם קאמף קעגן די קאלאניאלע קויכעס, דער גרויסער פארבאנד פון די פעלקער פון די סאציאליסטישע מעלוכעס און פון די נייע אומאפהענגיקע מיזרעד-לענדער, וואס דעראבערן זייער פולקאמע באפרייונג פון די פענטעס פון אימפעריאליסטישן יאך. אף דער זייט פון דעם פארבאנד געפינט זיך אלץ וואס איז ערלעך, פארגעשריטן און פראגרעסיוו אין די מיזרעוו-לענדער.

אבער אף וועמענס צאד געפינען זיך אין איצטיקן היסטארישן קאמף פון די פעלקער, דער בורזשואזער ציעניזם און די ציעניסטישע הערשנדיקע קרייזן פון יִסראעל? די אין בוד אנגעגעבענע פאקטן און אויך אלע אנדערע דאטעם באווייזן אז די דאזיקע קרייזן זענען אפן צאד פון די פארביסנסטע סאנים פון דער פרייהייט פון די פעלקער פון מיזרעד, — און ניט בלויז פון מיזרעד, — זיי געפינען זיך אף דער זייט פון די אמעריקאנער, ענגלישע און פראנצויזישע אימפעריאליסטן. נאד מער! די יִסראעלדישע הערשנדיקע קרייזן זענען ניט פאר יִסראעל קיין אנדער צוקונפט, ווי דאס שטיין צו דינסט און זיין א שיק-יינגל בא די גרויסע קאלאניאלע אימפעריאליסטישע מעלוכעס.

אף אזא אויפן איז מעדינאס יִסראעל אביעקטיוו פארוואנדלט געווארן אין א בייטש פון דער אימפעריאליסטישער רעאקציע אז אן אנשפאר,-פונקט פאר דעם אפטרעטנדיקן קאלאניאליזם, וועלכער גייט דאד אריבער ווו ניט ווו, אדער פרווט אריבערצוגיין אין א קאנטר-אטאקע און אין לאקאלע קאנטר-אפענסיוועס.

וואסזשע טויגן די יאמערייען פון די אגענטן פון יִסראעלדיקן ציעניזם „וועגן דער אליין באשטימונג פון נאציעס" און וועגן רעכט פון „א קליינער נאציע"? איז דען ניט קלאר אז אזעלכע פילפולים פון די יִסראעלדיקע עקסטרעמיסטן זענען דורך און דורך פאלש און צוויאקיש?

(1) וו. אי. לענין: וועגן דער נאציאנאלער און נאציאנאל-קאלאניאלער פראגע, זייט 333.

די אויבן געבראַכטע שורעס וועגן קאַרל מאַרקס שטעלונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָבן אַרויסגערופן אַ ווירוואַר צווישן די מאַרטירערס און היפּאָקריטן פון ישׂראלישן ציעניזם. קוידעם קאָל האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, אַנגעפאַנגען „אָפּצופרעגן" מאַרקסן, וועלכער איז, לויט זיי שוין „פאַרעלטערט", און צי דען האָט ער ביכלאַל אַנגעהאַלטן אַזאַ שטאַנדפּונקט, סײַדן אין זײַן פריסטער „העגעליאַנישער יוגנט"?

די צײַטונג „אל האַמישמאַר", וואָס שמייכלט צום סאָציאַליזם און אַפילע צום מאַרקסיזם, האָט אין אַ לײַט־אַרטיקל פון 19־טן נאָוועמבער 1958 געשריבן, ווענדנדיק זיך צו די מעכאַברים פון דעם בוך:

די מעכאַברים „לעבן אויף פלוצלינג די טעאָריע וועגן דער עקזיסטענץ פון „פאַרגעשריטענע" און „רעאַקציאָנערע" פעלקער. דאָס איז דאָך אָבער ניט נאָר ניט קיין פעסטער, נײַערט אַפילע אַ זייער געפערלעכער אַנשפּאַר. דער יונגער מאַרקס האָט זיך דערלויבט אַזאַ מין אידעישע שפּיל מיט איינעם פון די פילאָזאָפישע געדאַנקען פון זײַן צײַט, מיט די רעשטלעך העגעליאַניזם וועגן פעלקער מיט אַ „לעגיטימאַציע" און פעלקער אָן „לעגיטימאַציע" אין דער געשיכטע. ווי אַ קאָרבן פון אָט דער שפּיל איז, ווי באַוווּסט, געפאַלן דאָס טשעכישע פאָלק, וואָס איז באַטיטלט געוואָרן ווי אַ רעאַקציאָנער און פאַרמישפּעט געוואָרן צום פאַרשווינדן. מיר זעען דאָך אָבער אַליין, אַז דאָס טשעכישע פאָלק האָט ניט אויסגעפירט דעם מיסטישן אורטייל, וואָ־עס עס געפינט זיך דאָך הײַנט צו טאָג אין די ראַמען פון די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע".

אין דראַנג פון געמאַכטן אויפברויז דערקלערט „אל האַמישמאַר" אַז די מעכאַרים פון בוך „נעמען צו בײַ מאַרקסן דעם לעבעדיקן אינהאַלט" און אַז זיי פאַרגעסן דעם עמעס, אַז „עס זענען פאַראַן רעאַקציאָנערע קלאַסן, אָבער עס עקזיסטירן ניט קיין רעאַקציאָנערע פעלקער". די לײַט־אַרטיקל־שרײַבער פון „אל האַמישמאַר" זענען אָפּאָנים איבערצײַגט, אַז וואָס ווייסנשאַפטלעכער זיי וועלן זיך פאַרשטעלן, אַלץ מער איבערצײַגנדיק וועלן זײַן פאַרן לייענער זייערע אַרגומענטן. „דערבײַ מאַכן זיי אָן אַנשטעל, אַז זיי קעמפן ניט קעגן מאַרקסן אָדער קעגן לענינען, נאָר קעגן העגעלן און דערצו נאָר קעגן די „יוגנט סימפּאַטיעס" פון ק. מאַרקסן צום העגעליאַניזם, בײַ וואָס עס האָבן שוין זיך גענוג אײַנגעגעבט אין זייער צײַט קאָלערליי רענעגאַטן פון 2־טן אינטערנאַציאָנאַל.

אָבער יעדערער וואָס האָט שטודירט די ווערק פון קאַרל מאַרקס, פ. ענגעלס און וו. אי. לענין ווייסט, אַז די געבראַכטע טעזיסן פון וו. אי. לענין זענען איינע פון די וויכטיקסטע זײַטן פון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער לערע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ק. מאַרקס און פ. ענגעלס זענען ניט בלויז אין דער יוגנט, נײַערט אין מעשעך פון זייער גאַנץ לעבן געשטאַנען אויף די פּאָזיציעס פון דעם אַרבעטער־קלאַס און האָבן העכער פון אַלץ געשטעלט די אינטערעסן פון קאַמף פאַר דער באַפרײַונג פון די אַרבעטער־מאַסן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך. זיי האָבן געפירט דעם קאַמף ניט פון ענג נאַציאָנאַליסטישע, נײַערט פון אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציעס,

זיי האבן מיט דער ליידנשאפט פון גרויסע רעוואלוציאנערן זיך ניט אפגעשראקן ארויסצוטרעטן קעגן א גאנצער מאכנע אין יענע צייטן קלוימערשטע אלמעכטיקע סאנים, איינגעשלאסן אויך דעם צאריזם וואס האט פאר זיינע רעאקציאנערע אינטערעסן אויסגענוצט ווי א געווער די קליינע באזונדערע נאציאנאלע באוועגונגען.

עפשער גלויבט דער „אל האמישמאר" אז די לאגע אין איראפע אין יאר 1848 איז געבוירן געווארן צוליב „איינעם פון די פילאזאפישע געדאנקען פון יענער צייט" — פון העגעליאניזם? אדער דאס איז גאר געווען א היסטארישער נאנסענס, א צופעליקייט, וואס האט קיין שום באדייטונג ניט פאר אנדערע צייטן און פעלקער?

סיי די, סיי יענע האשארע וואלט געווען פארשטייט זיך א טיף פאלשע. דער ווער עס האט זיך אריינגעטראכט אין דעם גאנג פון די געשעענישן אין איראפע אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מילכאמע, האט ניט געקענט ניט באמערקן אז א לאגע אין א געוויסן זין אן ענלעכע צו יענער, וועגן וועלכער עס האט גערעדט קארל מארקס אין יאר 1848, קען זיך אויך באקומען אין אונדזער צייט בא געענדערטע באדינגונגען. עס איז אויך גענוג זיך צו באקענען אביסל מיט דער געשיכטע פון דער קאלאניאלער פארשקלאפונג פון אפריקע, אזיע און לאטיין־אמעריקע, קעדיי זיך איבערצוצייגן אז דער קאפיטאליזם און דער אימפעריאליזם האבן אפט באהערשט און באהערשן נאך היינט, און האבן אויך אויסגענוצט אומבאדייטנדיקע נאציאנאלע באוועגונגען פון באזונדערע באפעלקערונגען אדער שוואטים, וועלכע זענען אין דעם אדער יענעם זין געווען אומצופרידן מיט זייערע שכיינים, קעדיי מיט זייער הילף צו פארשקלאפן אנ־ערע נאציאנאליטעטן און שוואטים און שפעטער אונטעריאכן אויך די וואסאלן זייערע און צייטווייליקע פארבינדעטע. און אויב דאס אלץ איז ניט מער ווי „העגעליאנישע אויסטראכטונגען", טא פון וואנען האט געקענט אנטשטיין (א סאך צייט פאר העגעלן און מארקסן) די פאליטיק פון די אוראלטע רוימישע שקלאפן־באזיצערס און קאלאניזאטארן, וואס איז אויסגעדריקט געווארן אין דער באפליגלטער פראזע, וואס איז געווען אין העסקעם מיט דער פאליטיק פון רוימישן סענאט: „צעטייל און הערש"! אויב דאס גאנצע בייז שטאמט פון העגעלן אדער פון די יוגנטלעכע נייגונגען פון מארקסן צום העגעליאניזם, טא ווי אזוי האבן זיך געקענט דערטראכטן די אמעריקאנער, וואס האבן אין זייער לעבן ניט געלייענט ניט העגעלן און ניט מארקסן, צו דער דורכפירונג פון אזא מין פאליטיק אין אזיע און אין אפריקע, צוזאמען מיטן געדאנק וועגן אויסנוצן די רעגירונגס־קרייזן פון יסראעל פאר זייערע אימפעריאליסטישע אינטערעסן אפן נאענטן און מיטעלן מיזרעך?!

ניין, עס זענען ניט פארעלטערט געווארן און עס האבן ניט פארלוירן זייער באדייט די אומשטערבלעכע שאפונגען פון די קלאסיקערס פון מארקסיזם אין דער נאציאנאל־קאלאניאלער פראגע. פארקערט, זיי באקומען אן אויסערסט וויכטיקן באדייט און דערצו ניט ווי א דאגמע, נאר טאקע ווי א וועג־ווייזער אין דער אקציע, אין אונדזער צייט פון דעם אלגעמיינעם קריזיס

פון קאפיטאליזם און פון דער צעפאלונג פון דער קאלאניאלער סיסטעם פון אימפעריאליזם.

עס זענען בעמעם גרויסארטיק „אל הימאשמארם" לעקציע צו קארל מארקסן און צו די מארקסיסטן וועגן דעם, אז „עס איז ניטא קיין רעאקציאנערע פעלקער", נאר עס עקזיסטירן רעאקציאנערע קלאסן. מען וואלט געקענט מיינען, אז ניט מארקס, ניט די מארקסיסטן, נאר דאווקע די צייטונג „אל האמישמאר" איז דער אדרעס פון דער לערע וועגן קלאסנקאמף און וועגן דער ליקווידאציע פון דעם סאציאלן און נאציאנאלן יאך אין אונדזער צייט. פריער האבן מיר דא ציטירט א פראגמענט פון וו. אי. לענינס ארטיקל, ווו ער האט געבראכט נ. ג. טשערנישעווסקיס ביטערע ווערטער וועגן דער גרויס־רוסישער נאציע, ווי וועגן א „שקלאפן־נאציע". ניט וועלנדיק אויסהערן קיין לעקציעס פון „אל האמישמאר" געווענדעט צו נ. ג. טשערנישעווסקין, ווילן מיר פארויס זאגן, אז די ווערטער פון דעם גרויסן רוסישן געלערנטן און דעמאקראט זענען דאן געווען ארויסגעזאגט, ווי דאס קלערט אויף לענין, אין צוזאמענהאנג מיט דעם פעלן פון רעוואלוציאנערישקייט אין די מאסן פון דער גרויס־רוסישער באפעלקערונג. דעמאלט איז אזא רעוואלוציאנערישקייט ניט געווען און דער רוסישער צאריזם האט אויסגעפירט די פונקציע פון א זשאנדארם פון אייראפע, אונטעריאכנדיק און גלייכצייטיק בארויבנדיק דאס רוסישע פאלק און אויך אנדערע צארישע פעלקער פון רוסלאנד. איצט האט זיך די לאגע גרונטלעך געענדערט. סיי דאס רוסישע פאלק, סיי דאס סאוועטישע שטייען אין די ערשטע רייען פון דער סאציאליסטישער וועלט־באוועגונג.

די צייטן זענען געווארן אנדערע. דאס איז אויך ריכטיק בענעגייא יסראעל. זאלן דעריבער די ציוניסטישע אידעאלאגן ניט ארויפלייגן קיין שאטנס אפן ליכטיקן טאג — מיר ריידן ניט אין אונדזער ביכל וועגן יסראעלס „רעאקציאנערן פאלק", מיר ריידן וועגן די רעאקציאנערע רעגירונגס־קרייזן און קלאסן פון יסראעל. מיר שטרייכן אונטער ניט איין מאל, אז אין יסראעל זענען פאראן גלייכצייטיק מיט די רעאקציאנערע קרייזן און קלאסן אויך קויכעס און קלאסן, וואס זענען פעיק צו קעמפן אין שווערע באדינגונגען קעגן דער יסראעלישער רעאקציע און קעגן איר פארברעכערישער פאליטיק.

וואס שייך דער באציונג פון „אל האמישמאר" גופע צו דער באפרייונגס באוועגונג פון די אראבישע פעלקער, איז זי אויסגעדריקט אין די וויטערדיקע ווערטער פון דעם לייט־ארטיקל פון 14־טן אויגוסט 1958: „יסראעלס ווונטש איז, אז עס זאל זיין וואס לאנגזאמער די אנטוויקלונג פון דער באפרייונגס־באוועגונג פון די אראבישע פעלקער".

קורץ און שארף! לויט „אל האמישמאר" זענען ניטא קיין רעאקציאנערע פעלקער, עס זענען אבער פאראן צו פיל רעוואלוציאנערע פעלקער, וואס שטרעבן שנעלער, ווי מען דארף, צו זייער באפרייונג פון קאלאניאליזם. און עפשער איז עס גאר קאפירט פון די שפאלטן פון דער בעלגישער אדער ענגלישער קאלאניאליסטישער פרעסע, ווו מען זאגט זיך ארויס „פאר

א מער געלאַסענער אַנטוויקלונג פון דער באַפרײַונג לעמאַשל פון די פעלקער פון אַפריקע?

אין איין פּראַט איז „אל האַמישמאַר" גאַנץ גערעכט. איין זאַך זענען די ישׂראלישע ציוניסטישע עקסטרעמיסטן, וואָס מיט זייער פּאָליטיק שטעלן זיי אין געפאַר די עקזיסטענץ גופא פון דער יונגער מעלוכע (און אַט די קרייזן שטיצט „אל האַמישמאַר" גופא) און אַ צווייטע זאַך, דאָס זענען די האָרעפּאַשנע ייִדן פון ישׂראל, אונדזערע קלאַסן־ברידער און אָפט אויך ברי־דער לויט דער איבערצײַגונג.

אין שײַכעס מיט דער פראַגע וועגן דער „אַלוועלטלעכער ייִדישער נאַציע" מוז מען פּאַרט אָנמערקן, אַז אין ישׂראל וווינט בלויז אַ קליינער טייל פון די ייִדן פון דער וועלט, בעפּיירעש בלויז אַ זיבעט־כיילעק פון דער אַלגעמיינער צאָל. די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד און פון די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער אַרבעטן אַקטיוו, צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטנדיקע נאַציאָנאַליטעטן פון זייער פאָטערלאַנד, אין דער גרויסער זאַך פון בויען דעם קאָמוניזם, וואָס אַנטפּלעקט אומגעהויערע ליכטיקע פּערספּעקטיוון פאַר אַלע פעלקער פון דער ערד. די ייִדישע אַרבעטער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פירן און וועלן אויך ווײַטער פירן אַן אומדערמידלעכן קאַמף פאַר שאַלעם און פאַר זייערע סאָציאַלע רעכט, און אַ סאַך פון זיי זענען זייער אַקטיוו אין דער טעטיקײַט פון די קאָמוניסטישע און אַנדערע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. הונדערטער בריוו, וואָס די מעכאַברים פון דעם בוך האָבן באַקומען פון ייִדן פון ראַטנ־פאַרבאַנד און פון אַנדערע לענדער, אין וועלכע עס ווערט פאַרורטיילט די פּאָליטיק פון די איצטיקע רעגירונגס־קרייזן פון ישׂראל, זענען בלויז אַ טראָפּן, וואָס שפּיגלט אָפּ די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון אַט דעם טייל ייִדנטום.

## דער אויספיר

אויב די מאַרקסיסטן־לעניניסטן טרעטן אַרויס קעגן דער בורזשואַזער אידעאָ־לאָגיע פון דעם רעאַקציאָנערן ישׂראלדיקן ציוניזם, טרעטן זיי אָבער מיט ניט ווייניקער אַנטשלאָסנקײַט אַרויס און זיי קעמפן קעגן אַלע מינים מאַני־פעסטירונגען פון אַנטיסעמיטיזם, ווײַל דער רעאַקציאָנערער ציוניזם און דער אַנטיסעמיטיזם, — דאָס זענען צוויי זײַטן פון דער זעלבער מאַטבייע, דאָס זענען באַשעפענישן פון איינער און דער זעלבער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם, פּרוכטן פון אימפּעריאַליזם. אין אַ קאַמף אַף ביידע פראָנטן, קעגן רעאַקציאָ־נערן ציוניזם און קעגן אַנטיסעמיטיזם, איז די פליכט פון יעדן באַוווסטזיניקן אַרבעטער, וואָס שטרעבט צו דער אייניקײט פון אַלע פּראָגרעסיווע אַנטי־אימפּע־ריאַליסטישע קויכעס. דאָס האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט וו. אי. לענין, און עס דרינגט אויך אַרויס פון די באַזעס גופא פון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטי־שער אידעאָלאָגיע.

אין זײַן רעדע, וואָס איז אין יאָר 1919 געוואָרן פאַרשריבן אַף אַ גראַ־מאָפאָן־פּלאַסטינקע און איז ספּעציעל באַשטימט געווען פאַר אַ ברייטער פאַר־שפּרייטונג צווישן פאָלק, האָט וו. אי. לענין געזאָגט:

„ניט די ייִדן זענען סאָנים פון די אַרבעטער, די סאָנים פון די אַרבעטער זענען די קאַפּיטאַליסטן פון אַלע לענדער. צווישן ייִדן זענען פאַראַן אַרבעטער, האַרעפּאַשניקעס און זיי זענען די מערהייט. זיי זענען אונדזערע ברידער, וואָס ווערן באַגלייך מיט אונדז דערדריקט דורך דעם קאַפּיטאַל, זיי זענען אונדזערע כאַווײרים אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. צווישן ייִדן זענען פאַראַן גווירים, עקספּלואַטאַטאָרס, קאַפּיטאַליסטן, ווי צווישן רוסן. די קאַפּיטאַליסטן באַמיען זיך, צו פאַרזייען און צעבלאָזן אַ סינע צווישן אַרבעטער פון פאַרשידענע נאַציאָנען און פאַרשידענע ראַסעס. די וואָס אַרבעטן ניט האַלטן זיך מיטן קויעד און מיט דיר מאַכט פון קאַפּיטאַל. די רייַכע ייִדן, פונקט ווי די רייַכע רוסן, ווי די גווירים פון אַלע לענדער זענען פאַראייניקט צווישן זיך און זיי דריקן, פאַריאָכן און צעשיידן די אַרבעטער.

צו שאַנד זאָל זייַן דער פאַרשאָלטענער צאַריזם, וואָס האָט געפּייַניקט און פאַרפאָלגט די ייִדן. צו שאַנד זאָלן זייַן יענע, וועלכע פלאַנצן סינע קעגן ייִדן, וואָס פאַרשפּרייטן סינע צו אַלע אַנדערע נאַציעס(1).

גלייַכצייַטיק האָט וו. אי. לענין, פונקט ווי קאַרל מאַרקס, געפירט אַ קאַמף קעגן דער אָפּגעזונדערטקייַט פון די האַרעפּאַשנע ייִדן פון די האַרע־פּאַשניקעס פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, ער האָט געקעמפט פאַרן איינ־שטעלן אַ ברידערלעכע אייניקייַט קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, פירנדיק אַ קאַמף קעגן די גרונטלאָזע פאָדערונגען פון דער קליינבירגערלעכער פּאַרטיי „בונד" אָפּצוזונדערן די ייִדן, אָפּצוטיילן זיי פון דעם פאָלק צווישן וועלכן זיי לעבן. האָט לענין געשריבן נאָך פאַר דער אָקטאָבער רעוואָלוציע: „ניט שוין זשע מוזן מיר זיך צוריקקערן צו די פאַרעלטערטע טעאָריעס און דערקלערן, אַז דאַווקע רוסלאַנד וועט זייַן אַן אויסנאָם, האָגאָם די באַפרייַונגס־באַוועגונג צווישן די ייִדן איז אין רוסלאַנד טיפער און ברייטער, מאַכמעס צווישן דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט האָט דערוואַכט דער העראָישער באַוווסטזייַן? קען מען דען דערקלערן בלויז ווי אַלס אַ צופאַל דעם פאַקט, וואָס דאַווקע אַלע רע־אַקציאָנערע קויכעס פון גאַנץ אייראָפּע און דעריקער פון רוסלאַנד, באַוואָפענען זיך קעגן דער אַסימילאַציע פון דעם ייִדנטום און זיי באַמיען זיך צו פאַרפעס־טיקן זייַן אָפּגעזונדערטקייַט?". און ווייַטער: „די פייַנטשאַפט צו די אַנדער־שטאַמיקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג וועלן אויפהערן צו זייַן פרעמדע, זיי וועלן זיך צעגויפגיסן מיט דער אַלגעמיינער מאַסע פון דער באַפעלקערונג. דאָס איז די איינציקע מעגלעכע לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע, און מיר טוזן שטיצן אַלץ, וואָס ווירקט לעטויוועס דער באַזייַטיקונג פון דער ייִדישער אָפּגע־זונדערטקייַט"(1).

דער ווייַטערדיקער גאַנג פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג האָט פול־שטענדיק באַשטעטיקט די ריכטיקייַט פון די דאָזיקע טעזעס פון מאַרקסיזם־לענינעיזם.

די געשיכטע פון דער מענטשהייַט האָט מיט דער פולסטער איבערצייַגונג

---

(1) וו. אי. לענין: ווערק, בּו 29, זייטן 227־128.

(1) וו. אי. לענין: ווערק, ב' 7, זייטן 84־85.

דערוויזן אז בלויז דער ארבעטער־קלאס און די ארבעטער־מאסן אונטער זיין אנפירונג, זענען די קאנסעקווענטע און די אנטשיידענע קעגנערס פון נאציאנאלן יאך. דעריבער קען רעאליזירט ווערן די ענדגילטיקע אפשאפונג פון נאציאנאלן יאך בלויז אין פאל ווען די מאכט וועט אריבערגיין אין די הענט פון פראלעטאריאט. מיטן איינשטעלן די דיקטאטור פון פראלעטאריאט ווערט פארניכטעט די הערשאפט פון דער בורזשואזיע אין דעם אדער יענעם לאנד, און דאס באדייט, אז עס ווערט געמאכט א סאף צו די פריוואט קאפיטאליסטישע מאנאפאלן און גרופירונגען, וואס פירן צווישן זיך א קאנקורענץ־קאמף, און עס ווערן באזייטיקט אלע סאציאלע סיבעס וואס זענען גוירעם די נאציאנאלע אונטערדריקונג נייע פראדוקציע־באציונגען שאפן דעם באדן פארן ענדערן די מענטשלעכע פסיכאלאגיע.

דערפאר טאקע, ווען עס איז דורכגעבראכן געווארן דער אימפעריאליסטישער פראנט און אונטער די מעכטיקע קלעפ פון פראלעטאריאט איז צעשמעטערט געווארן דער רוסישער קאפיטאליזם, האט באקומען א טויט־קלאפ אף א זעקסטל פון דעם ערדקיילעך אויך יעדע נאציאנאלע אונטערדריקונג, און דערונטער אויך דער אנטיסעמיטיזם.

וו. אי. לענינס אידייען האבן אנגעפאנגען אף א קאנסעקווענטן אופן פארווירקלעכט צו ווערן גלייך נאך דער אקטאבער־רעוואלוציע. איינער פון די ערשטע טאטן פון דער ראטנמאכט, איז געווען דאס אפשאפן אלע נאציאנאלע פריווילעגיעס און באגרענעצונגען, און די יידן זענען געווארן גלייכבארעכטיקט צווישן אלע סאוועטישע פעלקער.

די סאוועטישע קאנסטיטוציע האט פראקלאמירט די פולע גלייכהייט פון אלע נאציעס. לענינס נאציאנאלע פאליטיק וואס האט באפרייט אלע נאציעס און פארייניקט אלע פעלקער פון דעם ראטנפארבאנד אין איין ברידערלעכער מישפאכע, האט דערקלערט אז אנטשיידענע מילכאמע יעדער נאציאנאלער אונטערדריקונג — אט דער דאזיקער שוינדלעכער דערשיינונג פון דער פארגאנגענהייט.

די פריינטשאפט צווישן די פעלקער פון דעם ראטנפארבאנד, וואס איז אויסגעשמידט געווארן אין מעשעך פון די יארן פון דער סאציאליסטישער בויונג און פון די שווערע מילכאמע־לײדן האט געהאלפן דעם וווּקס און דער צעבליונג פון די שעפערישע קויכעס און טאלאנטן בא פיל פעלקער און נאציאנאליטעטן פון דעם גרויסן סאוועטישן לאנד, און צווישן זיי אויך פון די ארבעטנדיקע יידן.

איצט שפאנען שוין זיגרייך די פעלקער פון אלע אנדערע לענדער פון סאציאליסטישן לאגער אפן וועג פון דער בויונג פון א נייער געזעלשאפט, פארווירקלעכנדיק דעם מארקסיסטיש־לעניניסטישן פרינציפ פון נאציאנאלער גלייכבארעכטיקונג און איינקייט פון די ארבעטער פון אלע נאציאנאליטעטן.

און וואס שייעך די רעאקציאנערע ציאניסטן, זענען, ווי דאס האט פארויסגעזען וו. אי. לענין, געבליבן אין דעם לאגער פון די סאנים פון דער ארבעטער־באוועגונג און פון סאציאליזם. שטייענדיק אין שפיץ פון דער קלייר־

נער ייִסראַעל־מעלוכע, האָבן זיי אין אַ גאָר קורצער צײַט געבראַכט דאָס לאַנד צו אַ זייער שווערער לאַגע.

האַבנדיק אין זינען די אינטערעסן וואָס זענען פרעמד פאַר די אַרבעטנדיקע ייִדן, האָבן זיי געפירט דאָס לאַנד ניט אַפן וועג פון נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקײַט, נאָר עס צוגעבונדן צום וואָגן פון דער פאַרמישפּעטער צום טויט אימפּעריאַליסטישער קאָלאָניאַליסטישער וועלט.

די בורזשואַזע רעגירונגס־קרײַזן פון ייִסראַעל זענען נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג ניט אימשטאַנד צו פאַרשטיין, אַז די ייִדן־פראַגע קען געלייזט ווערן ניט מיט דעם אָפּזונדערן דאָס ייִדישע פאָלק פון אַנדערע פעלקער, נאָר דורך אַן ענגער בירדערלעכער פרײַנטשאַפט מיט אַנדערע פעלקער, בפּראַט מיטן אַראַבישן פאָלק, צווישן וועלכן די ייִסראַעלים לעבן.

דאָס אומפאַרמײַדלעכע צעפאַלן זיך פון דער אַלוועלטלעכער אימפּעריאַליסטישער סיסטעם איז די גאַראַנטיע פון דער ענדגילטיקער לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע אין וועלט־מאַסשטאַב. און ס'איז קלאָר, אַז די דאָזיקע לייזונג וועט פאַרקומען ניט אַפן אויפן, ווי דאָס שטעלן זיך פאָר די רעאַקציאָנערע קרײַזן פון ייִסראַעלדיקן ציעניזם.

# פארלאג „הײמלאנד“

## דערשינענע ביכער

די גרויסע פארשווערונג — פון מײקל סעיערס און אלבערט ע. קאהן (אויספארקויפט)

דער צווייטער פראנט — ד. קראמינאוו (אויספארקויפט)
די פארשווערונג קעגן שאלעם — ראלף פארקער
100 מיליאן פאר טעראר און סאבאטאזש א. ווישינסקי (אויספארקויפט)

די אמעריקאנער אין יאפאן — א. קורגאנאוו
דער געפונענער העפט פון סונטשאן — ראמאן קים
די עקאנאמישע פראבלעמען אין פסםר — י. סטאלין
גאלד — בארים פאלעוואי — ערשטער באנד — אויספארקויפט)
גאלד — בארים פאלעוואי — צווייטער באנד — (אויספארקויפט)
ווײַט פון מאסקווע — וואסילי אזשאיעוו (1טער טייל) אויספארקויפט
ווײַט פון מאסקווע — וואסילי אזשאיעוו (2טער טייל) " "
ווײַט פון מאסקווע — וואסילי אזשאיעוו (3טער טייל) " "
אליטעט גייט אוועק אין די בערג — ט. סיאמושקין (אויספארקויפט)

דער דיפלאמאט — דזשיימס אלדריטש (באנד I) (אויך געבונדן)
דער דיפלאמאט — דזשיימס אלדריטש (באנד II) (אויך געבונדן)
מוט — ווערא קעטלינסקאיא (באנד I) (אויך געבונדן)
מוט — ווערא קעטלינסקאיא (באנד II) (אויך געבונדן)
פאליטישע עקאנאמיע — מאסקווער 2טער פארבעסערטע אויסגאבע פון יאר 1955.
אלעסיא קראוועץ — „זונזאויפגאנג איבער כאנפו“.
דאס הויז אפן שטאט־פלאץ — ע. קאזאקעוויטש
קאטשוביי — א. פערוואנצעוו
דרײַ דערציילונגען — ניקאלאעוו, אוועטשקין, טענדריאקאוו
41 יאר ראטנפארבאנד — א זאמלבוד
שימשון — ק. בראנדים

**K. IVANOV**
**Z. SCHEINIS**

# EL ESTADO DE ISRAEL

(su situación y su política)

*Traducido por:*
**ABRASCHA LEVIN**

[redacted]

**EDITORIAL "HEIMLAND"**
**1 9 6 0**
**BUENOS AIRES**